קיצור

# מנורת המאור

## וראשית חכמה

דאס ספר לערנט דעם מענש ער זאל גיין
אין גאטס וועג · אונ עס שטייט אין דעם
ספר אסך דינים אונ משלים אונ מעשיות
פון דער הייליגער גמרא אונ פון מדרשים ·

---

ווייל מיר האבן געזעהן אז דער מנורת המאור אויף עברי טייטש איז
זייער באריכות · אונ עס איז דא אסך זאכן וואס מען פארשטייט עס נישט ·
איבער דעם האבן מיר עס געמאכט בקיצור אונ מיר האבן אסך זאכן פון דעם
ראשית חכמה אריין געשטעלט :

---

## חלק ראשון וחלק שני

EMUNA PUBLISHING
142 Rodney Street
Brooklyn, N.Y. 11211
388-8812 — 384-0002

כל הזכויות שמורות אצל
הוצאת אמונה
© Copyright 1969 by
M. G. & J. G.

# קיצור מנורת המאור פרק א

## הכלל הראשון הקנאה

(דיין האמת) גאט איז איין אמתר דיין אונ אוז דן דעם מענשן נאך זיינו מעשים נאך אונ שטראפט אים מדה כנגד מדה אזו וויא מיר לערנן אונ דר מסכתא סוטה מוט דר מאס וואס דער מענש מעסט מוט איר מעסט מען צו אים · זאגט רב יוסף חאטשו די מאס וואס דר מענש פר שולדיגט איז בטל גווארין ער זאל גושטראפט ווערן מוט איר ווערט ער אבר דאך גשטראפט מוט אזו איין גלייכנוש וויא די מאס אוז · אונ אזו אוך הט רבי חייא גלערנט · פון דעם טאג אן וואס דס בית המקדש אוז חרוב גווארין חאטשו די סנהדרין זענין בטל גווארין זיי זאלין דן זיין דעם פר שולדיגטן מוט ארבע מיתות בית דין אבר דר דין פון די ארבע מיתות אוז נוט בטל גווארין נייערט גאט שטראפט דעם פר שולדיגטן מוט אזו איין גלייכנוש וויא די ארבע מיתות דהיינו דר וואס אוז חייב סקילה אדר ער פאלט אראפ פון אדאך · אונ ווערט גהרגית דען אזו הט מען גוטון צו דעם וואס אוז חייב גווארין סקילה הט מען אים אראפ גווארפין פון אהוך ארט וואס אוז גוועזן צוויי מאן די הויך · אדר גאט שוקט אוף אים איין חיה אונ זי צו טרעט אים אונ דס אוז גלייך וויא מען הט שטיינר אוף אים גווארפין · אונ ווער עס אוז חייב שריפה אדר ער פאלט אונ פייער ארין אונ ווערט פר ברענט אדר איין שלאנג טוט אים איין ביס אונ דר גופט פר ברענט אים · אונ ווער עס אוז חייב הרג אזו ווערט ער אובר געענפרט צום מלכות אונ ווערט גקעפט אדר גזלנים קומין אוף אים אונ שניידין אים אפ זיין קאפ אונ ווער עס אוז חייב חנק ווערט ער דר טרענקט אונ איין טייך אדר ער שטארבט דורך דר תולשה אסכרה אוז אזו איין שלאפקייט וואס ער ווערט דרווארגין דורך איר אונ זיין האלז · אונ מיר האבין אוך גלערנט רבי מאיר זאגט פון וואנין ווייסן מיר דס גאט שטראפט דעם מענשן מדה כנגד מדה דען אזו שטייט (בסאסאה בשלחה תריבנה) דס גאט הט גשטראפט די מצרים מוט דר מאס וואס זיי האבין גושטראפט די ישראל דען זיי האבין די קונדר פון די ישראל אונ וואסר דר טרענקט דרום זענין זיי דר טרענקט גווארין אונ וואסר אונ אזו טוט גאט צום מענשן ביי אלו עבירות סיי קליין אדר גרוס · אונ מיר לערנן אוך אפ פון דעם פסוק (אחת לאחת למצוא חשבון) דס אלו קליינו עבירות ווערן צו אנאנדר גרעכינט ביז עס ווערט פון זיי אגרוסר חשבון פון עבירות: (וגרסינן) אונ מיר לערנן אוך אונ דר גמרא שמשון אוז גוגאנגין נאך דעם גליסטוקייט פון זיינו אוגין דרום האבין אים די פלשתים אוס גשטאכן זיינו אוגין אבשלום הט גאוה גהאט מוט זיינו האר דרום אוז ער גבליבן הענגן

# קיצור מנורת המאור פ״א

ביי זיינו האר׳ אונ וויל ער איז גו ע ון די צעהן קעפּס ווייבר פון זיין פאטר דרום איז אריין גושטאכון גווארון אונ אום צעהן שפיזון׳ דען אזו שטייט דם די צעהן יונגון די גוועד טרעגר פון יואב האבון גרונגולט ארום אבשלום אונ האבון אום גשלאגון אונ גוטייט׳ אונ וויל ער הט גנגבת דרייא גנבות דם הארץ פון זיין פאטר אונ דם הארץ פון די סנהדרין דען ער הט גזאגט צו זיין פאטר דם ער וויל גיין קיין חברון צו בצאלן דארטן זיינו נדרים וואס ער הט מנדר גוועזן צו מקריב זיין קרבנות פר גאט דען דארטן זענון גוועזן פעטו שאף דרום זאל ער אום געבון אגשריפטס וועלכו צוויי מענשון ער וועט וועלון נעמון מוט זוך זאלון זיי גיין מוט אום׳ הט אים דר פאטר געגעבון אזו איין גשריפטס הט ער גוויזן דם גשריפטס צו צוויי מענשון פון די סנהדרין זענון זיי גגאנגון מוט אום אונ דר נאך הט ער דם גוויזון צו אנדרו צוויי מענשון זענון זיי אוך גגאנגן מוט אום אונ דר נאך ווידר צו אנדרו בוז ער הט איין גזאמלט מוט זוך צוויי הונדרט מאן חשובו לייט ראשי סנהדראות כדי ער זאל קענון מורד זיין אונ זיין פאטר: נוא הט ער דר מוט גנגבת אונ מרמה גוועזן דם הארץ פון זיין פאטר אונ דם הארץ פון די סנהדרין אונ נאך הט ער גנגבת אונ מרמה גוועזן דם הארץ פון כל ישראל אונ הט זיי איין גורעט מוט גוטו רייד זיי זאלון אום וועלון מאכן פר איין מלך דען אזו שטייט אונ פסוק דם אבשלום הט גנגבת דם הארץ פון כל ישראל׳ אונ דרום זענון אריין גשטאכון גווארון אונ אום דריי איזרנו ריטר דען אזו שטייט אונ פסוק דם יואב הט גנומון דריי איזרנו רוטר אונ זיין האנד אונ הט זו אריין גשטעקט אונ הארץ פון אבשלום אונ ער הט נאך גלעבט (תנו רבנן) די רבנים האבון גלערונט שמשון הט מוט זיינו אוגון מורד גוועזן אונ גאט דען ער הט גזאגט צו זיין פאטר נעם מור די טאכטר פון די פלשתים פר איין וויב ווארום זו איז מור וואל געפעלון אונ מיינו אוגון דרום האבון די פלשתים אום אוים גושטאכון זיינו אוגון אונ אזו שטייט אונ פסוק דם די פלשתים האבון אום גוחאפט אונ האבון אום אום גשטאכן זיינו אוגון אונ נאך האבון די רבנים גלערינט פונוף מענשון זענון בשואפן גווארון איטליכר איז גוועזן חשובר אונ איין זאך מיין פון אנדערו מענשון אונ וויל זיי האבון זוך גרוס גהאלטן דרום זענון זיי גשטראפט גווארון מוט די אייגונו זאכון׳ שמשון הט גהאט מיין כח פון אנדרו מענשון אונ וויל ער הט גזונדיגט שטייט אונ פסוק דם זיין וויב דלילה הט אום אפ גגאלט זיינו האר אונ זיין כח איז ווארון אפ גוטון פון אום׳ שאול איז מוט זיין האלז העכר גוועזן מיין פון אנדרו מענשון איז ער מוט אשווערד גשלאגן גווארן

אוף

אויף זיין האלז : אבשלום הט גהאט שיינו האר אוז ער גבליבן העגגן ביי זיינו האר אוף איין בוים · צדקיה הט גהאט שיינו אוגן שטייט אוג פסוק דם נבוכדנצר הט אים בלינד גמאכט זיינו אוגן · אסא אוז בשאפון גווארן מוט שענערו פוס מיין פון אנדרו מענשון אוז ער אויף זיין עלטר קראנק גווארון אוף זיינו פוס אוג הט גהאט דם שלאפקייט פודגרא · מר זוטרא הט גזאגט צו רב נחמן וויא אזו אוז דם וויאנוש פון דעם שלאפקייט פודגרא · הט אים רב נחמן גזאגט אזו גלייך וויא מען שטעכט מוט איין נאדול אוג איין לעבדוגון מענשונס פלייש · פרעגט דו גמרא פון וואנון האט עס רב נחמן גוויסט זאגון איין טייל דם ער הט גהאט דם שלאפקייט דרום הט ער גוויסט דם וויאנוש פון דעם · אוג אטייל זאגון ער הט עס פון זיין שכל גוויסט דען עס שטייט (סוד ה' ליראיו) גאט אוז מודיע זיין סוד צו זיינו פארכטוגו לייט רבא דרשת דם דר מלך אסא הט זוך פר זונדוגט ווס ער אוז קראנק גוועזן אוף זיינו פוס וייל ער הט גארבוט מוט תלמידי חכמים דען אזו שטייט דאס דר מלך אסא הט איין גזאמלט גאנץ יהודה אז מען הט גובויעט איין בלעגרונג אוף ירושלים · עס אוז קיינר נוט ריין גוועזן דר פון אוג הט זיי גהייסן אוועק טראגון דו שטיינר פון דעם בלעגרונג אוג הט מוט זיי גובויעט שטעט אפילו איין חתן הט גמוזט גיין פון זיין קאמור אוג איין כלה פון אור חופה מכל שכן דם דו תלמידי חכמים זענון גגאנגן צו דר ארבוט דרום אוז ער גשטראפט גווארון מוט דר קרענק אוף זיינו פוס : (וגם) אוג מור גפינון אוך ביי יששכר דר האר פון דעם דארף ברקאי ער אוז גוועזן אכהן גדול אוג אוז גשטראפט גווארון מדה כנגד מדה אזו וויא מור לערנון אוג דר גמרא פסחים דם פור גשריי הט גשרואון דו עזרה דם ערשטו גשריי אוז גוועזן גייט ארוס פון דאנן אור קונדר פון עלי דם אור הט מטמא גוועזן גאטס היכל אזו ווי עס שטייט (אשר ישכבון את הנשים) דם אנדרו גשריי אוז גוועזן גייא ארוס פון דאנון יששכר דר האר פון דעם דארף ברקאי ווס ער אוז זוך מכבד אוג פר שוועכט גאטס קרבנות דען ווען ער הט גוטון דו עבודה הט ער אן גוטון זיידענע הענטשקוס אוף זיינו הענד אוג הט דו קרבנות נוט גוואלט אן רורון מוט זיינו בלוזו הענד אוג דם אוז איין בזיון פר דו קרבנות אוג ווידר מור לערנן אפ פון דר תורה דם דר כהן הט גדארפט טון דו עבודה מוט זיינו בלוזו הענד דאס דרוטו גשריי הט דו עזרה גשרוגון עפינט אייך אור טוערון פון דעם בית המקדש אוג לאז אריין גיין ישמעאל בן פאבי איין תלמיד פון פנחס אוג זאל דונון פר איין כהן גדול דם פערדו גשריי הט דו עזרה גשריגען עפינט אייך אור טוערון פון דעם בית המקדש אוג לאז אריין גיין יוחנן בן

# קיצור מנורת המאור פ״א

נרבאי אונ זאל אן פולן זיין בויך פון גאטש קרבנות אונזערו חכמים האבן גזאגט אוף יוחנן בן נרבאי דס ער פלעגט אוף עסן אונ זיין סעודה דרייא הונדרט קעלבר אונ פלעגט אוס טרונקן דריי הונדרט פעסר וויין אונ פלעגט אוף עסן פיר הונדרט טויבן אונ איין קינוח סעודה ווארום ער הט זייער פיל כהנים מגדל גוועזן ביי זיך אונ הויז דרום האט ער אזו פיל גדארפט אונזרו חכמים זאגן כל זמן דר יוחנן הט גלעבט איז קיין פלייש פון איין קרבן נוט איבר גבליבן מיין פון זיין צייט וום אונ דר תורה שטייט נייערט מען הט אלץ אוף גגעסן אונ זיין צייט זאגט די גמרא וואס פר איין עונש הט דר יששכר גהאט דר פר וואס ער הט גוטון די עבודה מיט הענטשקוס אונ הט נוט גוואלט איין שמורין זיינו הענד איז אום דם אום גגאנגן דם איין מאל איז גזעסן דר מלך פון דעם הויז גזונד פון חשמונאי מיט דער מלכה דר מלך הט גזאגט דם פלייש פון איין ציקלי איז בעסר צו עסן וויא פון איין שאף אונ די מלכה הט גזאגט דם פלייש פון איין שאף איז בעסר האבן זיי גזאגט ווער וועט אונז זאגן ווער עס האט רעכט מיר וועלן פרעגן דעם כהן גדול ער ברענגט אוף אלע טאג קרבנות אוף דעם מזבח ווייסט ער געווים וואל וועלכם איז בעסר איז ער גקומן אונ הט גפעכט מיט זיין האנד אקעגן דעם מלך אוף גשפעט אונ הט גזאגט ווען איין ציקעלי זאל בעסר זיין וואלטן דאך דם גבראכט אלו טאג פר איין קרבן תמיד אונ מיר ברענגן דאך איין שאף פר איין קרבן תמיד מוז דאך זיין דם איין שאף איז בעסר הט דער מלך גזאגט ווייל ער הט פר מיר קיין מורא נוט גהאט דען נוט גענוג וום ער הט ניט גזאגט דם אוף האב רעכט הט ער נאך גפעכט מיט זיין האנד אוף גשפעט דרום זאל מען אים אפ האקן זיין רעכטו האנט הט ער געגעבן שוחד הט מען אים אפ גהאקט זיין לונקו האנד הט עס דר מלך דר הערט הט ער אים גהייסן זיין רעכטו האנד אוך אפ האקן זאגט רב יוסף גלויבט איז גאט וואס ער איז בצאלט גווארן פון דעם יששכר כהן גדול אוף דר וועלט מדה כנגד מדה דר פר וואס ער הט זיינו הענד צו חשוב גהאלטן פון צו טון מיט זיי די עבודה דרויף זענען זיי אים ווארן אפ גהאקט זאגט רב אשי דר יששכר איש כפר ברקאי הט נוט גלערנט קיין גמרא דרום הט ער גזאגט דם איין שאף איז בעסר דען אונ דער גמרא שטייט דם רבי שמעון זאגט דם איין שאף מיט איין ציג זענען ביידו גלייך רבינא זאגט ער הט קיין פסוק אוך נוט גלערנט דען אונ דר תורה שטייט בשיידלוך דם זיי זענען ביידו גלייך גוט (וכמו) אונ אזו וואל זייא מיר גפונן דאס גאט בצאלט בייז מדה כנגד מדה אזו בצאלט ער אוך גוטם מדה כנגד מדה אונ ביי גוטם בצאלט גאט

מיין

מיין וויא דר מענש טוט אונ מור לערנן אוך אונ דר גמרא תענית אונ דר
שטאט סוריא איז געווען דבר אונ אין דר גאס וויא רב הט גוואנט איז נוט
געווען קיין דבר דא האבין די לייט גמיינט דס איז דורך רבס זכות האבין זיי
גזעהון אונ חלום דס דס איז נוט פון רבס זכות וועגין דען רבס זכות איז פול
גרעסר דס גרעסערי ניסים זאלון געשעהון דורך אים אונ דר נס איז גאר איין
קליינו זאך פר רב נאר ווייל איין מאן וואנט אונ דר גאס אונ ער לייט אהאק
צו גראבין קברים דרום הט אים גאט בצאלט מדה כנגד מדה דס די לייט
וום וואנון אונ זיין גאס זענון נוט געשטארבן אונ דר שטאט דרוקתא איז געווען
אשריפה אונ אין דר גאס וויא רב הונא הט גוואנט איז נוט געווען קיין שריפה
האבין די לייט גמיינט דס דס איז דורך דעם זכות פון רב הונא האבין זיי
גזעהן אונ חלום דס דס איז נוט פון רב הונא זכות וועגין דען רב הונא זכות
איז פול גרעסר דס גרעסרו נסים זאלון געשעהן דורך אים אונ דס איז נאך
אקליינו זאך פר רב הונא · נייערט דס איז דורך דעם זכות פון איין אשה וום
זו וואנט אונ דר גאס אונ הייצט אלו ערב שבת אור אובין אונ לאזט די ארומגי
לייט וום וואנון אונ אור גאס צו קאכון אונ באקון אונ אום · דרום איז אור
אוך איין נס געשעהן מוט פייאר פון דאנון לערנון מור אפ דס גאט בצאלט
צום מענשון מדה כנגד מדה צו בייזון אונ צו גוטון :

## פרק שני

ג (יש) עס זענון דא אנדרו לייט וואס זיי ווערון געשטראפט מדה כנגד מדה
דורך גאט אליין אזו וויא מור לערנן אונ דר גמרא סנהדרין אונ פרק
חלק · די רבנים האבין גלערנט דס דור המבול האבין זוך איבר גנומן דורך
דעם פול גוטס וואס גאט האט זיי געגעבון אזו וויא אונ פסוק שטייט · זייערו
הייזער זענון געווען שלום אן איין שום מורא אונ נאטס שטראף איז נוט געווען
אויף זייא דען וויא באלד זייערו קונדר זענון געבורון געווארון האבין זייא
געקענט גיין אונ זיי האבין קיין טרחה נוט געהאט צו דער צוהן זייערו קונדר
אונ זייערי קליינו קינדר זענון געשפרונגן באלד וויא זיי זענון געבורון געווארן
אונ די מוטר הט געשיקט דס קונד צו ברענגן אור איין שער צו אפ שניידן
אום זיין נפול אונ צו אנצינדן אור אליכט אונ ווען אשד הט דס קינד בגעגינט הט דס
קינד געקענט מלחמה האלטן אקעגון דעם שד זייא האבין זייערי טעג אויס
געבראכט מוט שמחה אונ האבין זייערו יארון אום געלעבט אונ גוטס אונ זענגן
געשטארבן אונ איין רגע אן קרענק אונ אן יסורים אונ זיי האבין גזאגט צו גאט
טוא דוך אפ פון אונז אונ דס וויסון שאפט פון דיינו וועגון ווילון מור נוט

וואס

# קיצור מנורת המאור פ״ב

וואס איז דער אלמעכטיגער גאט דם מיר זאלין אים דינין אונ וואס וועלין מיר געהאלפן ווערין אז מיר וועלין אים בעטין מיר דארפן מיין ניט צו אים גאר פון וועגין דעם רעגין מעג ער דם אויך האלטן ווארום מיר האבן טייבן אונ קוואלן וואס מיר קענין ניצין פון זיי הט גאט גזאגט מיט דעם גומם פון דעם וואסר וואס איך האב איך געגעבן טוט איר מיך דער צערנן וועל איך אייך שטראפן מיט וואסר אונ אויך וועל ברענגן איין פר פלייצונג פון וואסר אויף דר ערד · (וגרסינן נמי) אונ מיר לערנן אויך אונ דר מסכת שבת פון וועגין דרייא עבירות שטארבן ווייבר ווען זיי דארפן געווינן זייערו קינדר ווייל זיי זענין ניט נזהר אונ מצות נדה אונ חלה אונ הדלקת הנר דען ווען זי האלט ניט רעכט נדה הט זי גזינדיגט מיט דעם בלוט וואס גייט ארוס פון די חדרים פון איר דרום ווערט זי אויך געשטראפט דם דם קינד קען ניט ארוס גיין פון די חדרים פון איר · פרעגט דוא גמרא דער טעם איז רעכט דם זי ווערט געשטראפט ווייל זי האלט ניט רעכט נדה ווארום ווערט זי אבר געשטראפט ווען זי האלט ניט חלה אונ הדלקת הנר זאגט די גמרא עס הט גדרשנט. איינר פון דעם לאנד גליל פר רב חסדא גאט זאגט אויך האב געגעבן אונ אייך ארביעית דם וואס דעם מענשנס לעבין הענגט אונ דעם האב אויך אייך געגעבן איין מצוה פון דם דאס איז דם נדה איך האב אייך ישראל גרופין ראשית דם איר זענט דם ערשטו פון אלו אומות האב אויך אייך אויך געגעבן איין מצוה פון ראשית דם איר זאלט דם ערשטו פון אייער טייג אפ שיידין חלה אויך האב אייך געגעבן אנשמה זי ווערט אן גרופין נר דען אזו שטייט (נר ה׳ נשמת אדם) גאטס ליכט איז די נשמה פון דעם מענשן האב אויך אייך געגעבן איין מצוה הדלקת הנר אוב איר וועט היטין די דרייא מצות איז גוט אונ אוב ניט וועל איך צו נעמין אייער נשמה דען וועט אייער ליכט פר לאשין ווערין אונ אייער נאמין ראשית וועט בטל ווערין אונ אייער בלוט וועט פר לורין ווערין דאס איז מדה בנגד מדה אונ דווקא די ווייבר זענין דרויף געשאפט גווארין אזו וויא אונ מדרש רבה שטייט ווייל די אשה הט גמאכט פר לורין אדם הראשון וואס ער איז ווארין אפ גשייד איז וויא חלה אונ הט פר לאשין זיין ליכט אונ הט פר גאסין זיין בלוט מיט דעם וואס זי הט אים געגעבן עסין פון דעם עץ הדעת דרום. איז זי געשאפט גווארין אויף די דריי מצות דם נדה אונ חלה אונ הדלקת הנר אונ ווידר אלו זאכן פון דעם הויז ווערין גיטון דורך דר אשה דרום זענין די צוויי מצות חלה אונ הדלקת הנר אויך גווארפן אויף דר אשה · פרעגט די גמרא אונ ווארום ווערן די ווייבר געשטראפט גראד ווען זיי דארפן געווינן זאגט רבא מען זאגט איין שפריך

שפריך ווארט ווען דר אוקס איז גפאלן אזו שארף גשווינד דעם מעסר צו קולין אום אייער וועט אוף שטיין דען וועט מען מוזן טרחה האבון צו אנידר לייגון אום אזו אויך דר מענש אז ער איז געזונד איז זיין מזל ממליץ פר אים אונ לאזט צו אים קיין בייז נוט אבר אז דר מענש איז אונ איין סכנה ווערט זיין מזל שלאברוג פון צו ממליץ אונ צו מגין זיין אוף אים אזו זוכט מען שון נאך אונ זיינו מעשים אוב ער איז ווערט מען זאל אים מציל זיין פון דר סכנה דרום אוך איין אשה אז זו דארף געווינן איז זו אונ איין סכנה דרום זיכט מען נאך אונ אורו מעשים אונ אוב זו הט גזינדיגט ווערט זו דענסמאל גשטראפט · (וגרסינן נמי) אונ מיר לערנן אוך אונ דר גמרא אונ פרק במה אשה הט גדרשת רב עולא דער זון פון · רב עולאי דם וואס עס שטייט אונ פסוק דם גאט איז ברוגז גוועזן אוף די טעכטר פון ציון אונ הט גזאגט (יען כי גבהו בנות ציון) דם מיינט ער דאס די טעכטר פון ציון זענן גאנץ אויף ריכטיג גגאנגן (ותלכנה נטיות גרון) אונ זיי זענן גגאנגן מוט אום גשטרעקטע העלזער אונ וויל זיי האבון גהאלטן זייערו קעפ גאנץ אונ דער הויך דרום האבון זייא געמוזט גיין במילך איין פוס ביי דער אנדערר דען זיי האבון נוט גקענט קוקון אוף דעם וועג וויא אזו צו גיין אונ דם האבון זיי אלין גוטון כדי מען זאל קוקון אוף זיי (ומשקרות עינים) אונ זיי האבון זוך גפארבט זייערע אוגון מוט פארב כדי זיי זאלון שיין אן גזעהן ווערון אונ זיי האבון גווינקן צו די נואפים זיי זאלון קומון צו זייא · פרעגט די גמרא וואס פר איין שטראף האבון זיי דרוף בקומון זאגט די גמרא אזו וויא רבה בר עולא האט גדרשת דעם פסוק (והיה תחת בושם מק יהיה) דם מיינט מען אוף דעם אורט וויא זיי האבון זוך גווערצט מוט בשמים וועט דארטן זיין אין אום פאלונג פון פלייש אונ אויף דעם אורט וויא זיי האבון זוך גגארטילט מוט אשיינום גארטל וועט דארטן זיין איין פר שניידונג פון פלייש פון ווינדן אונ באלון אונ אוף דעם אורט וויא זוא האבון זייער קאפ גצירט וועט זיין אום גופליקט די האר פון מכות · אונ אוף דעם אורט וויא זיי האבין דעם נואף דר פרייט מוט זנות וועלין זיי זוך דארטן אן גירטון איין זאק פר צער אונ צרות · דען דאס אלין וועט דור קומון פר דיין שיינקייט וואס די האסט דוך גצירט דער מוט אקעגן די נואפים · זאגט רב דם איז דם שפריך ווארט וואס לייט זאגון אוף דעם אורט פון שיינקייט קומן בלאטערן אונ אייטר · (וגרסינן) אונ מיר לערנן אויך אונ דר מסכת כלה רבי נהוראי זאגט דר וואס איז מבייש זיין חבר ווערט ער צום סוף מבויש · אונ נאך מיין דר פון דם די מלאכים שטוסון אים אונ ווייזן זיין שאנד פר אלו מענשן פון דר וועלט אונ נאך איין אנדערי זאך

געפונן

געפונגן מור זען דר מענש טוט די עבירה אליין אזו שטראפט אום גאט אליין · אזו וויא רבי יהושע בן קרחה הט גזאגט פרעה הט אליין גשענד גאט אונ הט גזאגט ווער איז גאט וואס איך זאל הערין אונ זיין קול · דרום האט אים גאט אליין בצאלט אזו וויא עס שטייט אונ פסוק אונ גאט האט אום גשטארצט די מצרים אונ ים · סנחרב הט גשענד גאט דורך איין שליח אזו וויא עס שטייט אונ פסוק דורך דיינו שלוחים האסטו גשענד גאט אונ האסט גזאגט מיט מיינו פול רייט וועגין וועל איך קומין קיין ירושלים איך האט ער גזאגט איך האב גגראבין אונ האב גטרונקן וואסר אונ האב טרוקין גמאכט מיט די טרוט פון די פוס פון מיינו היילות אלו טייכין פון די בלעגערונג · הט אום גאט אויך בצאלט דורך איין שליח דען אזו שטייט אונ פסוק אונ עס איז ארוס גגאנגן איין מלאך פון גאט אונ הט גשלאגן אונ דער מחנה פון אשור הונדרט אונ פינף אונ אכציג טויזענד מאן ניא לערנן מיר פון דאגן אפ דס גאט בצאלט דעם מענש מדה כנגד מדה :

# פרק שלישי

ד (יש) עס איז דא אנדרי עבירות וואס דר מענש ווערט אוף זיי גשטראפט מיט גזעצטי יסורים אונ אונזערו חכמים האבין עס אפ גלערנט פון דעם פסוק אזו וויא מיר לערנן אונ דער גמרא שבת רבי נתן זאגט ווען איינר טוט איין נדר אונ האלט אים ניט שטארבט אים זיין ווייב דען אזו שטייט אונ פסוק ווען די האסט ניט צו בצאלן דיינו נדרים וועט מען דיין גלעגר פון אונטר דיר צו נעמין רבי זאגט איבר דעם עון פון נדרים שטארבן דעם מענשנס קונדר קליינרהייט דען אזו שטייט אונ פסוק די זאלסט ניט געבין דיין מויל אונ נדרים צו פר זונדיגן דיין פלייש אונ די זאלסט ניט זאגין פר דעם גבאי פון צדקה די האסט עס אום גערין גרעט דען ווארום זאל גאט צערנן איבר דיין קול אונ ער וועט פר דארבן די מעשה פון דיינו הענד דס מיינט מען דעם מענשנס קונדר די רבנים האבון אויך אזו גלערנט רבי אלעזר ברבי שמעון זאגט דס אובר דעם עון פון פאלשו נדרים שטארבן דען מענשנס קליינו קונדר רבי יהודה הנשיא זאגט אובר דעם עון פון ביטול תורה שטארבן אום זיינו קונדר דען אזו שטייט אונ פסוק האב איך דען אומזוסט גשלאגן אייערו קונדר דס איז געווים ווייל די פאטר האבון די תורה ניט גלערנט רב נחמן בר יצחק זאגט דער וואס זאגט דאס אובר דעם עון פון נדרים שטארבן דעם מענשנס קונדר לערנט ער איך אפ פון דעם פסוק דען דר פסוק זאגט איבר דעם וואס איר האט גוטין פאלשו נדרים דרום האב איך גשלאגן אייערו

קינדר · אונ דער זאך קרוגון רבי מאיר אונ רבי יהודה איינר זאגט דעם מענשנס קונדר שטארבן אובר דעם עון פון מזוזה אזו וויא פון דעם פסוק למען ירבו אוז גדרונגן אונ איינר זאגט אובר דעם עון פון ציצית שטארבן זיי דען אזו שטייט אונ פסוק (גם בכנפיך וגו׳) אוך פון וועגון די עקון פון דיינו קליידר וואס דוא האסט דארטן קיין ציצית נוט אן גמאכט דרום איז גפונון גווארון אוף דער דר חוב פון דעם בלוט פון די ריינו קינדר ווס אוז פר גאסון גווארון איבר דעם דס זענון די קליינו קינדר · רב נחמן זאגט פון דעם פסוק אוז אויך אפ גלערנט דס איבר דעם עון פון מזוזה שטארבן די קינדר דען דר פסוק זאגט וויל אוך האב אייך נוט גפונון גאנץ אונ מיינע מצות וואס אוך האב אייך גשאפט אונ די לעבר פון אייערע טורון דען אור הט דארטן נוט קיין מזוזה דרום האב אוך גשלאגן אונ גמייט אייערו קונדר : (ואמרינן) אונ מור זאגון אוך אונ דר גמרא רבי נחמיה זאגט פון וועגן דער עבירה פון שנאת חנם דס אין מענש הט זיין חבר פיינט אום זוסט מערט זוך קרוג אונ דעם מענשנס הויז אונ זיין וייב אוז מפיל נפלים אונ זיינו זון אונ זיינו טעכטר שטארבן קליינרהייט · רבי אלעזר בן יהודה זאגט פון דעם עון וואס מען גוט נוט קיין חלה קומט נוט די ברכה אונ די איין גזאמלטו אוצרות פון תבואה אונ וויין אונ בוימל · אונ איין קללה וועדט גשיקט אונ דיא מקחים דס אלץ וועדט טייער פר קופט אונ ווען מען זיאוט תבואה קומן פרעמדע פעלקער אונ עסן עם אוף · אונ ווען מען גוט יוא חלה קומט דוא ברכה : איבר דר זינד פון גזל גייט אוף דר היישרוק אונ עם ווערט איין הינגר אונ מענשן עסון דס פלייש פון זייערו זון אונ טעכטר פר הונגער דען אזו שטייט אונ פסוק הערט צו די דאזוגו זאך אור קוא פון דעם לאנד בשן דס מיינט ער די וייבר פון די הארון פון די ישראל וואס זענן אויף דעם בארג שומרון וואס זיי ברובון די ארומו לייט אונ צו שטוסן די אביונים וואס זיי זאגון צו זייערי הארון כלומר צו זייערי מאנן ברענגט אונז אונ מור וועלון טרונקן · זאגט רבא דס מיינט מען אזו איין גלייכניש וויא די וייבר פון מחוזא דאס זיי עסון אונ ווילון נוט טון קיין ארביט · אונ עם שטייט ווידר אונ פסוק אוך האב אייך גשלאגן מוט אוים קלאפינג פון אייערע תבואות אונ מוט גדנקייט דס קיין גוטע תבואה אוז נוט גוועז אונ די זאגן איבר דר זינד פון שבועת שוא אונ שבועת שקר · שבועת שוא הייסט דס לייט וויסון באלד דס ער שווערט פאלש דהיינו ער שווערט אוף האלץ אז דס אוז שטיין אודר נאך אזעלכע שבועות די הייסון שבועת שוא אונ שבועת שקר הייסט דאס לייט וויסון נוט באלד אוב ער שווערט לוגון דהיינו ער

איז

# קיצור מנורת המאור פ״ג

אין שולדיג געלד איינעם אונ שווערט דם ער איז נוט שולדיג · אונ איבר חילול השם דאס איז ווען איין אדם חשוב טוט וואס ניט רעכט איז צו טון לערנן דאך זיך די קלענערי מענשן אפ פון אים אונ זאגן ווען ער טוט איז מעגן מיר אוך איז טון דם איז איין חילול השם אונ איבר חילול שבת מערון זיך · חיות רעות צו קומן צווישן מענשן אונ דוא בהמות ווערון פר לענט אונ דוא מענשן ווערן גמונרט אונ די וועגן פר וויסט דען איז שטייט אונ פסוק ווען איר וועט פארש שווערן וועל איך אן רייצון אונ איך די חיות פון דעם פעלד · איבער דער זונד פון ניבול פה קומן פול צרות אונ בייזע גזרות בנייאון זיך צו קומן אונ דוא יונגע לייט פון דוא ישראל שטארבן אונ יתומים אונ אלמנות שרייאן אונ ווערן נוט געענפרט דען איז שטייט אונ פסוק אובר דעם טוט זיך גאט נוט פרייאן אויף די יונגע לייט פון די ישראל אונ די יתומים אונ אלמנות וועט ער נוט דר בארמן דען אלע ישראל טואן חנפנן אונ איטלכם מויל טוט ריידן ניבול פה רב חנן הט גזאגט פון וועגן רבא אלע לייט ווייסן ווארום אכלה גייט אונטר דר חופה אונ הר וואס מאכט מיאים זיין מויל אונ ציהט אים שענדליכע רייד פון זיין מול אפילו ווען מען הט אן גחתמית אוף אים איין גזר דין צו גוטן פון זיבציג יאר אן · פר קערט מען עס אויף אים צו בייזן דען דער פסוק זאגט (ועוד ידו נטויה) מיינט ער אונ נאך צייט דעם מענשנט יארן זענן דהיינו זיבציג יאר איז גאטס האנד גנייגט צו פר קערן אוף אים די גוטע גזירה צו בייזן · רב חסדא זאגט דר וואס רעד ניבול פה מאכט מען אים טוף דעם גיהנם · דען איז שטייט אונ פסוק איין טופר גרוב איז גמאכט צו דעם מויל וואס רעט פרעמדע רייד דם מיינט מען ניבול פה רב נחמן בר יצחק זאגט דר וואס הערט עס אונ שווייגט דר איז אויך אונ דעם עונש · זאגט רב אושעיא דר וואס רייניגט זיך אפ פון אנדרע עסקים צו עוסקן זיין אונ עבירות פון זנות גייאן אוף אים ארום ביילן אונ וואונדן דען איז שטייט אונ פסוק ביילון אונ וואונדן קומן צו דעם וואס רייניגט זיך אפ צו טון בייז אונ נאך מיין ער ווערט גשטראפט מוט דר חולי הדריקן דם איז געשוואלעכץ דען איז שטייט ער ווערט גשלאגן אונ די חדרים פון זיין בוך דם מיינט מען דאס זיין בויך ווערט אום גשוואלון · אונ נאך איינס הט רב נחמן בר יצחק גזאגט דאס דאס געשווילעכץ איז איין סימן דאס דער מענש איז איין בעל עבירה · דרום גהער איין מענש ממאס זיין אונ בייז אונ אים דער ווייל אונ נוטס :

# פרק רביעי

ה (יש) עס זענן דא אנדערע שטראף וואס זיי קומון אוף גוויסע עבירות אזו וויא אונזערע חכמים האבון גזאגט אין מסכת אבות אונ פרק בעשרה מאמרות · זיבין ארליא שטראף קומון אויף דער וועלט איבר זיבון ארליא עבירות · דהיינו ווען מען האלט אוף דעם דין נאך דעם אז מען האט אים שון אום גקלערט אונ מען זאגט אים דאך נוט אום אינ אוך ווען מען פר קרימט דעם דין דהיינו דו דיינים האבון זוך נוט גוט מיישב גוועזן אונ דעם דין אונ דרום ווערט דר דין קרום גפאסקית אינ אוך ווען מען פאסקית אין דר תורה נוט וויא דו הלכה בלייבט · איין חיה רעה קומט אויף דער וועלט ווען מען שווערט אומזוסט אונ איבר חילול השם גלות קומט אויף דר וועלט איבר עבודת כוכבים ומזלות אינ איבר זנות אונ איבר רציחות אונ וויל מען האלט נוט קיין שמיטה מען זאל נוט אקערן אונ זייאן אינ שמיטה אזו וויא אונ דר תורה שטייט אויך לערנן מור אונ דר גמרא שבת איבר דריי עבירות נדה אונ חלה אינ הדלקת הנר שטארבן דו ווייבר ווען זיי דארפן גווינן רבי אליעזר זאגט איבר דו דריי עבירות שטארבן זיי יונגר הייט אפילו נוט בשעת געווינן רבי אחא זאגט דו ווייבר שטארבן יונגרהייט וויל זיי וואשון אפ דו צואה פון זייערע קינדר אום שבת אונ איין טייל זאגן וויל זיי רופן דעם ארון הקודש קאסטן בלשון בזיון דרום שטארבן זייא יונגרהייט רבי ישמעאל בן אלעזר זאגט איבר צוויי עבירות שטארבן דוא עמי הארצים פר זייער צייט וויל זיי רופן צו איין שול קהלם הוז אונ צום ארון הקודש רופן זיי קאסטן אונ אויך אונ דר מסכת סוכה האבן דו רבנים גלערנט איבר פור זאכין ווערט דו זון גשלאגן ווען איין אב בית דין אוז גשטארבן אונ אוז נוט וואורן בקלאגט וויא רעכט אוז אונ ווען מען האט איין נערה המאורסה מאנס גוועזן אינ שטאט אונ זו האט גשריגון אונ קיינר האט איר נוט גהאלפן אונ איבר משכב זכור אינ איבר צוויי ברידר וואס זיי זענן ביידע אינ איין מאל גהרגת גוואורן אונ איבר פור זאכון ווערט דו לבנה אונ דו שטערן גשלאגן וויל מען שרייבט פאלשע בריב אונ וויל מען זאגט פאלש עדות אונ וויל מען אוז מגדל שאף אונ צוגון אונ ארץ ישראל דען זיי מאכן חרוב ארץ ישראל אונ מען קען זיי נוט איין הוטון זייא זאלן זוך ניט פאסון אונ פרעמדע פעלדר אונ וויל מען האקט אפ גוטע ביימר וואס טראגן פירות דען עס ווייזט אום דאס עס אוז ביי אום נוט חשוב גאטס גוטס וואס ער האט אום גגעבן דו גוטע ביימר אונ איבר פור זאכון ווערן דוא

גיטר

# קיצור מנורת המאור פ״ד ה

גיטר פון די בעלי בתים אוועק גנומן פון זייא ווייל זייא זאמלן בייא זיך גצאלטע שטרות כדי זיי זאלון נאך אמאל גובה זיין מוט זיי אונ ווייל זיי לייאן אויף רווחים אונ ווייל זיי קענון פר הערן אונ די וואס טואון עבירות אונ פר הערן נוט אונ ווייל זיי זאגון צו ברבים צו געבן צדקה אונ געבן נוט אונ נאך איבר פור זאבון ווערן די בעלי בתים אן זייער געלד ווייל זיי האלטן אויף דעם שכר פון דעם גדינגענם אונ ווייל זיי צאלן גאר נוט דעם גדינגענם אונ ווייל זיי ווארפן אראפ פון זיך דעם יאך וואס זיי דארפן געבן צו קהל אודר צום שררה אונ לייגן דאס ארוף אויף אנדרע לייט אונ גאוה אוז איבר אלע דם וואס זיי האלטן זיך גרוס אונ הערשן איבר אנדערע פון וועגן זייער רייכקייט דם אוז זיי גורם דאס זיי ווערן אן זייער רייכקייט מיין פון די אלע דרייא זאכן ׃ אונ מור לערנן אויך אונ דער גמרא יומא רבי יוחנן זאגט עס שטייט אונ פסוק גאטס פארכט מערט טעג אונ די יארון פון די רשעים ווערן גקירצט דאס מיינט מען דר ערשטר בית המקדש אוז גשטאנן פיר הונדרט אונ צעהן יארן אונ עס האבן אונ אום געדינט נאר אכטצעהן כהנים גדולים ווייל זיי זענן גווען גאטס פארכטיגע ׃ אונ דער אנדערר בית המקדש אוז גשטאנן פיר הונדרט אונ צוואנציג יאר אונ עס האבן אונ אום געדינט מיין פון דריי הונדרט כהנים גדולים ׃ רעכן אפ דר פון פערציג יאר וואס שמעון הצדיק איז גווען כהן גדול אונ אכציג יאר וואס יוחנן אוז גווען כהן גדול אונ צעהן יאר וואס ישמעאל בן פאבי אוז גווען כהן גדול אונ אטייל זאגן נאך עלף יאר וואס אלעזר בן הרסום אוז גווען כהן גדול אונ ווייטר די איבריגע כהנים גדולים הט קיינר קיין יאר נוט אויס גלעבט ווייל זיי זענון נוט פרום גווען נייארט זיי האבון די כהונה גדולה גוקופט פר געלד דען רבי אסי האט גזאגט דרייא קבים רענדלך דאט מרתא בת ביתוס ארין גבראכט צו ינאי המלך דם ער זאל מאכון אור מאן יהושע בן גמלא פר איין כהן גדול ׃ דר פון לערנן מור אפ דם די רשעים ווערון גשטראפט אויף זייער בייז אונ דוא וואס האבון מורא פר גאט ווערט דר לענגרט זייערע טעג ׃

# פרק חמישי

ו (יש) עס זענון דא אזעלכע עבירות וואס זיי זענון גגעבן גווארן דם דם בית דין של מטה זאלון שטראפן אויף זיי דהיינו חייבי מיתות אונ מלקות אזו וויא זיי שטייאון ארוס בשיידלך אונ די ספרים פון אונזערע חכמים אונ אויך הט דם בית דין רשות צו שטראפן לייט אונ צו שלאגן זיי ווען די צייט ברענגט עס מוט דהיינו ווען זיי זעהן דם דם דור אוז אוס גבראכן

געבראכין צו טון עבירות אזו וויא מיר לערנן אין דר מסכת סנהדרין אונ אין יבמות רבי אלעזר בן יעקב זאגט איך האב געהערט דס דס בית דין מעגן לייטין שלאגין אונ שטראפן אפילו ווען עס קומט נויא נוט מן התורה אונ ניט דס דס בית דין מעג עובר זיין אויף דר תורה נייערט זיי טון עס כדי צו מאכין דר מוט איין צוים צו דר תורה עס הט זיך געטראפן איין מעשה ביי איין מענשן דס ער הט גרוטין אויף איין פערד אים שבת אונ די צייטן פון די יהירים האט מען אים געבראכט צום בית דין אונ מען האט אים פר שטיינט אונ נוט דס ער איז ראוי געווען דר צו על פי תורה נייערט וויל די צייט הט עס מוט געבראכט דען די יהירים האבין גוזר געווען גזירות אויף די ישראל דס די ישראל זאלין אוועק לאזן זייער אמונה אונ דרום איז דער דור געווען אוסגבראכן צו טון עבירות דרום הט מען אים נהרגת כדי מען דורך דעם די לייט אונ צוים האלטן זיי זאלין ניט ארויס גיין פון דת יהודי אונ נאך הט זיך געטראפן אמעשה ביי אמענש דס ער איז גלעגן מוט זיין ווייב בפרהסיא אונטר אפייגין בוים הט מען אים געבראכט צום בית דין אונ מען הט אים מלקות געשלאגן אונ נוט דס ער איז ראוי געווען דר צו על פי תורה נייארט וויל די צייט הט עס מוט געבראכט דען דר דור איז דענסמאל געווען זייער בחציפות דרום הט מען עס גוטין כדי מען זאל דורך דעם די לייט אונ צוים האלטן אויך האט דאס בית דין געהאט רשות מנדה אונ מחרים צו זיין לייטין אונ צו מאכין הפקר זייער געלד אונ צו בינדן הענט אונ פוס אונ צו נעמן תפוס אונ צו שטראפן מיט אלערליי שטראף ווס עס מיט זיי געפעלן נאך דעם זעהן פון זייערע אוגין ווען די לייט זענין ראוי דר צו אזו וויא מיר לערנן אין דער מסכת מועד קטן דס דס בית דין האט געמעגט איינם מחרים זיין מיט לשון ארור אונ דר וואס עסט אונ טרונקט מיט דעם וואס איז אונ חרם אונ שטייט אונ זיינע פיר איילן דר איז אויך אין חרם · אויך · לערנן מיר אפ פון עזרא דס איין בית דין מעג הפקר מאכן לייטן זייער געלט אזו וויא עזרא הט גלאוט אום רופן דר וואס ווערט נוט קומין אין סוף דרייא טעג אזו וויא די הארין האבין געהייסן זאל ווערן פר וויסט גאר זיין גוטס אויך לערנן מיר אפ פון עזרא דס דס בית דין מעג לייטן לאזן בינדן אונ תפוס נעמן אונ מנדה אונ מחרים זיין דען אזו שטייט ביי עזרא דאס ער הט געמעגט לייטין לאזן ממית זיין אדר געלד צו קנסן אונ תפוס צו נעמן · זאגט רב יהודה מען איז אום מנדה תיכף אונ ווידר נאך דרייסיג טעג אונ נאך זעכציג טעג איז מען אום מחרים ווען ער פאלגט ניט דס בית דין זאגט רב הונא אזו הט רב חסדא גזאגט מען גוט אום נאר

צייט

# קיצור מנורת המאור פ"ה

צייט שני וחמישי ושני אונ דו צייט גוט מען אום נאר צו געלד זאכן דען טאמר הט ער נאך נוט קיין געלד אבר ווען ער הט מבזה גוועזן איין תלמיד חכם אוז מען אום תיכף מחרים · אויך לערנן מיר אונ דר מסכת סנהדרין רייש לקיש זאגט דער וואס הייבט אויף זיין האנט אויף זיין חבר צו שלאגן אום ווען אפילו ער הט אום נוט גשלאגן ווערט ער דאך אן גרופן איין רשע אזו וויא אונ פסוק שטייט משה רבינו האט גזאגט צום רשע ווארום ווילסטו שלאגן דיין חבר אונ ער הט אום דאך נאך נוט גשלאגן נאר וויל ער האט אים גוואלט שלאגן רופט אום שוין דר פסוק אן רשע · זעירי זאגט פון וועגן רבי חנינא דר וואס וויל זיין חבר שלאגן ווערט אן גרופן איין חוטא דען אזו שטייט ביי די קינדר פון עלי דם זיי האבן זייער חלק פון קרבנות גנומען מיט שטארקייט דהיינו ווער עס הט זיי נוט גוואלט געבון האבון זייא אום גוואלט שלאגן · אונ עס שטייט ביי זיי גשריבן דם לשון חטאת (ותהי חטאת הנערים גדולה מאוד את פני ה') רב הונא זאגט אזו איין האנט זאל ווערן אפ גהאקט דען אזו שטייט אונ פסוק די ארום וואס זו אוז גווינט צו ווערן אוף גהובון צו שלאגן לייטן דו זאל ווערן צו בראכן רב הונא הט גהייסן איינום אפ האקון זיין האנט וויל ער אוז גוועזן גווינט צו שלאגן לייטן ·

# פרק שביעי

(וישׁ) אונ עס זענן דא מענשן וואס זיי ווערן אן גנומן אונ גשטראפט פון וועגן די זינד פון אנדערע לייט ווען זייא קענון זייא פר ווערן פון צו זינדיגן אונ פר ווערן זייא נוט אזו וויא מיר לערנן אונ דער מסכת סנהדרין רב יהודה זאגט פון וועגן רב · אבנר אוז דרום גהרגת גווארן וויל ער האט גקענט פר ווערן צו שאול ער זאל נוט הרגנן נוב עיר הכהנים אונ הט אום נוט גווערט אונ מיר לערנן אויך אונ דר מסכת שבת ווער עס קען ווערן אונ זיין הויז געזינד זייא זאלון נוט זינדיגן אונ ווערט זיי נוט ווערט ער גשטראפט איבר די זינד פון זיין הויז געזינד אונ ווער עס קען ווערן אונ זייניע שטעט לייט אונ ווערט נוט ווערט ער גשטראפט איבר דיא זינד פון זייניע שטעט לייט אונ ווער עס קען ווערן אונ דר גאנצר וועלט דהיינו איין מלך

# קיצור מנורת המאור פ"ז

אדר איין נשיא אונ ער ווערט נוט ווערט ער געשטראפט איבר די זינד פון דער גאנצר וועלט זאגט רב פפא אונ די לייט וואס זענן ביי דעם ראש וואס איז געזעצט איבר די ישראל וואס זענון אונ גלות דוא ווערון געשטראפט איבר די זונד פון דער גאנצר וועלט וייל זיי קענון די גאנצע וועלט פר ווערון אונ פר ווערון נוט׳ (אמר) רבי זירא האט גזאגט צו רבי סימון שטראפט די לייט פון דעם ריש גלותא הט רבי סימון גזאגט איך וויס זיי וועלון ניט מקבל זיין פון מיר מיין שטראף האט רבי זירא גזאגט צו רבי סימון חאטשו זיי וועלון נוט מקבל זיין דיין שטראף פון דעסטוועגן טוא דאס דייניגע אונ שטראף זייא דען רב אחא בר חנינא הט גזאגט דאס פון אייבוג אן איז נוט ארוים גגאנגן פון גאטס מויל אגוט ווארט אונ ער זאל חרטה האבון פון דעם צו בייזען נאר וייל זיי האבון איינם דם אנדרע נוט געשטראפט דרום הט גאט חרטה גהאט פון גוטען צו בייזען דען אזו שטייט אין יחזקאל דאס גאט הט גזאגט צום מלאך גבריאל פאר דורך אונ מיטון דער שטאט ירושלים אונ זאלסט צייכנן איין תיו אויף די שטערן פון דוא מאנן וואס זיפצן אונ שרייאן אוף דעם בייז וואס עס ווערט גוטון אונ ירושלים זאלסטו אויף זיי אן צייכנן איין תיו פון טונט כדי די מלאכי חבלה זאלן ניט גווועלטיגן אונ זיי אונ אויף די שטערן פון די רשעים זאלסטו צו צייכנן איין תיו פון בלוט כדי די מלאכי חבלה זאלן יוא גוועלטיגן אונ זייא האט דער מדת הדין גזאגט פר גאט רבונו של עולם פר וואס זענון פר ענדרט דיא דאזיגע פון די דאזיגע׳ האט גאט גזאגט דוא דאזיגע זענון רעכטע צדיקים דרום דארפן זייא לעבן בלייבן אונ די דאזיגע זענן רעכטע רשעים דרום דארפן זיי אום קומון הט דער מדת הדין גזאגט די צדיקים וואלטן דאך גהערט שטראפן די רשעים אונ זיי האבן זיי נוט געשטראפט הט גאט גזאגט צום מדת הדין עס איז אנפלעקט אונ גוויסט פר מיר דם ווען זיי וואלטן זיי געשטראפט וואלטן זייא נוט אן גנומון זייער שטראף הט ווידר דער מדת הדין גזאגט רבונו של עולם ווען די ווייסט עס זייא האבון עס דאך נוט גוויסט אז מען ווערט פון זיי נוט מקבל זיין די שטראף דרום וואלטן זייא דאך זייא גהערט צו שטראפן דרום האט גאט געגעבן רשות מען זאל די פרומע לייט אויך אום ברענגן אונ דרום שטייט פריר אונ פסוק מען זאל אלט אונ יונג בחור אונ בתולה וויבר אונ קליינע קינדר זאל מען הארגנן אונ צו די פרומע לייט וואס אויף זייא איז דער צייכן די תיו זאל מען נוט גנעהנן אונ באלד דער נאך שטייט אונ פון מיינע הייליגע זאלט איר אן הייבן אונ עס שטייט דאס זייא האבון אן גהובון צו דער שלאגן אונ די אלטע לייט וואס זענען

גשטאנן

גשעהן פר דעם בית המקדש ׳ פרעגט דו גמרא אונ ווארום הט מען דווקא אויף גשריבן איין תיו אויף דו שטערון פון דו מאנן מיין פון אלע אותיות זאגט רב דו תיו מאכט תחיה אונ תמו׳ אויף דו צדיקים איז זוא גווען איין סימן זייא זאלון בלייבן לעבון ׳ אונ אויף דו רשעים איז זו גווען אסימן זיי זאלון שטארבון אונ שמואל זאגט דיא תיו האט גמאכט (תמה זכות אבות) עס הט זיך אויס גלאזט זכות אבות ׳ אונ רבי יוחנן זאגט דו תיו הט גמאכט (תחון זכות אבות) עס זאל גלייט זעליגט ווערון אונ דער מאנט ווערן דער זכות אבות ׳ אונ רבי שמעון בן לוי זאגט דו תיו איז דר סוף פון גאטס חותם דען רבי חנינא הט גזאגט גאטס חותם איז אמת דיא אלף איז דאס ערשטע אות פון דעם אלף בית אונ דו מ׳ איז דאס מיטלסטע אות אונ דו תיו איז דאס הינטערשטע אות דאס ווייזט דאס גאט איז דער ערשטר אונ דער הינטרשטר אונ איז אלע צייט ׳ רבי שמואל בר נחמני זאגט דיא תיו הט בטייט דאס דא זענן אים געקומון אזעלכע צדיקים וואס האבן מקיים גווען דו גאנצע תורה פון אלף אונ ביז תיו כלומר פון אן הייב אונ ביז סוף ׳ (ונרסינן) אונ מיר לערנן אויך אין דער מסכת עבודה זרה דס רבי אבא בר כהנא האט גדרשת ׳ עס שטייט אין פסוק דאס אברהם האט גזאגט צו גאט עס זאל זיין פר מוטון צו דיר פון צו טון אזו וויא דו דאזיגע זאך צו טייטן דעם צדיק מיט דעם רשע ׳ פרעגט דו גמרא מיר נפינן דאך אין ספר יחזקאל דאס גאט האט גזאגט אוך וועל פר שנידן פון דור דעם צדיק אונ דעם רשע ׳ ענפרט דוא גמרא דארטן מיינט מען ווען ער איז ניט ארעכטר צדיק ׳ פרעגט דו גמרא ווידר מיר נפונון עס דאך בייא איין רעכטן צדיק אויך אזו וויא אובון שטייט דאס גאט הט גהייסן אן הובון צו אים ברענגן פון דו גאנצע הייליגע מענשן דהיינו פון דו וואס האבן מקיים גווען דו גאנצע תורה פון אלף אונ ביז תיו כלומר פון אן הויב ביז אונ סוף ענפרט דו גמרא דארטן איז אויך וייל זיי האבן גקענט ווערן אונ דו מענשן וואס האבן געזינדיגט אונ האבון זייא נוט גווערט הייסן זייא דרום גוטו קיין רעכטע צדיקים אונ מיר לערנן אויך אונ דער מסכת סוכה איבר פיר זאכן ווערן דיא גימר פון בעלי בתים איבר גענפרט צום מלכות ׳ איז איינס פון זיי וויל זייא האבון גקענט לייטון פר ווערן פון צו זינדיגן אונ האבון זייא ניט גווערט אונ אפילו דער וואס הט נוט אונ זיין מאכט צו פר ווערן זינדיגן איז ער דאך מחויב צו שטראפן דיין חבר ווען ער זעהט אונ אום איין נישטע זאך ׳ אזו וויא מיר לערנן אונ דער מסכת ערכין עס שטייט אונ דער תורה דו זאלסט דיין ברודר נוט פיינט האבון ווערסטו מיינון דו דארפסט אום

קיין

# קיצור מנורת המאור פ"ז

קיין פאטש נוט טון אודר שלאגן אודר שעלטן צו שטראפן אום ווען ער טוט נוט רעכט · זאגט דער פסוק ווייטר עס אוז דיר אליין נוט פר באטן ווען דו טוסט עס צו שטראפן אום דער מ"ט · נייארט אין הארצן זאלסטו דיין ברודר נוט פיינט האבון אויך אוז פון דעם פסוק געדרונגן ווען ער זעהט אונ זיין חבר איין מיאוסה זאך דאס ער מוז אום שטראפן דען עס שטייט (הוכח) אונ ווען ער הט אום גשטראפט אונ ער הט נוט אן גענומן פון אום דו שטראף מוז ער אום נאך איין מאל שטראפן דען עס שטייט אכפל לשון (הוכח תוכיח) שטרפן זלסטו שטרפן דיין חבר · ווען סטו מיינן אפילו ווען דיין חברס פנים ווערט פר ענדערט איבר בושה זאלסטו אום דאך שטראפן דרום שטייט (ולא תשא עליו חטא) דוא זאלסט נוט ליידון איבר דיין חבר איין זינד דהיינו דו זאלסט אום נוט שטראפן פר לייטן דאס ער זאל מבויש ווערון דדיבר דען ווערסטו איין זונד האבון דער פר · (תניא) מיר האבון גלערנט רבי טרפון זאגט אויך פר וואונדר מוך אוב אונ דעם דאזיגן דור אוז דא ווער עס זאל קענון שטראפן דען ווען איינר שטראפט דעם אנדערן אונ זאגט אום נעם ארוס איין שפענדל פון צווישון דיינע ציין · כלומר דו האסט איין קליינע עבירה גוטון · זאגט ער צו אום נעם דו ארוס איין באלקן פון צווישון דיינו אוגון כלומר דו האסט דאך אגרעסרע עבירה גוטון רבי אלעזר בן עזריה זאגט אויך וויגדר מוך אוב אונ דעם דאזיגן דור איז דא ווער עס ווייסט צו שטראפן דאס ער זאל זיין חבר נוט מבייש זיין רבי עקיבא זאגט אויך ווינדר מוך אויב אונ דעם דאזיגן דור אוז דא ווער עס זאל צו נעמון שטראף רבי יוחנן בן נורי זאגט אויך נעם הומעל אונ ערד מיר צו עדות דאס פול מאל אוז עקיבא בן יוסף גשלאגען גווארון דורך מיר ווייל איך האב גקלאגט אויף אום פר רבן גמליאל ווען ער הט עפיס אים רעכט גוטון אונ ער האט נאך דורך דעם גמערט צו לוב האבן מוך אזו וויא אונ פסוק שטייט (הוכח לחכם ויאהבך) שטראף צו אחכם ווערט ער דוך לוב האבון · אונ אתלמיד חכם זאל זוך נוט פאר מיידן פון צו שטראפן צו זיינע שטאט לייט דאס זיי זאלן אום נוט פיינט האבון דען עס איז בעסר פיינדשאפט מוט שטראף אן ליבשאפט פון שטראף אזו וויא מור לערנן אונ דער מסכת כתובות אביי זאגט דער תלמיד חכם וואס זיינע שטאט לייט האבן אים ליב אוז נוט ווייל ער אוז פרום נייערט ווייל ער שטראפט זיי נוט אונ געטליכע זאכון דרום דער וואס הט מורא פר גאט זאל זוך נוט פר מיידן פון צו שטראפן דו רשעים ווייל זיי ווערן אום פיינד האבן דען עס אוז בעסר צו זיין גליבט ביי גאט וויא צו זיין גליבט ביי דו רשעים

רשעים אונ ער איז אויך מחייב צו פיינט האבן גאטס פיינט דען אזו האט גזאגט דוד המלך דעם פיינט פון גאט האב איך אויך פיינט :

## פרק שמיני

«גודל) דאס גרויסקייט פון דער שטראף וואס די רעכטע רשעים האבן נאך דעם טויט איז קיין עק ניט דער צו דען גאט קומט צו נויף רעכנן איף זייא אלע זייערע מחשבות אונ זייערע בייזע מעשים אונ ווערן גמשפט אויף זייא אזו וויא מיר לערנן אינ דער מסכת ראש השנה די בית שמאי זאגן דרייא כיתות וועלין זיין ליום הדין או תחית המתים ווענ זיין איין כת פון צדיקים גמורים וואס האבן מער מצות וויא עבירות איז איין כת פון רשעים גמורים וואס האבן מער עבירות וויא מצות אונ איין כת פון בינונים וואס זייערע מצות אונ עבירות זענין גליך די צדיקים גמורים וועלן תיכף געשריבן אונ גחתמת ווערין צום לעבן פון עולם הבא · די רשעים גמורים וועלין תיכף גשריבן אונ גחתמת ווערין צום גהינם דען אזו שטייט אין פסוק אונ פיל פון די וואס שלאפן אונ דער ערד וועלין זיך אויף וואכן אטייל צום אייביגען לעבן דס זענין די צדיקים אונ אטייל צו פר שעמונג אונ צו איין אייביגע שאנד · דאס זענין די רשעים · אונ די בינונים וועלן נידערין אינ גיהנם אונ וועלין דארטן שרייאון אונ וויינן איין קליינע ווילע פון וועגן יסורים אונ וועלין ווידר ארוס גיין פון דארטן דען אזו שטייט אונ פסוק אונ אויך וועל איך ברענגן דם דריטע חלק אונ פייאר דאס זענין די בינונים אונ אויך וועל זיי לייטרן אזו וויא מען לייטרט זילבר אונ וועל זיי פרובן אזו וויא מען פריבט גאלד · ער וועט רופן אונ מיין נאמן אונ איך וועל אים ענפרין · איך וועל זאגן ער איז מיין פאלק אונ ער וועט זאגן די גאט ביסט מיין גאט אונ אויף זיי הט חנה גזאגט גאט טייט אונ מאכט ווידר לעבידיג ער נידערט דעם מענש אונ דעם גרוב פון דעם גיהנם אונ ברענגט אום ווידר אויף אונ די בית הלל זאגן די בינונים קומן גאר ניט אין גיהנם דען גאט וואס ער הייסט רב חסד ער טוט מיט דעם מענשן פול חסד נייגט ער אראפ די וואג שאל צו דער זייט פון חסד כלומר ער נעמט ארוס איין עבירה פון דער וואג שאל פון עבירות כדי די וואג שאל פון מצות זאלין איבר וועגן די עבירות אונ אויף זייא הט דוד המלך גזאגט איך האב דיך גאט ליב דען די האסט צו גהערט דאס קול פון מיין גבעט אונ האסט מיר די וואג שאל מיט מצות איבר גנייגט אונ אויך דם גאנצע קפיטל האט ער גזאגט אויף זיי (דלותי ולי יהושיע) די גאט האסט אויף

גהובן

# קיצור מנורת המאור פ״ח

גהובין די וואג שאל מוט עבירות אונ האסט מור דר מוט גהאלפן די וואג שאל מוט מצות זאל איבר וועגן אבר די וואס זענון פושעי ישראל מוט זייער גוף אונ אויך די וואס זענון פושעי אומות העולם מוט זייער גוף די נידערן אין גיהנם אונ ווערן גמשפט אונ אום צוועלף חדשים אונ נאך צוועלף חדשים ווערט זייער גוף פר לענט אונ זייער נשמה ווערט פר ברענט אונ איין ווינט פר שפרייט זיי אונ זיי ווערן אש אונטר די מריט פון די פוס פון די צדיקים דען אזו שטייט אונ פסוק אונ איר וועט צו טרעטן די רשעים דען זיי וועלון זיין אש אונטר די מריט פון אייערע פוס אבר די מינים דהיינו דיא וואס לייגן אום די תורה צו בייזן אונ די מוסרים אונ די אפיקורסים דהיינו די וואס זענון מבזה איין תלמיד חכם אונ די וואס לייקענן דאס די תורה איז ווארון גגעבן פון דעם הימל אונ די וואס לייקנן אונ תחית המתים אונ דיא וואס שיידון זיך אפ פון קהל אונ די וואס ווארפן איין מורא אויף די ישראל וואס זיי ווערון אן גרופון ארץ החיים אונ די וואס זינדיגן אונ מאכן נאך אנדערע לייט זינדיגן אזו וויא ירבעם בן נבט אונ זיינע חבירים האבן גוטון דיא אלע נידערן אונ גיהנם אונ ווערון דארטן גמשפט אייביג׳ (דרש רבא) רבא הט גדרשת וואס מיינט דר פסוק (אהבתי כי ישמע ה׳ את קולי תחנוני) דאס זאגן די ישראל פר גאט רבונו של עולם ווען בין איך גליבט פר דיר אין דער צייט אז די הערסט צו דאס קול פון מיין גבעט (דלותי ולי יהושיע) אפילו ווען איך בין ארים פון מצות איז דאך שיין דוא זאלסט מור העלפון אונ זאלסט מיין וואג שאל מוט מצות אראפ בייגן׳ פרעגט די גמרא ווער הייסט איין פושעי ישראל מוט זיין גוף זאגט רבי ישמעאל דאס איז דער וואס לייגט קיין תפילין נוט ווייל די מצוה איז מבוזה אויף אום דאס דוא רצועות פון תפילין זאלן לוגון אויף זיין קאפ׳ זאגט רב יהודה פון ר״בם וועגן דער פרנס וואס ווארפט צו פול מורא אויף קהל דער איז נוט זוכה צו האבן איין זון איין תלמיד חכם׳ אונ די רשעים מאכן גרעכט אויף זיך דעם דין אונ דעם יום דין אזו וויא מור לערנן אונ דער מסכתא עירובין אונ זאגן פר אום רבונו של עולם די האסט גוט דן גוועון אונ האסט גוט מזכה גוועון דעם צדיק אונ האסט מחייב גוועון דעם רשע׳ די האסט רייכט אן גברייט דעם גן עדן צו די צדיקים אונ דעם גיהנם צו די רשעים פרעגט די גמרא וויא זאגסטו דאס די רשעים מאכן אויף זיך גרעכט נאטם דין ריש לקיש הט דאך גזאגט די רשעים אפילו זיי זענון אויף דער טור פון דעם גיהנם טון זיי דאך קיין תשובה נוט דען אזו שטייט אונ פסוק זיי וועלון ארוס גיין אונ וועלן זעהן אונ די טוטע מענשן וואס זענן אונ גיהנם אונ זענן נאך מורד אונ מור

ענפרט

ענפרט דו גמרא דר פסוק שמיסט פון פושעי עובדי כוכבים ומזלות · אובר דיא פושעי ישראל דו מאכן גרעכט אוף זוך נאמס דין אונ לזבון אום נאך פר דו יסורים פון דעם גיהנם : (ולמדנו ג"ב עונשי הרשע) אונ מור לערנן אויך אפ דו שטראף פון דו רשעים פון דו מעשים וואס שטייאן אונ אגדות אזו וויא מור לערנען אונ דער מסכת גיטין אונקלוס בר קלוניקוס איז גוועזן טיטוס שוועסטערס זין האט ער זוך גוואלט מגייר זיין האט ער אוף גבראכט צו טיטוס מוט כישוף אונ האט אום גפרעגט ווער איז חשיב אויף יענער וועלט האט ער אום געענפרט דו ישראל האט אום אונקלוס גפרעגט זאל אוך מיך בהעפטן אונ זיי אונ זאל מוך מגייר זיין האט אום טיטוס געענפערט וויא האבון פול מצות אונ דו וועסט זיי נוט קענן האלטן נייארט רייצט דוך (מוט זיי אונ בליידיג זייא וועסטו ווערן איין עלצטר איבר זייא דען אזו שטייטו אונ פסוק זייערע בליידינר זענון גוואורן צו עלצטע איבר זייא האט אום אונקלוס גפרעגט מוט וואס איז מען דוך דן אויף יענער וועלט האט טיטוס אום געענפרט מיט דעם פסק וואס איך אליין האב אויס גגעבן אוף מור דהיינו אלע טאג זאמלט מען איין מיין אש אונ מען בשאפט מוך אונ מען משפט מוך אונ מען פר ברענט מוך ווידר אוף אש אונ מען פר שפרייט מיין אש אוף זובון ימים דר נאך האט אונקלוס אויך גבראכט צו בלעם מוט כישוף אונ הט אים גפרעגט ווער איז חשוב אויף יענר וועלט הט אום בלעם געענפרט דו ישראל האט ער אים גפרעגט זאל אוך מוך בהעפטן מוט זיי האט ער אום געענפרט דו זאלסט נים פארשטן זייער שלום אונ זייער גוטס אלע דיינע טעג בוז אייביג האט אום אונקלוס גפרעגט מוט וואס איז מען דוך דן אויף יענר וועלט האט בלעם גזאגט אין הייסע שכבת זרע מדה כנגד מדה וויל ער הט איין עצה גגעבן צו מואב אונ מדין זיי זאלן מזנה זיין מוט דוא ישראל דרום איז מען אום אוך דן מוט זרע · אונ נאך לערנן מור אונ מסכת כלה רבי עקיבא איז גגאנגן אונ איין אורט האט ער גזעהן איין מענש טראגן איין גרויסע משא אוף זיין אקסל אונ ער הט נוט גקענט גיין איבר דער משא אונ ער הט גשריגן אונ געזיפצט הט רבי עקיבא אום גפרעגט וואס האסטו גוטון הט ער גזאגט אוך האב נוט גלאזט איין עבירה אוף דער וועלט וואס אוך האב זו נוט עובר גוועזן אונ היינט זענן גזעצט אוף מור ממונים אונ הוטין מוך אונ לאזן מוך נוט אפ ריאן האט רבי עקיבא אום גפרעגט האסטו גלאזט איין זון הט ער גזאגט צו רבי עקיבא איך בעט דוך דו זאלסט מוך נוט זוימען וואורום אוך האב מורא פר דוא מלאכי חבלה דען זייא שלאגן מוך מוט פייארדיגע רוטער אונ זאגן צו מור ווארום קומסטו נוט געך הט רבי עקיבא גזאגט צו אום זאג מור וואס האסטו גלאזט

אויף

אויף דער וועלט · האט ער גזאגט אוך האב גלאזט מיין ווייב מעוברת אוז רבי עקיבא גגאנגן אונ זיין מדינה אונ הט גפרעגט וויא אוז דאס ווייב פון דעם דאזיגן מאן האבין דוא לייט גזאגט צו אום עס זאל ווערין אוים גערוסין זיין גדעכטנויש פון דעם דאזיגן רשע אונ זיינע בייער זאלן צו ריבן ווערן · הט רבי עקיבא זיי גפרעגט ווארום שעלט איר אום אזו האבן זייא אום גזאגט ער אוז גוועז איין גזלן אונ פלעגט בגזלענן מענשן אונ מצער זיין בשעפנש אונ נאך מיין ער איין נערה המאורסה אים יום כיפור אוז רבי עקיבא גגאנגן אונ דעם הויז פון דעם דאזיגן רשע אונ האט גפינן זיין ווייב מעוברת האט ער גווארט ביז זי האט געווינן איין זון אונ האט אום מלי גוועזן אונ אז דער זון אוז גרוס גווארן האט רבי עקיבא גלערנט מיט אים אונ הט אים גבראכט אין שול אריין ער זאל זאגן קדיש אונ ברכו בציבור · אונ איין צייט ארום אוז רבי עקיבא ווידר גגאנגן אונ דעם דא יגן אורט הט זוך דער מת געוויזן צו אום אונ האט אים גזאגט דיין דיעה זאל רואן דר פר וואס די האסט גמאכט מיין דיעה רואן : (ומצינו) אונ מור גפונן די מעשה גשריבן מיין באריכות אונ מדרש רבי תנחומא אונ פרשה תולדות עס האט זוך גטראפן אמעשה בייא רבי עקיבא דאס ער אוז גגאנגן אוף איין בית הקברות אונ האט בגעגנט אמענש וואס זיין פנים אוז גוועזן שווארץ וויא איין קול אונ ער הט גטראגן פיל האלץ אוף זיין אקזויל אונ אוז דר מיט גלאפן אזו וויא איין פערד הט רבי עקיבא גוזר גיוען אוף אים אונ האט אים גמאכט שטיין אונ האט גזאגט צו אים מיין זון ווארום טוסטו אזו איין שווערע ארבוט ביסטו אנדרש איין קנעכט אונ דיין האר גוינש אויף דיר אזו איין שווערע ארביט וועל איך דיך אוים לייזען פון אים אונ וועל דיך מאכן פרייא אונ אויב דוא טיסט דאס איבר ארימקייט וועל אוך דיך רייך מאכן האט דער מאן גיענפרט צו רבי עקיבא לאז מיך גיין מיין האר דען איך קען נוט בלייבן שטיין האט רבי עקיבא גזאגט צו אים ביסטו פון מענשן אודר פון מזיקין ביסטו האט ער גזאגט צו אום איך בין איין מת אונ אלע טאג מוז איך האקן האלץ אונ מען פר ברענט מיך דער מיט האט רבי עקיבא גזאגט צו אום וואס איז גוועזן דיין מלאכה בייא דיין לעבן האט דער מת גזאגט איך בין גוועזן איין ממונה צו גובה זיין מס פלעג איך דוא עשירים חנפענן אונ פר זעהן אונ די ארימע לייט פלעג איך הארגנן אונ נאך מיין איך איין נערה מאורסה אים יום כיפור האט רבי עקיבא גזאגט צו אום מיין זון האסטו נוט געהערט פון די מלאכים וואס זענן ממונים איבר דיר אויב עס אוז דא צו דיר איין תקנה האט דער מת גזאגט האלט

האלט מיך נוט אויף דעי טאמר וועלן צערנן אוף מיר דיא בייזע מלאכים וואס זענן גזעצט איבר מיר אונ איך האב נוט קיין תקנה אונ איך האב ניט געהערט קיין שום אום לייזונג צו מיר נייערט איך האב גהערט פון דיא מלאכים דאס זייא האבן מיר גזאגט ווען דו זאלסט האבן איין זון אונ ער זאל שטיין בציבור אונ זאל זאגן (ברכו את ה׳ המבורך) וואלט מען דיך לוז גלאזט פון די יסורים׳ אונ איך האב נוט גלאזט קיין זון נייערט איך האב גלאזט מיין ווייב מעוברת אונ איך ווייס נוט אוב זיא הט געווינן איין זכר אודר אנקבה אונ אפילו ווען זי האט געווינן אזכר ווער ווערט אום לערנען תורה הט אום רבי עקיבא גפרעגט וויא אזו איז דיין נאמן הט ער גזאגט עקיבא אונ וויא אזו איז דיין ווייבס נאמן הט ער גזאגט שושמירה אונ וויא אזו איז דר נאמן פון דיין שטאט׳ האט ער גזאגט אלדוקא האט זיך רבי עקיבא מצער גוועזן אויף אום אונ איז גנאנגן פון שטאט צו שטאט ביז ער איז גקומן צו זיין שטאט אונ הט גפרעגט וויא איז דער מאן אונ זיין הויז׳ האבן די לייט גזאגט זיינע ביינר זאלן צו מאלן ווערין אונ גיהנם׳ הט ער גפרעגט אויף זיין ווייב׳ האבן זיי גזאגט איר נאמן אונ איר גדעכעניש זאל ווערן אויס גמעקט פון דער וועלט׳ הט ער גפרעגט אויף זיין זון׳ האבן זייא גזאגט ער איז נאך איין ערל אונ האט זיך נאך ניט מל גוועזן אזו האט רבי עקיבא באלד גנומן דעם זון אונ האט אים גזעצט פר זיך צו מאכן אים לערנען תורה׳ הט ער אבר נוט גקענט מקבל זיין דאס לערנן ביז רבי עקיבא הט גפאסט פון זייגעט וועגן פערציג טעג׳ איז ארוס גנאנגן איין בת קול פון דעם הימל אונ הט גזאגט אויף דעם דאזיגן פאסטו׳ הט רבי עקיבא גזאגט יוא׳ האט ער מקבל גוועזן דעם אלף בית׳ אונ רבי עקיבא האט אים גפירט צו זיין הויז אונ הט אים גלערנט בענשן אונ קריאת שמע אונ שמונה עשרה אונ הט אום גשטעלט אונ שול אונ ער הט גדאוונט בציבור פר דעם עמוד אונ הט גזאגט (ברכו את ה׳ המבורך לעולם ועד) אונ דער שעה הט מען דעם מת לוז גלאזט פון די יסורים אונ ער איז גקומן צו חלום צו רבי עקיבא אונ הט גזאגט צו אים דיין דעה זאל רואן אונ גן עדן דער פאר וואס דו האסט מיך מציל גוועזן פון דעם דין פון דעם גיהנם׃ (והנשמה) אונ די נשמה איז זיך נאך דעם טוט משתתף מיט דעם גוף צו מקבל זיין די שטראף אזו וויא מיר לערנען אין פרק חלק אנטונינוס האט גזאגט צו רבי דר גוף אונ דיא נשמה קענון זיך נאך דעם טוט פטערן פון דעם דין׳ דער גוף קען זאגן די נשמה הט געזינדיגט דען פון דעם טאג אן וואס זי הט זיך אפ גשייד פון מיר ליג איך אונ קבר אזו וויא איין שטיין וועם

שוויגט אונ רירט זיך נוט אונ דיא נשמה זאגט דער גוף האט געזינדיגט דען פון דעם טאג אן וואס איך האב מוך אפ גשייד פון דעם גוף פליה אוך אין דער לופטן אזו וויא איין פוגול אונ זינדיג נוט. האט רבי גזאגט צו אנטונינוס איך וועל דיר זאגן איין משל דו זאך איז גלייך צו איין מלך וואס האט גהאט איין שייגעם וויין גארטן אונ האט גהאט אין דעם וויין גארטן שייגע צייטיגע פירות אונ האט גזעצט אונ אום צווייא שומרים איין הינקעדיגן אונ איין בלינדן האט דער הינקעדיגר גזאגט צום בלינדן איך זעה שייגע צייטיגע פירות אונ דעם וויין גארטן קום אונ מאך מוך רייטן. אוף דור אונ מיר וועלן ברענגן דו פירות צו אויף עסן זיי האבן זייא אזו גטאן אונ איין צייט ארום איז גקומן דער מלך דער האר פון דעם וויין גארטן׳ אונ הט גזאגט צו זייא וויא זענן דו שייגע צייטיגע פירות׳ הט דער בלינדר גזאגט צו אום האב איך דען אוגון צו זעהן דאס איך זאל זיי האבן גנומן׳ אונ דר הינקעדיגר הט גזאגט האב איך דען פוס צו גיין מוט זייא דאס איך זאל זייא האבון גענומן וואס האט דער מלך גוטון האט ער גמאכט רייטען דעם הינקעדיגן אוף דעם בלינדן אונ האט זיי גמשפט אונ איינם ווארום ער האט צו זייא גזאגט אזו הט איר גוטון אויף עסן דו שייגע צייטיגע פירות׳ אזו אויך ברענגט גאט דו נשמה פון דעם מענשן נאך דעם טוט אונ ווארפט זו אריין אונ גוף אונ שטראפט זיי מוט אנאנדר דען אזו שטייט אונ פסוק גאט טוט רופן צום הומול פון אובון דס איז דו נשמה פון דעם מענשן וואס זו קומט פון אובן פון דעם הימל אונ צו דער ערד טוט ער רופן פון אינטן דאס איז דער גוף וואס ער קומט פון דער ערד טוט ער רופון צו זייא צו משפטן זיי מוט אנאנדר דרים דארף דער מענש מורא האבון פר דעם דאזיגן גרוסן עונש אונ זאל נוט נאך יאגן נאך זיין גליסטיקייט וואס דס איז זיין יצר הרע וואס ער איז זיין שונא אונ וויל אום פר פירן׃

## פרק תשיעי

(מסברא נראה) פון דעם שכל קען מען זעהן דאס עס איז דא איין עונש צו דיא רשעים אוף יענר וועלט איבר זייערע זינד וואס זיי האבן גטאן אויף דער וועלט דען ווען עס קומט צו איין מענשן גוטס אויף דער וועלט פון וועגן דעם שכר פון איין מצוה אודר בייז פון וועגן דעם עונש פון איין עבירה איז דס נאר מעשה נס אונ דס איז איין פר בארגענר נס כלומר ער איז פר בארגן פון דעם מענש דען דער מענש טראכט זוך דס דס איז דר מנהג פון דער וועלט אונ דער אמת איז דאס גאר לשכר אודר לעונש

אונ

אונ דרום האט די תורה אן געשריבן (הכרת תכרת הנפש ההוא עונה בה) פר שניטן זאל ווערן פר שניטן דאס דאזיגע נפש וויל איר זינד איז אונ איר ' אונ אונזערע חכמים האבן עס מפורש געווען זוא וועט ווערן פר שניטן פון דער וועלט אונ וועט ווערן פר שניטן פון יענר וועלט ' וויל זי האט זיך נוהג געווען פר קערט פון איר ניטן שכל אונ דאס האבן אונזערע חכמים גמיינט וואס זייא האבן גזאגט די צדיקים אפילו ווען זיי זענן טוט ווערן זייא דאך אן גערופן לעבדיגע ' אונ די רשעים אפילו בייא זייער לעבן ווערן זייא אן גרופן טויטע אזו וויא מיר לערנן אין דער מסכת ברכות ' רבי חייא אונ רבי יונתן זענן געגאנגן אויף איין בית הקברות זענן געהאנגן די ציצית פון רבי יונתן איבר די קברים הט רבי חייא גזאגט צו רבי יונתן הייב אויף די ציצית כדי די מתים זאלן ניט זאגן מארגן וועלן זייא קומון צו אונז כלומר זייא וועלן דאך אויך אמאל שטארבן אונ היינט שענדן זיי אונז דאס זייא וויזען דאס זיי טון מצות אונ מיר מתים קענן קיין מצות ניט טון ' אין דאס וואס וואס אין פסוק שטייט די מתים וייסן גאר נוט דאס מיינט מען דוא רשעים וואס אפילו בייא זייער לעבן ווערן זייא אן גערופן מתים די מאכן זיך גליך וויא זיי וייסן נוט דס זיי וועלן שטארבן אונ טואון עבירות ' אונ ווען מען וויל קען מען עס פון דיים פסוק אויך אפ לערנן דאס איין רשע ווערט ביי זיין לעבן אן גרופן מת דען דער פסוק זאגט דורך צוויי עדים אדער דורך דרייא עדים זאל ווערן גטייט דער מת ער לעבט נאך אונ דר פסוק רופט אים אן מת אזו פון דאנון אפ גלערנט דאס די רשעים אפילו בייא זייער לעבן ווערן זייא אן גרופן מתים אונ מכל שכן נאך דעם אז דאס נפש ווערט אפ געשייד פון דעם גוף קערט זיך בוודאי דאס נפש אום צו איר גוויינהייט אונ ווערט פר לורן אונ פר שניטן פון עולם הבא ' אונ אויך אזעלכע האבן אונזערע חכמים גזאגט זיי גידרן אונ גיהנם אונ ווערן דארטן גמשפט צוועלף חדשים אונ נאך צוועלף חדשים ווערט זייער גוף פר לענט אונ זייער נשמה ווערט פר ברענט אונ איין ווינט פר שפרייט זיי אונטער די טריט פון די פוס פון די צדיקים דס מיינט מען זייער נשמה פר זוימט זיך אין גיהנם וויל זייא זענען געוויינט געווען צו גצוגון ווערון נאך די תאוות פון דער וועלט פר זוימן זייא זיך אונ גיהנם צו מקבל זיין זייער עונש כדי צו גלייטערט ווערון אונ דער נאך קומן זייא אויף דער אונטערשטער טרעפ וואס אונטער די היילגע נשמות אוז (על כן) דרום איז בעסר צום מענש צו פייניגן זיין גוף אונ צו מכניע זיין אום אונ צו אים לייטרן אום אויף דער וועלט וואס זו אוז גליך וויא איין שאטן וואס גייט אוועק כדי ער זאל קומן מוט שלום

# קיצור מנורת המאור פ"ט

שלום אויף יענער וועלט אונ זאל זיך תענוגים אן טון אונ זאל לעבן אויף דער אמתר אייביגר וועלט · אונ עס זענען דא אזעלכע זאכן וואס זיי זענען אזו הארב וואס אפילו דער מענש דארף זייא האבן צו איין רפואה האבן אונזערע חכמים אום פר באטן ער זאל נוט געהיילט ווערון מוט זייא בדיי צו דר הייטרן זיי אזו וויא מיר לערנן אונ דער מסכת פסחים רבי יוחנן זאגט מיט אלע זאכן מעג זיך דער מענש היילן אפילו מוט אסורי הנאה אויס גענומן מוט די זאכן פון דער עבודה זרה וואס הייסט אשרה טאר מען זיך ניט היילן פרעגט די גמרא וויא אזו שמיסט דא אוז אנדערש איין סכנה געהער מען דאך מוט די זאכן פון איין ליגן בום אויך מעגן זיך צו היילן צו מציל זיין דעם מענשנס לעבן אוז אנדערש נוט קיין סכנה טאר מען זיך דאך מוט אנדערע אסורים אויך נוט היילן ענפרט די גמרא דא שמיסט אונ אמת אז עס אוז יוא דא איין סכנה אונ פון דעסטוועגן טאר מען זיך דאך ניט היילן מוט די זאכן פון דער עבודה זרה דען מיר האבן גלערנט רבי אליעזר הגדול זאגט ווען עס שטייט אונ דער תורה די זאלסט גאט ליב האבן (בכל נפשך) מוט דיין גאנץ לייב ווארום שטייט נאך די זאלסט אום ליב האבן (בכל מאודך) מוט גאר דיין געלד לאז שטיין וועלכס ליבר איז מען זאל דער מוט גאט ליב האבן וועט שון וואס נוט אזו ליב אוז איין כל שכן זיין אוז דער תירוץ ווייל עס אוז דא אזו אמענש וואס זיין לייב איז אים ליבר פון זיין געלד אונ עס איז ווידר דא אזו אמענש וואס זיין געלד איז אום ליבר פון זיין לייב דרום שטייט (בכל נפשך ובכל מאודך) צו ווייזן די זאלסט גאט ליב האבן מוט וואס דור ליבר אוז מוט דיין לייב אודר מוט דיין געלד דרום טאר דער מענש זיך נוט היילן מוט די זאכן ווארום עס ווייזט אום וויא ער גלייבט אונ דער עבודה זרה אשרה דאס אונ אור איז איין ממש אונ נוט דאס אליין דאס דער מענש מוז זיך מוסר נפש זיין צו שטארבן פון זיך זעלברט אונ זאל זיך נוט טאן איין רפואה פון דר אשירה גייארט אפילו ווען מען וויל אום הארגנן ווען ער וועט נוט דינען דוא ע"ז אשרה זאל ער זיך לאזן הארגנן אונ זאל נוט דינען די ע"ז אשרה אזו וויא מיר זאגן אונ דער גמרא אז רבין אוז געקומן פון ארץ ישראל הט ער גזאגט פון וועגן רבי יוחנן מוט אלע זאכן מעג מען זיך היילן אפילו מוט אסורי הנאה אום גענומן מיט ע"ז אשירה אונ גילוי עריות אונ שפיכות דמים טאר מען זיך נוט היילן · אונ אן דעם אלימן אוז דער שכל מחייב ווייל דער מענש מוז דאך שטארבן דרום אוז דאך בעסער ער זאל פריער אביסעל ווערן גטייט אונ זאל דורך דעם זיך קופן דם אייביגע לעבן איי ער זאל זאן

ווערח

ווערון דאס איביגע לעבן פון וועגן עטליכע יארון · אונ איין מענש גיהער זיך אפ צו לערנן פון דעם וואס דו צדיקים האבן גיטון אונ איטליכער צייט דאס זייא האבן זיך מוסר נפש גיווען צו אום קומן אויף קידוש השם אונ דרום קען קיין בריה נוט קומן אין זייער מחיצה אויף יענר וועלט אזו חשוב זענון זיי דארטן דען זיי האבן ממאס גיוועז פון וועגן גאטס ליבשאפט דאס לעבן פון דר וועלט וואס דם איז גאר איין חיי שעה אונ זענון גישטארבן גאר גרינג אזו וויא איינר דעם אנדערן טוט איין קיש אונ זענן געבליבן לעבן אוף אייביג :

## פרק עשירי

(בתאות בני אדם העושר) וויל מענשן גליסטן דם רייכקייט אונ זיי טראכטן דאס זיי וועלון עס קענן גרייכן דורך זייער שטארק נאך לופן נאך דעם זענון זיי דרום אלע זייערע טעג עוסק דרינען וויל זיי גליסטן צו רייך ווערן אונ אויך זיי האבן אונזערע חכמים גזאגט אלע טעג פון איין ארימאן זענן בייז אונ דר וואס פרייט זיך אונ זיין חלק וואס גאט שיקט אים צו דער איז כל ימיו איין עושר אונ אוף אום איז ווארן גזאגט דר פסוק (וטוב לב משתה תמיד) דער וואס האט איין גוט הארץ איז בייא אים גלייך וויא ער איז אלע צייט אוף איין סעודה אזו וויא מור לערנן אונ פרק במה מדליקין דו רבנים האבן גלערנט וועלכר הייסט איין עושר זאגט רבי מאיר וועד עם הט נחת רוח פון זיין רייכקייט אונ עס איז נוט דא קיין גרעסר נחת רוח פון דעם וואס פרייד זיך אונ זיין חלק · אזו וויא מור לערנן אונ מסכת אבות אונ פרק בן זומא וועלכר הייסט איין עושר דר וואס פרייד זיך מוט זיין חלק וואס גאט שיקט אום צו אונ מור לערנן אויך אונ מדרש משלי עס שטייט אונ פסוק גאטס ברכה מאכט רייך אונ מערט נוט קיין טרויערינג איז גמיינט ווען דער מענש פרייט זיך אונ דאס וואס גאט האט אונו גגעבן זוען פול אודר ווייניג אונ טוט נוט טרויערן ווען ער הט נוט מער נמצא איז ער כל ימיו איין עושר · אויך שטייט אונ פסוק דם גבענשטע לייב ווערט גפעט אונ דאס לייב וואס איז זאט אונ פרייט זיך אונ איר חלק דאס ווערט פעט דען דאס לייב לעבט תמיד מוט תענוגים אונ מוט פריילוכקייט דרום ווערט עס פעט אונ דרום אויך דר צדיק וואס פרייט זיך אונ זיין חלק ווערט אייבוג גשפייזט מוט גוטס אונ איז גאר נוט געמינערט אזו וויא עס שטייט אונ פסוק אוך בון גוויין יונג אונ בון אוך אלט גווארן אונ האב נוט גזעהן איין צדיק זאל זיין פר לאזט איז דער פירוש פון דעם פסוק איז דר צדיק איז אייביג נוט הינגעריג

# קיצור מנורת המאור פ״י

הינגעריג נאך גוטע זאכן נייארט ער אוז זוך מפרנס מוט דעם ביסל וואס גאט שיקט אים צו אונ ער גליסט נוט וואס ער קען נוט גרייכן · אונ מיר לערנן אויך אונ מדרש אלע טעג פון דעם ארימאן זענן ביז אוז גמיינט דיר וואס אוז ארים אונ זיין גלובן אונ הט מורא צו אוים געבן זיין געלד צו קופן זיך דר פון עסן אונ קליידר דען עס דאכט זוך אים דאס ער וועט ארים ווערן דורך דעם אויף דעם אוז ווארן גזאגט אלע טעג פון דעם ארימן זענן ביז דען ער אוז כל ימיו אונ טרויערקייט אונ אין ביז · אבר דר וואס האט איין גיט הארץ אוז פר אום תמיד אסעודה דס מיינט מען דער וואס פרייט זוך אונ זיין חלק אונ גלייבט אונ גאט דאס ער וועט אים צו שיקען זיין פרנסה אונ דר צייט וואס ער וועט זו דארפן ביי דעם מענש אוז גליך וויא איין סעודה איז תמיד פר אום · (על כן) דרום זאל זוך דער מענש אן לעהגען אויף זיין בשעפר אונ זאל זך נוט פר זיכערן אונ זיין גשווינדיקייט אונ זאל אויך נוט פר לאנגן קיין פרעמד געלט נייארט ער זאל זאט זיין מוט דעם וואס גאט הט אים גלייט זעליגט דען דו וואס זענון כל ימיהם נוט זאט מוט דעם וואס גאט הט אום גלייט זעליגט דען דו וואס זענון כל ימיהם נוט זאט מוט דעם וואס גאט שוקט זיי צו דו גרוסטן צו האבן געלט · אונ ווען זיי קענן עס נוט גרייכן בהיתר זוכון זייא צו קריגון עס באיסור · אונ קומן צו גנבנן עס אונ פר בארנעגש דען זיי האבון פר לייטון מיין מורא וויא פר גאט · אונ דרום הט דו תורה מחמיר גוועון ביי דעם צאלן פון איין גנב מיין וויא ביא איין גזלן אזו וויא מור לערנען אונ דער מסכת בבא קמא · דו תלמידים האבן גפרעגט רבן יוחנן בן זכאי פר וואס האט דו תורה מחסיר גוועון ביא דענו צאלון פון איין גנב מיין וויא ביא איין גזלן דען איין גנב מוז צאלן טאפל אונ ווען ער הט גגאנבת איין אוקס אונ האט אום גוקולט אודר פר קויפט מוז ער פר אום צאלן פינף אוקסן אונ ווען ער הט גגאנבת איין שאף אונ האט זו גקולט אודר פר קופט מוז ער פר אור צאלון פיר שאף אבר איין גזלן דארף נאר צאלן דו גזילה וואס עס האט גגזלת הט רבן יוחנן גזאגט צו זיינע תלמידים דרום האט דו תורה ביי איין גזלן מיקל גוועון אונ צאליגג מיין וויא ביי איין גנב דען איין גזלן האט גמאכט גליך דעם כבוד פון דעם קנעכט צום כבוד פון דעם האר כלומר ער האט פר לייטון אזו קיין מורא נוט אזו וויא ער הט פר גאט קיין מורא נוט אונ הט גגזלת אופן ווארליך · אבר איין גנב הט נוט גליך גמאכט דעם כבוד פון דעם קנעכט צום כבוד פון דעם האר דען ער הט פר לייטון מיין מורא גהאט וויא פר גאט אונ הט גגאנבת אונ פר בארגעגש קיין לייט זאלן אום נוט זעהן אונ פר גאט

הט

האט ער קיין מורא נוט געהאט דען ער הט גמאכט גליך ווי א גאטש אוג זעהט נוט אוג גאטש אוער הערט נוט · אזו ווי א פסוק שטייט ווייא געשריבן אויף די דאזיגע וואס טופין צו פר בארגן פון גאט איין עצה אוג זאגן ווער וועט אונז זעהן אוג פר בארגעניש אוג ווער וועט אונז וויסן · אויך שטייט אוג פסוק דאס די רשעים זאגן גאט זעהט אונז נוט · גאט הט פר לאזט די ערד · (תניא) מיר האבן גלערנט רבי מאיר הט גזאגט מען הט גזאגט א משל פון וועגן רבן גמליאל די זאך פון א גנב אוג א גזלן איז גליך צו צווייא מענשן וואס האבן געמאכט אוג איין שטאט אוג האבן געמאכט א סעודה · איינער האט געבעטן אויף זיין סעודה זייגע שטעט לייט אוג די קינדר פון דעם מלך פון דער שטאט האט ער נוט געבעטן · און איינער הט נוט געבעטן נוט די שטעט לייט אוג נוט די א קינדער פון דעם מלך · נוא וועמס עונש איז גרעסר · מוז מען געווים זאגן דער דאזיגר וואס הט זייגע שטעט לייט יוא געבעטן אויף דר סעודה אוג די קינדר פון דעם מלך הט ער נוט געבעטן איז זיין עונש גרעסר דען ער האלט די קינדר פון דעם מלך ערגר פון די שטעט לייט · אבר דר אנדערר וואס הט קיינעם נוט געבעטן דער האלט אלע גליך · אזו אויך איין גזלן דער האלט מענשן נוט חשיבר פון גאט דען ער גזלת אופן וואר־לך אוג הט פר־קיינעם קיין מורא ניט · נוט פר גאט אוג נוט פר לייטן אבר איין גנב דער האלט מענשן מיין חשוב ווי א גאט דען ער האט מורא פר לייטן אוג גנבת אוג פר בארגניש דם מענשן זאלן אים נוט זעהן אוג פר גאט האט ער קיין מורא נוט אויך לערנן מיר אוג פרק תפלת השחר · דם רבן יוחנן בן זכאי האט גזאגט צו זייגע תלמידים · עס זאל זיין דער ווילן פון גאט דאס איר זאלט פר גאט אזו מורא האבן אזו ווי א פאר לייטן · האבן זייגע תלמידים צו אים גזאגט רבי זאלן מיר דען פר גאט נאר אזו מורא האבן אזו ווי א פר לייטען אוג מיין נוט · הט רבי יוחנן צו זיי א גזאגט הלואי זאלט איר פר גאט אזו מורא האבן אזו ווי א פר לייטן דען וועט איר זיך פר מיידן עבירות צו טון אוג איר קענט עס וויסן דאס דער אמת איז אזו דען ווען א מענש טוט איין עבירה טראכט ער אלין דאס קיין מענש זאל אים נוט זעהן אוג ער ווייסט דאך וואל דם גאט זעהט אים אוג טוט דאך די עבירה · נוא זעהט איר דאך דאס דער מענש האט פר לייטן מיין מורא ווי א פר גאט · אוג אזו ווי א די תורה האט מחמיר געווען בייא דעם צאלן פון איין גנב מיין ווי א בייא איין גזלן · אזו אויך איז דער עונש פון איין גנב בייא דעם בית דין של מעלה גרעסער פון איין גזלן אוג דרום שטייט אוג די עשרת הדברות לא תגנוב

אוג

און לא תגזול שטייט נוט וייל איין גנב איז ערגר פון איין גזלן און דער וואס גנבת אונ דוא מאסן אודר אונ די געוויכטן וואס ער מעסט מיט פאלשע מאסן אודר ער וועגט מיט פאלשע געוויכטן דאס איז ערגר פון אנדערע גניבות ווארום ווען ער וויל תשובה טון קען ער נוט וייל ער ווייסט נוט פון וועמן ער האט גגנבת מיט די פאלשע מאסון אונ געוויכט אונ איין גנב אודר איין גזלן קען אנדרש קיין תשובה נוט טון ביז ער קערט אום די גניבה אודר די גזילה צו דעם וואס ער האט ביי אום גגנבת אודר גגזלת אבר איין אנדערר גנב קען יוא תשובה טון ווארום ער ווייסט פון וועמן ער הט גגנבת קען ער יענום אום קערן די גניבה׳ דרום איז גוט צום מענשן ער זאל זיך פרייאן אונ זיין חלק וואס גאט הט אום געגעבן אונ זאל נוט בגערן צו גזרים זיך זיין איין אייביגע שטראף אוף יענר וועלט איבר דעם גליסטקייט פון דער וועלט וואס דר מענש ווערט פר לורן פון איר׳

# פרק יא

(כמה יש לאדם להרחיק עצמו מן הגזל) וויא פול גהער זיך איין מענש דער ווייטרן פון גזל דען דער וואס גזלת אפילו נאר וואס איין פרוטה איז ווערט איז גלייך וויא ער גזלת אוועק די נשמה פון דעם נגזל איז וויא מיר לערנן אונ דער מסכת בבא קמא׳ אונ נוט אליין ווער עס גזלת פון איינם האט דעם עונש גייארט אפילו ווער עס האלט אוף פון צו צאלון דעם ארביט מאן זיין שכירות דר ווערט אוך אן גרופן אגזלן אונ דער פסוק רעכנט אום גלייך וויא ער נעמט אוועק דם נפש פון דעם ארביט מאן איז וויא מור לערנן אין דער מסכת בבא מציעא׳ עס שטייט אונ דער תורה (לא תעשוק ולא תגזול) דו זאלסט נוט רובין אונ זאלסט נוט גזלנן׳ זאגט רב חסדא עושק הייסט ווען ער האלט אויף דעם ארביט מאן זיין שכירות פון איין טאג צום אנדרן׳ אונ גזל הייסט ווען ער זאגט צום ארבוט מאן אוך בון דור שולדיג אונ וועל דור נוט צאלן רבא זאגט עושק אונ גזל זענון אלץ איינס נאר דרום הט זיי דער פסוק גטיילט אונ צוויא לשונות צו ווייזון ווער צאלט נוט דעם ארביט מאן זיין שכירות איז עובר אוף צוויי לאווין (לא תעשוק) אונ (לא תגזול)׃

(תניא) מור האבון גלערנט עס שטייט אין פסוק (ואליו הוא נושא את נפשו) דער ארבוט מאן הט דער צו זיין לעבון איין גשטעלט׳ דען איבר וואס איז דער ארבוט מאן אויף גגאנגן אויף איין הוכון טרעפ אונ הט זיך אן גהאנגן אונ איין בום אונ האט זיך זיין לעבון איין גשטעלט נאר איבר דעם יענר זאל אום דער פר געבון זיין שכירות אונ ווען יענער האלט אום אויף פון צו געבון זיין

שכירות

שבירות איז גלייך וויא ער נעמט אום אוועק זיין נפש אזו וויא מיר האבן אובען געשריבן : די רבנים האבין גלערנט עס שטייט אין דער תורה די זאלסט ניט איבר נעכטיגן ביא דיר דאס שבירות פון דעם געדינגענם וועסטו מיינען אפילו ווען דר געדינגענר מאנט דיך ניט ביסטו דאך עובר אויף לא תלין דרום זאגט דר פסוק (אתך) ווען די טוסט עס מיט דיין דעה אונ ניט מיט זיין דעה דען ער מאנט דיך זיין שבירות אונ די גיבסט אים ניט אבר ווען ער מאנט דיך ניט ביסטו ניט עובר אויך וועסטו מיינען ווען די זאגסטו אים איבר ביא דעם קרעמר ער זאל אים געבין פר זיין שבירות וואס ער דארף אודר ביי דעם חלפן זאגסטו אבר ער זאל אים נעבין זיין שבירות. אונ זיי געבין אים ניט ביסטו אוך עובר אוך לא תלין דרום אויך זאגט דר פסוק (אתך) די זאלסט דם שבירות ניט איבר געכטיגן מיט דיר אבר ווען דוא זאגסט אים איבר זיין שבירות ביי דעם קרעמר אודר ביי דעם חלפן אונ זיי געבן אים ניט ביסטו ניט עובר אוך לא תלין : (וקשה גזל חבירו מגזל הקדש) אונ עס איז הארבר ווען ער גזלת זיין חבר וויא ער גזלת פון הקדש אזו וויא מיר לערנן אין דער מסכת בבא בתרא׳ אונ עס איז גרוס דער עונש פון גזל אזו וויא מיר לערנן אין פרק חלק גאט הט גזאגט צו נח דר סוף פון אלע בשעפניש איז נקומין פאר מיר זאגט רבי יוחנן קום אונ זעה וויא זייער גרוס איז דער עון פון גזל דען דאס דור המבול האבין גיטון זייער פיל עבירות אונ זייער גזר דין איז דאך ניט נחתמת גווארן ביז זייא האבן גשטרעקט זייערע הענד צו גזלן אזו וויא אין פסוק שטייט דען דאס לאנד איז ווארן פיל מיט גזל דרום וועל איך זייא פר דארבן אונ פר לענדן פון דעם לאנד ׳ (ובשהעולם צריך לגשמים) אונ אז די וועלט דארף האבן רעגן ווערין זיי אוף געהאלטן איבר דעם עון פון גזל אזו וויא מיר לערנן אין דר מסכת תענית רבי אמי זאגט די רעגן ווערין אנדרש ניט אוף גהאלטן נאר איבר דעם עון פון גזל אזו וויא אין פסוק שטייט איבר די זינד פון דוא הענט דם איז גזל פר דעקט גאט אונ האלט אוף דעם רעגן אונ דר תיקון איז דר צו תפלה צו טון נאך דעם אז ער קערט אום די גזילה׳ אונ אזו הט גאט זייער ממאס גווען דם גזל דאס ער וויל אפילו ניט איין קרבן זאל גבראכט ווערין פון אום אזו וויא מיר לערנן אין דער מסכת סוכה רבי יוחנן זאגט פון וועגן רבי שמעון בן יוחאי עס שטייט אין פסוק דען איך גאט האב ליב משפט אונ האב פיינט גזל ביי איין עולה עס איז איין משל צו איין מלך בשר ודם וואס ער איז איבר גפארן ביי איין הויז וואס מען ניט דארטן מכס (אקציז) הט ער גזאגט צו זיינע קנעכט גיט מכס צו די מוכסן

האבן זיינע קנעכט גזאגט צו אום אדוננו המלך דער מכם איז דאך דיין נוא נאך וואס זאלין מיר געבין דאס מכם הט דר מלך גזאגט צו זייא פון מיר זאלן זיך אפ לערנן דו וועגם לייט דאס זייא זאלין גוט אנטלופין פון פון דעם מכם אזו זאגט אוך גאט אוך גאט האב ליב משפט אונ האב פיינט גזל אונ איין קרבן עולה פון מור זאלין זיך אפ לערנען מיינע קינדער אונ זאלין אנטלופין פון גזל · אונ אויך איז גאטם ווילין נוט מען זאל אום לובן מיט גנזלתו זאבין אזו וויא מור לערנן אונ דער מסכת סנהדרין רבי אליעזר בן יעקב זאגט ווען איינר גאזולת איין מאס וויין אונ מאלט זו אונ באקט זיא אונ שייט אפ פון אור חלה וויא קען ער איין ברכה מאכון דען דער בענשט נוט גאט נייארט ער דר צערנט גאט אוף דעם זאגט דר פסוק דער וואס גזולת אונ מאכט איין ברכה דער דר צערנט גאט אונ פון דעסטוועגן ווערון דאס רוב וועלט געשטרוכולט אונ גזל איין טייל ווערין געשטרוכולט במזיד ווייל זיי גליסטן אנדרע לייטונס געלד אונ איין טייל ווערין געשטרוכלט בשוגג ווייל זיי זענון זיך טועה אונ מיינון אוף פיל זאכון דם דם איז נוט קיין גזל אונ אין אמת איז דם יוא גזל אונ דרוף האבון אונזערע חכמים גזאגט דאס רוב וועלט ווערין געשטרויכלט אונ גזל אונ איין מיעוט ווערט געשטרוכלט אונ עריות אונ אלע לייט ווערין געשטרוכלט אונ דעם שטוב פון לשון הרע כלומר אונ עפום לשון הרע · (הצדיק) אונ דר צדיק וואס טוט ניט זיין הארץ אונ דעם גליסטיקייט פון דער וועלט דעם וועט קיין גזל נוט קומון אונ זיין האנד אזו וויא אונ פסוק שטייט (לא יאונה לצדיק כל און) עס טרעפט זיך נוט צום צדיק קיין שום אום רעכט :

## פרק יב

(המלוה לעני בשעת דחקו) דער וואס לייאט געלד צו איין ארימן אונ זיין ענגשאפט אן רווחים (פראצענט) דער וועט זיך נוט אוים גליטשן

אבר דער וואס לייאט צו איין ישראל אוף רווחים דער וועט זיך יוא אוים גליטשן כלומר ער וועט אן ווערון זיין געלד אזו וויא מור לערנן אונ בבא מציעא רבי שמעון בן אלעזר זאגט דער וואס הט געלד אונ לייאט עס אוועק לייטון אן רווחים דער וועט אייבוג נוט ווערון אוים געגליטשט צו אן ווערן זיין געלד · פרעגט די גמרא מיר זעהן דאך לייטון לייאון געלד צו אנדערע אן רווחים אונ ווערון דאך אן זייער געלד ענפרט רבי אלעזר דו וואס לייאן אן רווחים ווען זיי ווערון אן זייער געלד קומן זייא ווידר אויף אבר די וואס לייאון אויף רווחים ווערון אן זייער געלד אונ קומון שון אייבוג נוט אויף אונ

אזו וויא מיר לערנען פון די מלוי ברבית אוגון די פר בלינד זענין וויא אונ אונ דער גמרא׳ רבי יוסי זאגט קום אונ זעה וויא עס זענין פר בלענד די אוגון פון די מלוי בריבית דען ווען אמענש רופט צו זיין חבר רשע אזו קרינקט ער זיך מוט אים גלייך וויא יענער הט אים גשלאגן אונ הט אים גוואלט הארגנן אונ די מלוי בריבית טואון פול ערגר דען זייא ברענגן עדות אונ איין שרייבר אונ טינט אונ פען אונ שרייבן אונ חתמנן דר אונ דר הט גלייקנט אין דעם גאט פון ישראל דען ווייל זיי שרייבן איין שטר חוב אויף רווחים אין גלייך וויא ער האט גלייקנט אונ גאט׳ אונ אפילו גוטע רייד טאר מען אויך נוט נעמון פר רבית׳ אזו וויא מיר לערנן אונ דר גמרא רבן גמליאל זאגט עס זענין דא פריערדיגע רבית אונ אויך שפעטרגו רבית דהיינו ווען איינר הט בדיעה צו לייאון געלד ביי זיין חבר אונ ער שוקט אים איין מתנה אונ זאגט צו אום דס שיק איך דיך דער פר דור די זאלסט מיר געלד לייאן דס אוז פריערונו רבית׳ אונ ווען ער הט גליגן געלד בייא איינים אונ האט אים אפ גשיקט דאס געלד אונ שיקט אים נאך איין מתנה דער פר וואס ער הט זיין געלד גהאלטון׳ דאס אוז שפעטרוגו רבית רבי שמעון זאגט עס אוז דא רבית דברים דהיינו דער לוה טאר נוט זאגן צום מלוה וויס דאס דער מענש אוז נקומון פון דעם אורט אונ ער ווייסט דאס דר מלוה דארף דאס וייטוג צו ווישן אונ מיר זאגן אונ דער גמרא רבן שמעון בן גמליאל זאגט פון וואגן וויסן מיר ווען איינער לייאט געלד ביי זיין חבר אונ ער אוז נוט גוויינט צו געבון אום פריער שלום דם ער טאר אום היינט נוט געבון פריער קיין שלום דען עס שטייט (כל דבר אשר ישך) ווייזט דם מיר אפילו די רייד וואס ווערין גרעט פון וועגון ריבית אוז אויך אסור׳ אונ וואס די מלוי ברבית טראכטן דם זייא וועלין מרוויח זיין ווערין זיי נאך אן אזו וויא מיר לערנן אונ דער גמרא׳ רבי שמעון בן אלעזר זאגט די מלוי ברבית מיין וויא זייא זענון מרוויח ווערן זייא אן דען זייא ווערין אן דורך די רבית זייער געלד אונ נאך מיין דם זיי מאכון דאס משה רבינו אוז נוט גוועזן קיין חכם אונ זיין תורה אוז נוט אמת׳ אונ זיי זאגון ווען משה רבינו וואלט גוויסט וויא פול רווח אונ רבית אוז וואלט ער עס נוט אן גשריבן אונ דער תורה דם דאס אוז אסור׳ אונ זייער עבירה אוז גרוס צו זיי בוז אייבוג׳ (ואם רצו לחזור בתשובה) אונ ווען די מלוי ברבית ווילון תשובה טון אונ זייא האבון איין לאנגע צייט גנומון רבית דאס ווען זאלון וועלון אום קערן צו אלע די וואס זייא האבון ביי זייא גנומון ריבית וועלן זיי נוט קענון בצאלן אזו דארפן די מענשון נוט צו נעמן פון זיי די רבית וואס זיי קערון זיי אום נייארט זייא דארפן זייא מוחל זיין די רבית אונ ווען די מלוי

ברובית

ברבית וועלין שוין מיין גוט נעמן קיין רבית וועט גאט וואס ער איז דער בארמיג אויף זיינע בשעפניש אונ וויל ניט דער רשע זאל שטארבן נייארט ער זאל זיך אום קערן פון זיינע בייזע וועגן אונ זאל בלייבן לעבון דער גאט וועט זיי מוחל זיין אויף זייערע זינד אונ דרויף האבון דיא רבנים גלערנט אונ בבא קמא ר׳ גזלנים אונ די מלוי ברבית ווען זייא קערין אום וואס זייא האבן גגזלת נעמט מען ניט צו פון זיי אונ דער וואס נעמט יוא צו פון זיי האבן די חכמים קיין נחת רוח גוט אונ זייגע מעשים זאגט רבי יוחנן אונ דיא טעג פון רבי איז דאס גלערנט גווארן דען עס האט זיך גטראפן איין מעשה ביי איין גזלן וואס ער הט גוואלט תשובה טון הט זיין וייב גזאגט צו אים די ליידיגר מענש ווען די וועסט תשובה טון אונ וועסט איטליכן אים קערין זיין גזילה וועט דיר אפילו דער גארטל וואס אויף דיר איז אויך ניט איבר בלייבן הט ער זיך פר מיטון אונ הט קיין תשובה ניט גטון אונ דער צייט האבן די חכמים גזאגט די גזלנים אונ די מלוי ברבית ווען זייא קערין אום דאס וואס זיי האבן גגזלת נעמט מען ניט צו פון זייא אונ דער וואס נעמט יוא צו פון זייא האבן די חכמים קיין נחת רוח גוט אונ זייגע מעשים׳ דרום וויל איין מענש טארף טון וואס גוט איז אונ רעכט פארטיג איז אין גאטס אוגון גהער ער מוחל זיין צו זייא די גזילה אונ דרום וועט איין ברכה קימון אויף אים :

# פרק יג

(אף על פי) האטשי די תורה האט אן גזאגט אויף פיל ערטר אויף דעם דין דאס ער זאל אמת גפסקות ווערן אונ זאל זיין גלייך פר אלע מענשן הט נאך די תורה גמיזט אן זאגן דם אפילו ווען דער דיין וויל אמת משפטן זאל ער דאך קיין שוחד ניט נעמון ווארום עס איז ניט מעגליך דאס ער זאל ניט נייגון דעם דין צו דעם צד וואס הט אים שוחד גגעבן דען דער שוחד וועט געווים פר בלינדן זיינע אוגון אונ דרום איז דער פסוק נגון איסור שוחד גשריבן גווארן אינ דער תורה אויף צווייא ערטר נאך דעם פסוקן לא תטה משפט׳ צו לערנן אונז דאס ווען דער איסור שוחד זאל מיין נוטו זיין נאר ווען מען וויל פאלש פסקנן וואלט עס דוא תורה נוט גדארפט צו שרייבן דען די תורה הט שוין פריער אן גשריבן דאס מען טאר נוט נייגן דעם משפט אפילו ווען מען נעמט נוט קיין שוחד אונ מכל שכן שוין ווען מען נעמט שוחד אונ ווארום דען הט די תורה אן גשריבן לא תקח שוחד צו ווייזון אפילו ווען דער דיין וועט זיך טראכטן ער וועט נעמן שוחד אונ

וועט

זעט נוט אוועק נייגן דעם דין איבר דעם טאר ער דאך קיין שוחד נוט גענעמן
דען די תורה האט עדות גזאגט דרוף דס איז נוט מעגליך נייארט ער וועט
גענויס פר קרימן דעם דין איבר דעם אזו וויא דער פסוק זאגט דען דער
שוחד פר בלינד די אויגן פון דיא קלוגע · (אמרו רבותינו) אונזערע רבנים
האבן גזאגט אפילו ווער עס איז איין חכם אונ דער תורה אונ נעמט שוחד
איז דער סוף דאס זיין דיעה וועט פר ציקט אונ פר גארישט ווערן אונ ער
וועט פר געסן זיין לערנן אונ די ליכט פון זיינע אויגן וועלן טינקל ווערן
דען וויא באלד ער נעמט שוחד איז נוט מעגליך דאס זיין הארץ זאל נוט
נייגן צו יענים צו זוכן אום איין זכות · (ולא די לו) אונ נוט גענוג צו
דעם מקבל שוחד דאס ער טוט זיך שאדן דר מוט נייארט ער טוט נאך
שאדן צו זיין דור אזו וויא מיר לערנן אונ בבא בתרא · רבי יצחק זאגט
דער דיין וואס נעמט שוחד ברענגט איין שטארקן צארן אויף דער וועלט
אין נוט דוקא דאס מען טאר נוט נעמן קיין געלד פר שוחד נייארט אפילו
גוטע רייד טאר מען אויך נוט נעמן פר שוחד · אזו וויא מיר לערנען אונ
כתובות עס שטייט אונ פסוק מען זאל נוט נעמן קיין שוחד מיינט מען
ניט גאר געלד זאל מען נוט נעמן פר קיין שוחד נייארט אפילו גוטע
רייד טאר מען אויך נוט נעמן פר שוחד דען ווען די תורה האט נוט אן
געשריבן מען זאל נוט נעמן קיין געלד נייארט עס שטייט סתם מען זאל קיין
שוחד נוט נעמן מוז זיין וואס עס איז זאל מען אלץ נוט נעמן פר שוחד
אונ דרום אונזערע רבנים די חסידים ווען איין מענש איז געקומן פר זייא
צום משפט אונ האט זיי געבראכט עפוס איין מתנה אפילו וואס ער איז
חייב געווען צו געבן זייא אודר ער האט גרעט צו זיי גוטע רייד פון וועגן
שוחד וואס זייא האבן גטראכט אונ זייער הארצן טאמר וועלן זיי איבר
דעם נוט זעהן קיין חוב צו די מענשן אונ אפילו ווען זיי זענון געווען זכאי
אין זייער דעה דאס זיי וועלן זיי רעכט משפטן האבן זיי זיך דאך פר מיטן
פון צו זיצן אויף זייערע משפטים כדי מען זאל זיך אפ לערנען פון זיי צו
אנטלויפן פון שוחד אונ זייא פלעגן זאגן צו די מענשן איך בין פסול
צו משפטן אייך אזו וויא מיר לערנן אונ דער גמרא וויא אזו הייסט שוחד
פון רייד זאגט די גמרא אזו איין גלייכעניש וויא די מעשה וואס האט זיך
גטראפן צו שמואל דען שמואל איז גגאנגן איבר איין בריק איז געקומן איין
מאן אונ האט אום גגעבן זיין האנד צו העלפן אום איבר גיין דעם בריק ·
האט שמואל גזאגט צו אים וואורום טיסטו עס האט דער מאן גזאגט צו
שמואל איך האב איין דין פר דיר האט שמואל גזאגט צו אים איך בין פסול

צו

צו זיצן איבער דיין דין · רבי ישמעאל בן אלישע איז געוועז איין כהן הט אים איין מאן געבראכט ראשית הגז דס איז אפ געשוירנוי וואל דען מען איז מחויב צו געבן צום כהן אלע יאר איין זעכציגט חלק פון זיין וואל וואס ער שערט אפ פון זיין שאף האט רבי ישמעאל אים גפרעגט פון וואנון ביסטו הט ער גזאגט פון דעם אונ דעם אורט הט רבי ישמעאל גזאגט צו אים פון דארטן ביז אהער איז דען קיין כהן נוט געוועז דיא זאלסט עס געבן צו אים וואס דו האסט עס אזו וייט געפירט · האט דער מענש גזאגט אוך האב איין דין פר דיר האב איך מיר געטראכט ווייל איך מוז בלוז גיין אהער וועל איך דעם ראשית הגז דיר ברענגן האט רבי ישמעאל נוט צו גנומן פון אים דעם ראשית הגז אונ הט גזאגט צו אים איך בין פסול צו זיצן אוף דיין דין האט ער גזעצט איין פאר רבנים זייא זאלין משפטן זיין דין · אונ וויא רבי ישמעאל איז גגאנגן הין אונ הער האט איהם זיין הארץ גנייגט צו געפונן איין זכות צו דעם מענשן צו גרעכט מאכן אים אונ דין אונ האט גזאגט ווען ער זאל וועלין וואלט ער גקענט טענן אזו אודר אזו · אזו וואלט ער געבליבן גרעכט הט ער גזאגט פר שאלטן זאלין זיין דיא וואס נעמין שוחד דען אוך האב דאך נוט גנומן בייא אים דעם ראשית הגז אונ ווען אוך וואלט אפילו יוא גנומן וואלט איך דאך מיינס גנומן דען דיא תורה האט עס מיר מזכה געוועזן נייגט מיין הארץ אזו צו גרעכט מאכן אים מכל שכן דוא וואס נעמין שוחד דוא טואין בוודאי פאליש משפטן · (רב ענן) רב ענן האט אום איין מאן געבראכט איין קארב מוט קליינע פיש הט ער דעם מאן גפרעגט וואס דארפסטו · הט ער גזאגט איך האב אדין צו לדין מוך פר דיר · הט רב ענן נוט געוואלט צו נעמן דיא פיש אונ האט גזאגט צו דעם מאן איך בין פסול צו משפטן דוך הט דער מאן גזאגט צו רב ענן איך וויל שון נוט דיין דין נאר פון דעסטוועגן נעם דאך צו מיין מתנה כדי דו זאלסט מוך נוט פר מיידן פון צו מקריב זיין בכורים דען עס שטייט אונ פסוק איין מאן איז גקומען פון דער שטאט בעל שלישה אונ הט געבראכט צו אלישע הנביא ברוט פון בכורים איז דאך קשה האט דען אלישע געגעסן בכורים ער איז דאך נוט געוועזן קיין כהן דען ער איז נאר געוועזן פון שבט גד · נאר דאס וייזט מיר דער וואס ברענגט א מתנה צו איין תלמיד חכם איז גלייך וויא ער האט געבראכט בכורים אונ בית המקדש · דרום פר מייד מוך נוט פון דער מצוה · הט רב ענן גזאגט צו אים אוך האב נוט געוואלט צו מקבל זיין פון דור דיא מתנה · נאר היינט וייל דיא זאגסט איין טעם דאס דו טיסט עס פון מצוה וועגון וועל אוך צו נעמן פון דור דו מתנה · אונ האט דעם מאן געשיקט פר רב נחמן אונ הט געשיקט

צו

צו רב נחמן לאז מיין האר משפטן צו דעם דאזיגן מענשן דען איך ענן
בין פסול צו משפטן אים · האט זיך רב נחמן געטראכט ווען ער האט מיר
אזו געשיקט דאס ער איז פסול צו משפטן אים מוז געוויס זיין דס דער מאן
איז איין קרוב מיט רב ענן דרום איז ער פסול צו משפטן אים · אונ געשטאנען
פר רב נחמן איין דין פון יתומים וואס איז פריער געקומן וויא דער מאן
מיט זיין חבר · הט רב נחמן געזאגט דער דין פון די יתומים איז איין עשה
מען זאל רעכט משפטן אונ דער דין פון דעם דאזיגען מאן איז אויך דוא
איינגענע עשה אונ דער צו איז נאך ביא דעם דאזיגן מאן דא כבוד ותורה
דען ער איז איין קרוב מיט רב ענן אונ עס איז דאך איין מצוה איין תלמיד
חכם כבוד אן צו טון דרום דארף מען דעם דאזיגן מאן פריער משפטן ·
האט רב נחמן אוועק געלאזט דעם דין פון די יתומים וואס זענען פריער
געקומן אונ האט גענומען דעם דין פון דעם דאזיגן מאן צו משפטן פריער אונ
דווייל דער חבר פון דעם דאזיגן מאן הט געזעהן דס רב נחמן טוט אים אן
אזו פיל כבוד זענען פר שטאפט געווארן זיינע טענות דאס ער האט נט
געקענט טענען זיינע טענות דען ער האט זיך געטראכט מען ווערט געוויס מיינע
טענות נט צו הערן אקעגן זיינע טענות אונ האט דרום אן געווארן דאס
משפט · רב ענן איז געוויינט געווען דאס אליהו הנביא פלעגט קומען צו אים
אונ פלעגט לערנען מיט אים דער ספר סדר אליהו: דאס איז דער ספר תנא
דבי אליהו · אונ וויא דער מכשול איז געקומען דורך אים האט זיך אליהו אפ
געטאן פון אים אונ איז שוין נט געקומן צו אים · האט רב ענן געפאסט אונ
הט גאט געבעטן אז ער ווידר געקומן צו אים · אונ אז ער פלעגט קומען צו
אים פלעגט זיך רב ענן דער שרעקן פר אים · הט זיך רב ענן געמאכט איין
קאסטן אונ איז געזעסן דרינען פר אליהו בוז ער הט אים אוים געלערנט דעם
ספר · אונ דרום איז דער ספר געטיילט אויף צוויי טייל · די ערשטע טייל הט
ער געלערנט אופן ווארליך נט אונ קאסטן אונ עס איז דרינען דא פיר חלקים
ווערט עס אן גרופן סדר אליהו רבה דער גרוסר ספר פון אליהו אונ די
אנדערע טייל האט ער מיט אים געלערנט אונ קאסטן אונ עס איז ווייניג דא
דרינען ווערט עס אן גרופן סדר אליהו זוטא דער קליינר ספר פון אליהו
פון די דאזיגע אלע מעשים געהער מען זיך אפ צו לערנען וויא אזו איין מענש
געהער זייער געווארנט זיין אונ משפט צו משפטן אמת אונ צו אנטלויפן פון
אלע זאכן וואס זענען עפיס גליך צו שוחד אפילו פון שוחד דברים · אונ דך
וואס טוט אזו וועט זיך נט אים גליטשן ביז איביג

זונדרת

# קיצור מנורת המאור פי"ד

## פרק יד

(חמדת בני אדם) דאס גליסטיקייט פון די מענשן און זייער נאך יאגון נאך דיא הנאות פון דער וועלט דאס איז גורם צו זיי זאלון נארין לייטון און אלע זייערע עקבים און משא ומתן און אין סחורות און וויל לייטון וועלון מיינון ווייל דאס נארן איז נוט קיין גניבה אודר גזילה איז דם קיין איסור נוט דרום האט די תורה אן גזאגט דרוף אור זאלט נוט נארין איין מאן זיין ברודר צו לערנן אונז דאס איין מענש איז מחויב צו האנדלין מיט ערליכקייט און זאל נוט גליסטן צו נארן און זיין קופון אודר און זיין פר קופון · און חאטשו איטליכר וואס האנדעלט מוט סחורה איז דאך זיין דיעה נאר צו מרויח זיין מוט אור · פון דעסטוועגן האט דאך די תורה גשאפט דאס ער זאל נוט קופון אודר פר קופון פר מיין אודר ווייניגער פון דעם ווערט · און פון דעסטוועגן ווען ער האט אבר ארום גרעט צו יענם און הוט גזאגט מיין סחורה איז נאר אזו פול ווערט און אוך וויל זו ניט פר קופן נאר ווען מען וועט מור געבון פר איר טאפל וויא פול זו איז ווערט און דו ווילסט קוף זוא דור פר טאפל געלד און אויף דעם תנאי דו זאלסט צו מיר נוט האבן דער פר וואס אוך האב דוך גנארט אודר ווען דער קופר זאגט צום פר קופר אוך וויים וואל דאס די סחורה איז ווערט אזו פול נאר אויב דו ווילסט פר קוף זייא מור פר העלפט געלד דען אוך האב זו גאר קיין חשק נוט צו קופון נאר פר העלפט געלד וועל אוך זוא פארט קופון און אויף דעם תנאי דו זאלסט צו מור ניט האבן דער פר וואס אוך האב דוך גנארט · דאס מעג מען טון און זיינע רייד האבן איין קיום און יענער קען אים נוט לאדן דער פאר וואס ער האט אים גנארט ווארונז ער האט דאך מוט אים בשיידלך ארום גרעט אזו און יענר איז צו גשטאנן דרוף צו פר קופון אזו · און אזו האבן מור בשיידלך גלערנט און בבא מציעא און ביי די זאכן און כלים וואס איין בעל הבית פר קופט גייט ניט אן קיין נארונג ביי זיי דען די כלים וואס איין בעל הבית ניצט מוט זיי זענון ביי אים גאבט מיין וויא זיי זענין ווערט און ער וויל זייא נוט פר קופון נאר ווען מען גוט אים פר זיי מיין וויא זיי זענן ווערט אזו וויא מור לערנן און דער גמרא רב חסדא זאגט דער דין פון נארונג גייט מיין נוט אן נאר ווען מען קופט פון איין סוחר וואס ער פר קופט פון וועגן משא ומתן צו טון אבר ווער עס קופט עפים פון איין בעל הבית גייט נוט אן קיין נארונג ווארם ער פר קופט אנדערש נוט נאר ווען מען גוט אום מיין וויא עס

אזו

איז ווערט האט רב דימי דרויף גזאגט עס איז רעכט אזו אונ רבי אלעזר הט אויך גזאגט עס איז רעכט אזו אונ די גמרא זאגט דארטן · דער טעם איז ווייל ביי איין בעל הבית זענען טייאר זיינע כלים וואס ער נוצט מיט זיי אונ ווען מען זאל אים נוט געבן פר זייא מיין וויא זיי זענען ווערט וואלט ער זיי נוט פר קויפט דרום איז גלייך וויא ער רעט ארום מיט אים דאס ער פר קויפט זיי טייערר וויא זיי זענן ווערט :

# פרק טו

(יש לך דבר) עס איז דא אזאך וואס אמענש טוט שאדן צו זיין חבר אמאל האט ער הנאה דער פון אונ אמאל האט ער קיין הנאה נוט דער פון נאר ער טוט עס זיין חבר להכעיס אונ דם איז הארבר פון אלע עבירות · אונ דאס איז דער וואס ענפ״ט איבר זיין חברס געלד אונ די הענט פון די מענשן וואס זיי זענן גזלנים דאס על פי דין תורה איז ער מחויב זיין חבר צו צאלן דער פר אזו וויא מיר לערנען אמעשה אונ בבא קמא איין מאן הט גוואלט אן ווייזן איין גזלן דם זיין חבר הט שט־זא דם דער גזלן זאל עס אוועק נעמן איז זיין חבר גקומן פר רב צו קלאגן זיך אויף זיין חבר הט רב גזאגט צו דעם מענשן דו זאלסט נוט אן ווייזן האט דער מענש גזאגט אויך וועל יוא ווייזען איז רב כהנא גזעסן דר ביי אונ הט גוהערט וויא דר מענש רעט אזו איז ער אויף גשטאנן אונ הט דעם מענש גטייט האט רב גזאגט צו רב כהנא דו הארט רעכט גטאן וואס די האסט אום ממית גוועזן · אונ נאך הט רב גזאגט צו רב כהנא בוז אהער האבן דיא פרסים מושל גוועזן אין דעם לאנד זום זייא האבן נוט מקפיד גוועזן ווען מיר האבן איין מענשן אום גבראכט אן זייער דיעה · אבר היינט זענן די עובדי כוכבים ומזלות מושל אין דעם לאנד ווס זייא זענן יוא מקפיד ווען מיר הרגנון אמענש אן זייער דיעה אונ זאגן די יודין זענן מורד אין אונז דען זייא הרגנן אמענש אן אונזר רשות · דרום שטייא אויף אונ גייא אוועק קיין ארץ ישראל אונ זי מקבל אויף דיר די זאלסט זובן יאר קיין קשיות נוט פרעגן צו רבי יוחנן ווס ער איז דער רבי פון ארץ ישראל · איז רב כהנא גגאנגן קיין ארץ ישראל אונ איז גוקומן אין בית המדרש פון רבי יוחנן אונ הט גפונן צו ריש לקיש איין תלמיד פון רבי יוחנן דם ער הזרת איבר מיט די אוברגו תלמידים פון רבי יוחנן די הלכה וואס רבי יוחנן האט דעם טאג גדרשת · האט רב כהנא גזאגט צו זייא וואס פר איין קשיא האט מען היינט גפרעגט האבן זיי אום גזאגט די אונ די קשיא · האט ער ווידר צו זייא גזאגט אונ

חיאס

# קיצור מנורת המאור פט״ו

ווס הט רבי יוחנן געענפרט דרויף · האבן זייא אם גזאגט דעם אונ דעם תירוץ · האט רב כהנא גזאגט דער ווס הט די קשיא גפרעגט דער הט נוט רעכט גפרעגט אונ דער וואס הט געענפרט דעם תירוץ דער הט נוט רעכט געענפרט דען איך וועל איך בעסרי קשיות פרעגון אונ וועל איך ענפרן בעסרי תירוצים הט ער זייא גפרעגט גרוסי קשיות אונ האט זיי געענפרט גוטי תירוצים אזו גגאנגן ריש לקיש אונ האט גזאגט צו רבי יוחנן אלייב איז אוך גגאנגן פון בבל כלומר אשטארקר למדן אזו וויא אלייב דרום זאלסטו גוט אויבר קלערן די הלכה ווס די וועסט מארגן זאגן אונ דר ישיבה צו מארגן הט מען רב כהנא גזעצט אונ דער ערשטי שורה פון די זובון שורות פון תלמידים ווס זענן גזעסן פר רבי יוחנן אונ רב כהנא איז גזעסן גלייך אקעגן רבי יוחנן הט רבי יוחנן גזאגט איין הלכה אונ האט גמיינט רב כהנא וועט אים גרוסי קשיות פרעגון דרויף אונ רב כהנא האט נוט גפרעגט הט מען רב כהנא איין שורה ווייטר ארוס גזעצט האט רבי יוחנן ווידר גזאגט איין הלכה אונ רב כהנא האט ווידר נוט גפרעגט · האט מען אים ווייטר איין שורה ארונטר גזעצט בוז זייא האבון רב כהנא ארוס גשטוסון אונטר אלי זובון שורות הט רבי יוחנן גזאגט צו ריש לקיט דר לייב ווס די האסט גזאגט איז גווארן אפוקס דען ער קען גאר נוט פרעגן אונ אין אמת הט רב כהנא נוט גוואלט רבי יוחנן קיין קשיות פרעגן ווייל רב הט אים אן גזאגט ער זאל רבי יוחנן זובן יאר קיין קשית נוט פרעגן אונ ווי רב כהנא האט גזעהן דס מען הט אים פון אלי זובון שורות ארוס גשטוסון הט ער גזאגט עס זאל זיין איין ווילן פר גאט דאס די זובון שורות ווס איך בין ווארן ארוס גשטוסן פון זיי זאלן זיי זיין גרעכונט פר די זובון יאר וואס רב האט מיר אן גזאגט איך זאל רבי יוחנן קיין קשיות נוט פרעגן איז רב כהנא אויף גשטאנן אויף זיינו פוס אונ הט גזאגט צו רבי יוחנן הוב נאך אמאל אן פון דעם אן הייב ווארום איך האב ווס צו פרעגן הט רבי יוחנן אן גהובן פון דעם אן הייב האט רב כהנא איהם קשיות גפרעגט ווס רבי יוחנן הט נוט גוויסט צו ענפרון אויף זייא הט מען אים ווידר גזעצט אונ דער ערשטר שורה פון תלמידים גלייך אקעגן רבי יוחנן אונ רבי יוחנן איז גזעסן אויף זובן קושון האבן זייא איין קושן ארויס גצוגון פון אונטר רבי יוחנן ווארום זיי האבן גזאגט ווייל ער קען רב כהנא נוט פר ענפרן זייני קשיות דארף ער נוט זיצון אזו הויך אונ רבי יוחנן האט ווידר גזאגט איין הלכה האט אים רב כהנא ווידר קשיות גפרעגט אונ ער האט אים נוט גוויסט צו ענפרן האבן זייא ווידר איין קושן אים גצוגון פון אונטר רבי יוחנן איז אלץ אזו גווען

גוועץ ביז זייא האבן אים גצוגין פון אונטר רבי יוחנן אלו זובן קושון אונ ער איז גבליבן זיצן אויף דר ערד אונ דר רבי יוחנן איז גוועזן איין אלטר מאן אונ די ברעמן פון זיינו אויגן זענין אים גהאנגן איבר די אויגן אונ ער האט ניט גקענט זעהן אונ מהאט אים גמוזט אויף הייבן די האר מיט אגולדן רעדיל. האט רבי יוחנן גזאגט הייבט מיר אויף מיינע האר פון מיינו אויגן אונ איך וועל אים זעהן האט רבי יוחנן גזעהן דם רב כהנא האלט זיינו לעפצן פון אנגדר גשייד גלייך ווי איינר לאכט אונ דם איז רב כהנא גקומן פון איין מכה אונ רבי יוחנן האט גמיינט דם ער לאכט פון אים האט עם אים פר דראסן אוז רב כהנא דורך דעם נגעש גווארן אונ איז גשטארבן אונ מהאט אים בגראבן אונ דעם אנדרן טאג איז רבי יוחנן ווידר גקומן אונ בית המדרש אונ האט גזאגט צו די רבנים האט איר גזעהן די רבנים פון בבל וויא אזו זיי לאכן פון מענשן האבן די רבנים גזאגט צו אים רב כהנא האט גאר ניט גלאכט נייארט זיינע לעפצן זענין תמיד אזו פון אנגדר גשייד. האט רבי יוחנן גזאגט אז עם איז יוא אזו וועל איך גיין אים לעבדיג מאכן איז רבי יוחנן גגאנגן צו דר היל וויא רב כהנא איז בגראבן גוועזן האט ער גזעהן דם איין שלאנג האט ארום גרינגולט דאם מול פון דער היל אונ האט איר וויידיל גהאלטן אין מול אונ האט קיינום ניט גלאזט אריין גיין אין דער היל האט רבי יוחנן גזאגט צו דער שלאנג. שלאנג שלאנג עפין דיין מול כלומר לאז ארום דיין וויידיל פון דיין מול אונ לאז איין אורט דם דער רבי זאל קענן ארין גיין צום תלמיד. האט זיך די שלאנג ניט געפינט: האט ער ווידר גזאגט לאז אריין גיין איין חבר צו זיין חבר האט דיא שלאנג דאך זיך ניט געפינט: האט ער ווידר גזאגט לאז אריין גיין איין תלמיד צו זיין רבי האט זיך דוא שלאנג געפינט: האט רבי יוחנן גבעטן גאט אונ האט לעבדיג גמאכט רב כהנא אונ האט אים אויף גשטעלט אונ האט גזאגט צו אים איך זאל גוועזן וויסן דאם דר סדר פון מין האר אזו אופן צו האלטן דיא לעפצן וואלט עם מיך ניט פר דראסן אונ היינט קום מיט מיר אונ בית המדרש. האט רב כהנא גזאגט צו רבי יוחנן אוב דו קענסט מאכן מיט דיין תפלה דם איך זאל ניט גשטראפט ווערן ווען איך וועל דיך קשיות פרעגן אונ זאל ניט שטארבן איבר דיר וועל איך גיין מיט דיר אין בית המדרש אריין אונ אוב דוא קענסט עם ניט מאכן מיט דיין תפלה וועל איך ניט גיין מיט דיר דען וויל די צייט איז אוועק גגאנגן אונ עם האט זיך מיר גטראפן אנם דם איך בין לעבדיג גווארן וועל איך שוין מיין ניט גיין מיט דיר אין בית המדרש אריין כדי איך זאל ניט גשטראפט ווערן

נאך

# קיצור מנורת המאור פט״ו טז

נאך אמאל איבר דור · האט אום רבי יוחנן אום גפרעגט אלי ספיקות וואס ער הט גהאט הט ער זייא אום פושט גוועזן אונ אום גזאגט · אום דרום האט רבי יוחנן גזאגט צו זייני תלמידים אור מיינט דו תורה קומט ארום פון אייך בני ארץ ישראל · ניין : זוא קומט ארום פון דו תלמידי חכמים פון בבל דען מור האבון זוא פון זייא גלערונט :

# פרק טז

(האדם חננו הבורא יתעלה בשכל) דעם מענש האט גאט גילייט זעליגט מיט שכל ער זאל אום דעד ווילון אונ גוטס אונ זאל ממאס זיין אונ בייז כדי ער זאל נוט זיין גלייך צו בהמות וןס זיי ווייסון נוט צו אום דר ווילן אונ צו מאכן אצווישן שייד צווישן גוטס אונ בייז נאר וןס זייערו אוגון ווייזן זייא אום דם טואון זיי אונ זיי זענון עוסק צו דער פולון זייער בוך אונ צו אן זעטין זוך מוט וןס זיי גופונון אפילו ווען עס קען זיי שאטן · אבר דיר מענש אוז בשאפן גוואורן דם זיין גוף זאל בדונון צו זיין שכל צו אום צוהון איהם פון דער מחשבה צו דער מעשה אונ אלץ וואס ער מוט זוך אן תענוגים זאל מיין נוט זיין נאר צו דר האלטן זיין גוף ער זאל זיין גזונד צו לערנן אונ צו לערנן מיט אנדרי אונ צו לערנן דו תורה ער זאל קענן דער גרייכן דורך אור דעם אמת אונ זאל זיך בהעפטן אונ דו וועגן פון גאט כדי ער זאל זוכה זיין צום אייבונגן לעבן אונ דרוף האבן אונזרי חכמים מרמז גוועזן אונ פרק הרואה דם זייא האבן מפורש גוועזן דעם פסוק (בכל דרכיך דעהו) אונ אלע דיינו וועגן זאלסטו וויסן גאט אפילו ווען דוא גייסט טון איין עבירה · אוז זייער מיין אפילו ווען דו בוסט עוסק אונ דו בדערפנוש פון דעם גוף וואס זייא ווערון אן גרופן איין עבירה וויל דו נשמה הט קיין הנאה נוט פון זייא נאר דער גוף זאל דיין כוונה זיין אונ זייא צום אמתן תכלית דהיינו לשם שמים צו דר האלטן דעם גוף צו גאטס דונסט אונ ניט פון דיין הנאה וועגון זאלסטו זייא טון אונ מוד לערנן אויך יונ מדרש תהלים עס שטייט אונ פסוק דר צדיק עסט צו אן זעטן זיין נפש : אוז דער מיין דר צדיק אונ דר קלוגר מאן עסט וויינוג נאר כדי ער זאל דער האלטן זיין לעבן צו גאטס דונסט אבר דער רשע אונ דער נאר אוז נוט אוז נייערט ער עסט נאר פון זיין הנאה וועגן אונ פולט אן זיין בוך אונ זארגט נוט וואס פול געלד גייט אוועק בייא אום דרוף דען ער טראכט זוך דאס דו וועלט אוז נאר בשאפן גוואורן צו עסון אונ צו טרונקן אונ ער גלוסט נוט אוף דר וועלט נאר צו עסן אונ צו טרונקן אונ זיין שענדרוכער נאמן

נאמן אוז איין רמז דרויף דען ער הייסט אויל דם מאכט (אכול ושתה יאמר לך) עס אונ טרונק וועט ער אלין זאגן צו דור · (אבל האכילה הטובה) אובר דם בעסטו עסן אוז דר ווס עסט צו דר האלטן זיין גוף אוז וויא אונ פסוק שטייט דער צדיק עסט צו אן זעטן זיין נפש אונ דער מענש זאל נוט גלוסטן צו פיל עסן צו אן זעטן זיינו תאוות נייארט ער זאל נאר עסן דז מאכלים וואס דער האלטן דעם גוף אונ זיין גזונדקייט כדי זיין נפש זאל זיין קלאר צו פר שטיין דז טיפו חכמות פון דר תורה אונ ווען דר גוף וועט שטארבן זאל דז נשמה בלייבן בהעפט אובין אונ הומל אבר דז וואס זאגן נאך צו בקומן זייער תאוה הייגט זעטן זייא זיך אן פון התיר אונ מארגן פון איסור אונ ווען זייא קענן נוט גרייכן צו בקומן זייערו תאוות פון זייער געלד גזלן זייא פון אנדרי לייט אונ דרום האט דז תורה גשאפט אנדוסו זאך דם אפאטר זאל לאזן פר שטיינגן זיין זון ווען ער וועט זעהן דם ער איז אפרעסר אונ אזופר דם ער עסט אוף אמאל אפונט פלייש אונ טרונקט אום אהאלבן לוג שטארקן ווין אונ פון אטליא דם אוז דרום ווייל ער הייבט אן צו נאך יאגן נאך גוטו עסן שפייז אונ צו גוויינגן זיך צו עסן פיל דען וועט ער דורך זיין בייז גוויינונג פר לענדן זיין פאטרס געלד וויא מיר לערנן אונ דר מסכת סנהדרין אבן בורר ומורה דער הערט גשטראפט ווייל זיין סוף קען נוט גוט זיין דרום אוז בעסר מען זאל אום ממית זיין · (והנו גרסינן) אונ נאך לערנן מיר אין פרק חלק רבי יוחנן זאגט דם ווס עס שטייט אין פסוק גאטס קללה אוז אין דעם הוז פון דעם רשע דם אוז וואָרן גזאגט אוף פקח בן רמליהו ער אוז גוועזן איין מלך פון ישראל אונ פלעגט אוף עסן אלע מאל צייט פערציג סאה טובין פר איין פר בייסונג נאך זיין עסן אונ דם וואנונג פון דז צדיקים איז גבענשט דם אוז גזאגט אוף חזקיהו המלך דאס ער פלעגט נאר אויף עסן אפונט פלייש אוף זיין גאנצר סעודה אונ דרוף האט שלמה המלך גשטראפט דעם מענשן אונ האט גזאגט דו זאלסט ניט עסן קיין ברוט מיט דעם ווס הט אביין אונ דאס מיינט ער ארשע ווס זיין אויג אוז בייז אונ האט קיין מאל ניט גנוג אונ דו זאלסט ניט גליסטן צו זיין עסן שפייז ·

# פרק יז

(היין הוא דומה למאכל) דר וויין איז גליך צו איין עסן שפייז וואס ווייניג דער פון אוז גוט אונ פול שאט · אזו אוז אוך דער וויין ער קאכט אונ מאכט פר דייאן דאס עסן אונ מאגן אונ דער פרייט דעם מענשנס

דארין

# קיצור מנורת המאור פ״ז

הארין אבער דר וואס שיכורת זיך אן פון דעם וויין דער טוט שאדן זיין גוף און פר לורט זיין שכל און איז זיך גורם אלע בייזע זאכן וואס טרעפן זיך אין דער וועלט אזו וויא מור געפינן ביי נח דם דר וויין האט אום גורם געוועזן שאנד. און דאס איז געוועזן אסיבה דם ער זאל שעלטן זייני קינדר : (ואמרינן התם) און מור זאגן אין דר גמרא עירובין רב חנן זאגט דר וויין איז מיין ניט בשאפן געווארן אויף דער וועלט נאר צו מנחם זיין אבלים און צו בצאלן דער מוט צו די רשעים זייער שכר אויף דער וועלט פר די מצות וואס זייא טון דורך דעם תענוג וואס זייא האבן פון דעם וויין אזו וויא אין פסוק שטייט גוט אלטן וויין צו דעם רשע וואס ער ווערט פר לארן פון עולם · און גיט וויין צו די אבילים וואס זייא האבן איין בוטר גמוט רבי יצחק זאגט עס שטייט און פסוק (אל תרא יין כי יתאדם וגו׳) דם מיינט מען דיא זאלסט ניט זעהן און גליסטן דעם וויין צו טרינקן דען ער מאכט רוט דם פנים פון די רשעים אויף דער וועלט אבר ער מאכט וויים און בלייך זייער פנים אויף יענר וועלט דען זייא נעמן אפ דורך אום זייער חלק עולם הבא אויף דר וועלט און ווערן אן יעני וועלט רבא זאגט אזו מיינט דר פסוק די זאלסט ניט זעהן און גליסטן צו טרונקן וויין דען דער סוף וועט זיין דם דיין רוט בלוט וועט פר גאסן ווערן דורך אום דען וויל דיא וועסט דיך אן שוכרין פון אום וועסטו טון בייז און וועסט גהרגת ווערין דורך אום : (ומי שנמשך אחריו) און ווער עס ווערט גצוגן נאך דעם וויין און ווערט געוויינט צו טרונקן אום ציהט דער וויין אום פון דר וועלט פר זיין צייט אזו וויא מיר לערנן אין דר מסכת אבות : רבי דוסא בן הרכינס זאגט דער וואס שלאפט אין דער פרוא בוז ער איז עובר קריאת שמע און דער וואס טרונקט און מוטון טאג פול וויין ביז ער ווערט שיכור און דער וואס שפילט זיך מוט קלייני קינדר און לערנט נוט דער וויל און דער וואס זוצט און דוא איין זאמלונג פון דוא עמי הארצים וואס זיי רעדין דברים בטלים דיא זאכון צוהון אום דעם מענש פון דער וועלט פאר זיין צייט דרום זאל זיך דער מענש מרחיק זיין פון וויין טרונקן נאר וואס ער דארף נייטוג צו האבן זיין עסון צו פר דייאון · אויך לערנין מור און דר מסכת ברכות רבי מאיר זאגט ווארום שטייט און דער תורה דוא פרשה פון איין נזיר דאס ער טאר קיין וויין ניט טרונקן לעבן דער פרשה פון איין סוטה וואס זוא אוז מזנה מוט פרעמדע מאנן דאס אוז צו לערנן אונז דם דר וואס זעהט וויא אזו מיט איין סוטה איז דער גאנגון און וואס פר איין עונש זיא האט גהאט און דאס אוז אור גוקומן וויל זיא האט זיך אן גשיכרת

מיט

מיט דעם ווייל זוא אוז גגאנגען אונ הט מזגה גוועזן דער וואס זעדט עס זאל ער זיך אפ שיידען פון וויין צו טרינקען דרום גהער זיך דער מענש מרחיק זיין פון פול וויין צו טרינקען כדי ער זאל צו קיין זינד נוט קומען דורך דעם :

## פרק יח

(אשרי אדם מפחד תמיד) וואול דעם מענש וואס האט תמיד מורא ער זאל נוט פאלון אונ דר האנט פון זיין יצר הרע אונ שטארקט זיך אלי טאג צו מלחמה האלטן אקעגון אים כדי ער זאל נוט פר זוכון איין טעם פון איין עבירה אונ זאלסט ניט גלובין אונ דור דם די בוסט אפרומר מאן בוז אין דעם טאג פון דיין טוט דען די קענסט נוט וויסן וום דוא קענסט נאך ווערן אזו וויא מיר גיפינן ביא יוחנן כהן גדול דם לסוף איז ער גווארן איין משומד · (ולשמור מספק זה) אונ כדי צו היטון דעם מענשן פון דעם ספק האבן דוא חכמים גוזר גוועזן מען זאל נוט זיין אליין מוט איין אשה כדי מען זאל ניט קומן צו דער עבירה אזו וויא מיר לערנן אין קידושין איין מאן זאל זיך נוט מיחד זיין מיט צווייא ווייבר אבר איין אשה מעג זיך מיחד זיין מיט צווייא מאנון · רבי שמעון זאגט איין מאן מעג זיך אוך מיחד זיין מיט צווייא ווייבר ווען זיין ווייב אוז מוט אום · אוך זאל איין

מענש

מענש ניט לערנן זיין זון אזו איין מלאכה וואס ער מוז דורך אויף פיל האנדלון מוט ווייבר (וואמרינן) אונ מור זאגן אונ דער גמרא ווארים זאל זיך איין מאן מיט צווייא ווייבר ניט מייחד זיין ווייל ווייבר האבן גרונגי דעות אונ מען קען זייא ביידו אובר רייידן · אוך שטייט אין דער גמרא פלימו איז גוויינט גוועזן צו זאגן איין מאל זאל קומן אונ דוא אוגון פון דעם שטן דס איז דער יצר הרע אמאל איז ג"יען ערב יום כפור האט זיך דער יצר הרע גוויזן צו פלימו גליך וויא איין ארומאן אונ איז גוקומן אונ האט גבעטן אוף דער טור מזאל אום עפוס געבן עסון · האט מען אום ארוס גבראכט ברוט האט ער גזאגט דוא גאנצע וועלט זוצון ריינט ביא טישן אונ עסון אונ אוך זאל עסון אוף דער גאס האבן זייא אום ארין גנומן אונ האבון אום גזעצט ביא איין טויש · האט ער זיך גמאכט פיל מיט גרונדן אונ בלאטרון אונ האט גקוועטשט אייטר פון זייא · האט פלימו גזאגט צו אום זיץ רעכט אונ פר מיאוס אונז ניט דס עסון · האבן זיי אום גגעבן איין כוס צו טרונקן האט ער ארין גהיסט דרינן האט פלימו אן גשרוגון אונ אום האט ער זוך גמאכט טוט אונ האט גמאכט הערן צו דיא שטוב לייט אקול דס עס האט זיך זייא גדאכט מען זאגט אוף דר גאס פלימו האט גהרגת אמענש הט פלימו פחד גקריגון אונ איז אנטלאפן גוואורן פון דער שטאט אין פעלד ארין אונ האט זיך באהאלטען אין איין בית הכסא איז דער שטן אהין גגאנגן אונ האט דעם בית הכסא צו גשלאסן · וויא ער האט גזעהן דאס פלימו איז זוך זייער מצער הט ער אוף גשלאסן דס בית הכסא אונ האט זוך מגלה גווען צו פלימו אז ער איז דאס אונ הט גזאגט צו אום ווארום שעלסטו מוך דרום הב אוך עס דור אזו גטאן האט פלימו גזאגט צו אום וויא אזו דען זאל אוך זאגן ביצול צו ווערון פון דור האט דער שטן גזאגט אזו זאלסטו זאגן דער דר בארמוגר גאט זאל אן שרייאון אין דעם שטן ער זאל מוך נוט אן ריידן צו ביזן · (על כן) דרום ווען איין נסיון קומט דעם מענש צו האנד דאס ער קען טון איין עבירה זאל ער צו ברעכן זיין תאוה אונ זאל אובר שטארקן זיין חשק וועט זיין שכר זיין גרוס אזו וויא מור לערנן אונ מסכת אבות (לפום צערא אגרא) נאך דעם פול צער וואס דער מענש איז סובל דורך זיין תורה לערנן אונ מעשים טובים צו טון אונ צו כובש זיין דעם יצר הרע אזו פול וועט זיין שכר זיין :

פכ״ד (אף על פי) חאטשי דער יצר פון דעם מענשנס הארץ איז בייז פון זיין יוגנט אן פון דעסט וועגן אז דר מענש וועט אן הייבן צו ברעכן אונ צו שטוכון אום אונ זיין יונגקייט וועט דער נאך זיין גרונג זנו אובר שטארקון אום צו אלע זאכן וואס דער מענש וועט וועלן אבר ווען ער וועט אונ זיין יונגקייט פאלון אונ דער האנד פון זיין יצר הרע אונ וועט זיך צוהון נאך אום וועט ער אום אלע צייט גפונון שווערר אוף זוך אונ הארטר צו מנצח זיין אונ דער יצר הרע וועט זוך אלע טאג מער שטארקן איבר אום אזו וויא מיר לערנן אונ דער מסכת סוכה רבי אסי זאגט אין אן הייב איז דער יצר הרע גלייך בייא דעם מענשן אזו וויא דער פאדום פון שפון וועב אונ דער נאך אז דער מענש פאלגט אום שטארקט ער זוך איבר אים אונ ווערט אזו וויא דיא גראבע שטריק פון אוואגן צו מאכן זינדוגון אום אונ עס איז שון אום זייער שווער צו מנצח זיין ׳ אוך זאגט דיא גמרא רבי יוסי הגלילי זאגט דו צדיקים איז דער יצר טוב זייער שופט אונ דו רשעים איז דער יצר הרע זייער שופט ׳ נוא זעהן מיר דאס דער יצר הרע איז איין שופט בייא דעם רשע אונ פורט אום אוועק פון גאטס פארבאט ׳ אונ דיא בינונים האבן צווייא שופטים דעם יצר טוב מוט דעם יצר הרע ׳ רבי אלעזר האט גדרשת זיבן נעמן הט דער יצר הרע ׳ גאט האט אום גרופן רע דאס איז טייטש בייז ׳ משה האט אום גרופן ערל דאס איז טייטש פאר שטאפט ווייל ער פר שטאפט דעם מענשנס הארץ ׳ דוד האט אום גרופן טמא ווייל ער פר אום ריינוגט דעם מענשן ׳ שלמה האט אום גרופן שונא ווייל ער איז דעם מענשנס גרעסטר שונא אזו וויא עס שטייט ווען דיין פיינט איז הינגריג עבירות צו טון מאך אום עסון דם ברוט פון דער תורה כלומר גייא תורה לערנן דען וועט ער דיר נוט קענון טון אונ דאס וועט בייא אום זיין גלייך וויא דו שארסט אום קולון אוף זיין קאפ ׳ ישעיהו הנביא הט אום גרופן מכשול ווייל ער מאכט דעם מענש שטרויכלן ׳ יחזקאל הט אום גרופן אבן אזו וויא עס שטייט אוך גאט וועל אפ טאן דם שטיינרני הארץ פון אייער פלייש דאס איז דער יצר הרע וואס ער איז שווער צו ביינגן אום וויא אשטיין ׳ יואל האט אום גרופן צפוני דאס איז טייטש פר בארגונר אזו וויא עס שטייט דעם צפוני וועל איך נאט דר ווייטערן פון אייך דאס איז דיר יצר הרע וואס ער איז פר בארגון אונ דעם מענשנס הארץ ׳ (ואינו מניח לאדם) אין דער יצר הרע לאזט ניט נאך צום מענשן ביז ער בגערט צו טייטון אום אזו וויא מיר זאגון אונ דער גמרא רבי יצחק זאגט דעם מענשנס יצר הרע שטארקט זוך אובור אום אונ בגערט צו טייטון אום אזו וויא אונ פסוק שטייט

# קיצור מנורת המאור פכ״ד כה

דער רשע דאס איז דער יצר הרע קוקט אויף דעם צדיק און בגערט צו טייטן אים און ווען ניט דאס גאט זאל העלפן דעם צדיק וואלט ער ניט גיקענט בייא קומן דעם יצר הרע און ניט אליין וואס דער יצר הרע רעט אן דעם מענטשן צו זינדיגן נייערט ער זאגט נאך אליין עדות אויף דעם מענטשן בעולם הבא דאס ער האט גזינדיגט אזו וויא מיר לערנן און דער גמרא רבי יוחנן זאגט דער יצר הרע רעט אן דעם מענטשן אויף דער וועלט צו זינדיגן און זאגט עדות אויף אים בעולם הבא · זאגט רבא צום ערשטן ווערט דער יצר הרע אן גרופן איין דורך גייאר דאס ער גייט נאר דורך בייא דעם מענטשן און שטייט ניט איין אין זיין הויז · און דער נאך אז דער מענטש הייבט אים אן צו פאלגן ווערט ער אן גרופן איין אורח דאס ער פר זומט זיך שון אביסל בייא דעם מענטשן אין זיין הויז · און דער נאך אז דער מענטש פאלגט אים ווייטר ווערט ער שון אן גרופן איין איש כלומר איין בעל הבית דען ער ווערט שון איין בעל הבית בייא דעם מענטשן און פר זומט זיך שון לאנג אין דער מענטש מוז אים שון פאלגן וויא אזו ער פירט אים און עס איז אים שון שווער פטור צו ווערן · (ורפואתו של אדם) און דעם מענטשנס רפואה פון דעם יצר הרע איז ער זאל תורה לערנן אזו וויא מיר לערנן אין קדושין · דיא ישיבה פון רבי ישמעאל האבן גלערנט · מיין קינד ווען דער מנוול דם איז דער יצר הרע האט דיך בגעגנט און רעט דיך אן צו זינדיגן אזו ציה אים אין בית המדרש ווען ער איז שון הארט אזו וויא אשטיין וועט ער דאך צו גיין אזו וויא אין פסוק שטייט דוא שטיינר וואס דוא וואסרן האבן זיי צו מאלן דם מיינט מען דעם יצר הרע וואס ער איז הארט אזו וויא אשטיין איז ער וואָרן צו מאלן דורך דעם וואסר פון דער תורה דען דוא תורה איז גגלעבנט צו וואסר :

## פרק כה

(הקב״ה) גאט ב״ה פון וועגן זיין גרוסן חסד וואס ער טוט תמיד מיט דו ישראל נעמט ער אויף פון זייא און איטליכן דור מנהיגים דם זייא חשוב זיין בייא דוא מלכים און שררות צו ריידין גוטס אויף זיין פאלק ישראל דען גאט פר לאזט ניט דוא ישראל דאס זייא זאלן פר לענט ווערן דרום שטעלט ער אויף צו זייא אלע צייט העלפר דרום ווען דוא לייט וואס זענן חשוב בייא דוא שררות איז זייער כוונה ממליץ צו זיין גוטס אויף דו ישראל וועלין זייא בלייבן בייא זייער גדולה און וועלן רייך ווערין אזו וויא מיר לערנן אין יומא שמואל זאגט ווען אמענטש ווערט אויף גנומן פר אפריגם

(פארשטעהר) אוף דוא ישראל ווערט ער רייך אזו וויא מור געפונן ביא שאול המלך דאס צום ערשטן האט ער דוא ישראל גצייל מיט שערבליך דאס איטליכר ישראל האט גבראכט אשערבלי און ער האט אבר גציילט דיא שערבליך האט ער גוויסט וויפול זייא זענן דען מען טאר דו ישראל אליין נוט ציילן און דער נאך איז ער רייך גווארן און האט זייא שוין גציילט מוט שאף דם איטליכר ישראל הט גבראכט אשעפעלע פון דוא שאף פון דעם מלך און ער האט איבר גציילט דו שאף הט ער גוויסט וויא פיל זיי זענן דר פון זעהן מור דם ער איז רייך גווארן וויא מען הט אים אוף גנומן פר איין מלך איבר ישראל און ווען דר פרנס איז זיך מרחם אוף דעם ציבור וועט ער זוכה זיין צו האבן גדולה לעולם הבא אזו וויא מיר לערנן אין אבות רבן גמליאל דר זון פון רבי יהודה הנשיא זאגט עס איז גוט תורה צו לערנן און אמשא ומתן אודר אמלאכה דר ביא צו האבן דען דם מודוקיש פון דוא צוויי זאכן פר געסן דעם מענשן צו זינדיגן דען דיא תורה מאכט דעם מענשן שלאף און דוא מלאכה אודר דער משא ומתן וואס ער טוט פון זיין פרנסה וועגן מאכט אוט אוף שלאף וועט דורך דעם זיין יצר הרע בטל ווערן פון אים און אטליכר וואס לערינט תורה און טוט דער ביא נישט איין מלאכה צו האבן זיין פרנסה דער פון ווערט זיין תורה בטל דאס ער קען נוט בלייבן ביא דעם לערנן און ער קומט נאך דורך דעם צו זינד דען וויל ער האט קיין פרנסה נוט ווערט ער איין גזלן און ברובט לייטן · און אלו דוא וואס זענן זיך משתדל פר דעם צבור ביא דעם שררה זאל זייער כוונה זיין לשם שמים אבר נוט צו חשוב מאכן זיך און צו ברימן זיך דער מוט דאס ער האט דאס און דם גטאן פון וועגן דעם ציבור דען זייא האבן דרום גקענט משתדל זיין און פועל זיין דיא זאך ווייל דער זכות אבות פון דעם ציבור האט זייא דער צו גהאלפן · אבר נוט פון וועגן זייער חשיבות האבן זייא עס גפועלת און פון דעם וועגן ווען זייא טון עס לשם שמים וועט זייא גאט געבן אשכר דר פר גליך וויא זייא וואלטן עס גטאן מוט זייער חשיבות :

פרק כו (כל אשר יש לו עינים לראות) איטליכר וואס האט אוגן צו זעהן נהער אוועק צו לופן פון עבירות דורך זיין פר שטאנד אפילו ווען ער זאל קיין מורא נוט האבן דם ער ווערט דרובר גשטראפט ווערן דען דו עבירות זענן אזעלכע זאכן וואס זענן מיאוס פר איטליכן וואס הט שכל און זענן אומרייני זאכן און מאכן דעם מענשן אשלעכט גווינונג און איין פאלש גלייבונג און ווען דוא תורה וואלט זייא נוט פאר באטן · וואלט דאך גהערט

אוטליכר

# קיצור מנורת המאור פכ״ו

איטליכר קלוגר מענש אנטלופון פון זייא · אוך זאגון מור אונ דער גמרא עס שטייט אונ דר תורה אור זאלט אייך נוט פר אונבריינגן צו טון די דאזיגע בייזע זאכן דען אור וועט דר נאך זייער פר אומריינגט ווערן דען ווען דר מענש אוז זוך אביסל מטמא מיט עבירות לאזט מען אום ער זל זוך פול מטמא זיין מיט עבירות אונ ווען ער אוז זוך מטמא אוף דר וועלט אוז מען אום מטמא אוף יענר וועלט די רבנים האבון גלערנט עס שטייט אונ דער תורה אור זאלט אייך היילגען וועט אור זיין היילוג דען אוך גאט בון היילוג דם מיינט מען ווען דר מענש היילגט זוך אביסל העלפט מען אום ער זאל זוך קענון פול היילגן אונ ווען ער היילגט זוך אונטן אוף דער ערד היילגט מען אום אובון אונ הומול אונ ווען ער היילגט זוך אויף דער וועלט היילגט מען אום אויף יענער וועלט דר פון לערנן מ״ר אפ ווען אמענש לופט נאך איין עבירה צו טון אונ בהעפט זיך אונ אור לאזט מען אום טון זיין ווילון דען מען הט דעם מענשן אין זיין רשות געגעבן ער זאל גיין אונ דעם וועג וואס ער וויל גיין אבר דייר וואס הט שכל אונ גייט אונ גוטון וועג העלפט מען אום אונ מען אוז אום מציל פון די בייזע טרעפונג פון דער וועלט דרום איטליכר וואס האט שכל געהער אוים דער ווילון אונ גיטס אונ ממאס זיין אונ ביין גלייך וויא דר ווס טוט אוים דר ווילון אונ רעכט פארטיגן וועג אפילו ווען ער הט קיין מורא ניט פר איין עונש · (והמצות) אונ די מצות וואס גאט האט אן געזאגט צו כל ישראל דם זיי זאלן נוט עסן די זאכן וואס זענון מיאוס אונ טמא דהיינו שקצים אונ רמשים אונ חזיר אוך וואס ער האט אן געזאגט דאס זיי זאלן נוט ליגען בייא איין אשה ווען זיא אוז נוט ריין דאס זענען אזעלכע זאכון וואס מען קען דם מוט דעם שכל פר שטיין דאס זייא זענון איין עצה טובה פר די ישראל כדי זייא זאלן זיין געזינד אונ ריין פון אלע אום ריינקייט אונ היילוג אונ ריין פון אלע טומאות אונ זאלן זיין דער ווייטערט פון אללע וועלטליכע תאוות אויך דיא מצוות וואס גאט האט געבאטן מען זאל רעכטע משפטן אונ מען זאל קיינום ניט נארן אונ משא ומתן אונ מען זאל נוט נוקם ונוטר זיין אונ מען זאל קיין יודון נוט פיינט האבן אונ מען זאל גוט גליסטן קיין פרעמד געלד די זאכון דארף מען נייטוג האבון צום ישוב פון דר וועלט דאס די וועלט זאל דורך דעם בזעצט בלייבן אונ די מענשן זאלן קענון וואנון מוט אנאנדר אונ די מדינות זאלן קענון גוט געפירט ווערן אונ דיא זאכון מאכון שלום צווישן מענשן · אויך קומט דורך זיי אלע גוטע זאכן וואס אונ דער וועלט אוז אונ די אלע זאכון זענון נכלל אונ דעם פסוק (ואהבת לרעך כמוך) דם אוז טייטש די זאלסט דיין חבר ליב האבן אזו וויא דיך

דיך אונ וואס דו ווילסט נוט איין אנדערר זאל דור עס טון זאלסטו עס צו
דיין חבר נוט טון אונ ווען דר מענש וועט דעם פסוק מקיים זיין וועט ער
קיינעם קיין בייז נוט טון אזו וויא מיר געפינן דאס הלל הזקן הט גלערנט צו
איין גוי וואס ער איז געקומן צו אום ער זאל אום מגייר זיין אויף דעם
תנאי ער זאל אום לערנן די גאנצע תורה אונ דער קליינר צייט וואס ער
וועט קענען שטיין אויף איין פוס האט אום הלל מגייר געווען אונ האט אום
גלערנט דעם פסוק (ואהבת לרעך כמוך) אונ האט גזאגט צו אום דער פסוק
איז דר כלל פון דער גאנצער תורה אונ דיא אלע זאכן איז דער שכל מחייב
מען זאל זיי נוט טון אפילו ווען די תורה וואלט זיי נוט פר באטן אונ דר
וואס גליסט פרעמד געלט דאס קומט דורך דעם בייזן נפש וואס ער האט
אזו וויא אונ פסוק שטייט דם נפש פון דעם רשע גליסט בייז · (וכל בן דעת)
אונ איטליכר בן דעת געהער זוך אפ לערנן פון דעם וואס אונזערע ערשטע
אבות האבן געטון · דהיינו אברהם אבינו הט זוך גלאזט אריין ווארפן אונ
קאלך אובן פון גאטס וועגן · אונ יצחק האט זוך גלאזט ברענגן פר איין
קרבן · אונ דניאל האט זוך גלאזט אריין ווארפן אונ לייבן גרוב · אונ חנניה
מישאל ועזריה האבן זוך גלאזט אריין ווארפן אונ איין ברענידיגן קאלך אובן
אונ די עשרה הרוגי מלכות אונ די הרוגים פון דער שטאט לוד אונ אלע
כתות צדיקים וואס אונ אלע צייטן יענון געווען די האבן זוך מוסר נפש געווען
צו אום קומן אויף קידוש השם אונ האבן זוך דר מיט גקויפט עולם הבא · אזו
וויא מיר לערנען אונ דער גמרא די רבנים האבן גלערנט אז רבי יוסי בן
קסמא איז קראנק געווארן איז רבי חנינא בן תרדיון געגאנגן צו מבקר חולה זיין
אום הט רבי יוסי גזאגט צו רבי חנינא · חנינא מיין ברודר ווייסטו דען נוט
דאס די אומה עובדי כוכבים ומזלות הט מען פון דעם הימל געמאכט קיניגן
זיא דען זי הט חרוב געמאכט גאטס הויז אונ האט פר ברענט זיין פאליין אונ
הט גהרגת זיינע חסידים אונ הט פר לורן זיינע גוטע אונ פרומע לייט אונ
הט דאך נאך אקיום אין דר מלוכה · אונ אויך האב געהערט זאגן אויף דיר
דאס דו זיצסט אונ לערנסט תורה אונ זאמילסט איין פול לייט אונ לערנסט
מיט זייא אויפנבאר אונ איין ספר תורה ליגט ביי דיר אונ דיין שון אונ די
אומה הט דאך גוזר געווען מען זאל קיין תורה נוט לערנן נוא ווארנט ביסטו
עובר דרויף · הט רבי חנינא גזאגט פון דעם הימל וועט מען זוך דר באריגען
איבר אונז · הט רבי יוסי גזאגט אויך זאג דיר רייד מיט איין טעם דער
בייא דען דו ועהסט דאס זייא האבון חרוב געמאכט גאטס הויז אונ האבן
גהרגת זיינע חסידים אונ האבן דאך נאך איין קיום אין דער מלוכה אונ די
זאגסטו

# קיצור מנורת המאור פכ״ו

זאגט מיר פון דעם הימל וועט מען זיך דר בארימן איבר אונז אוך ווינדר מיך אויב מען וועט ניט פר ברענן דוך אונ דיין ספר תורה אונ פיאר · הט רבי חנינא גזאגט צו רבי יוסי וויא אזו וועל איך זיין לעולם הבא · האט רבי יוסי גזאגט צו אום איז עפים איין גוטע מעשה דור צו האנד גקומען · הט רבי חנינא גזאגט צו אום איך האב מיר אן געגרייט געלד אויף סעודות פורים אונ האב פר געסן אונ האב גמיינט עס איז צדקה געלד אונ האב עס צו טיילט צו ארימע לייט אונ האב מיר דר נאך ניט אפ גנומן פון צדקה געלד הט רבי יוסי גזאגט צו אום וען דו ביסט אזו איין ווייטרן גוועזן ווינש איך מיר דאס פון דיין חלק זאל זיין מיין חלק אונ פון דיין גורל זאל מיין גורל אויך זיין לעולם הבא · האבן די חכמים גזאגט עס איז ניט גוועזן קיין פיל טעג דער נאך ביז רבי יוסי בן קסמא איז גשטארבן זענן גגאנגן אלע חשובים פון רום אונ האבן אום מספיד גוועזן איין גרויסן הספד · אונ ווייער אום קערן זיך האבן זיי געפינען צו רבי חנינא בן תרדיון דאס ער לערנט תורה מוט פיל לייט אויפנבאר אונ איין ספר תורה ליגט אונ זיין שוס האבן זיי אום גנומן אונ האבן אים ארום געוויקעלט מיט זיין ספר תורה אונ האבן אום ארים גערינגעלט מיט בינדלך צווייגען פון ביימר אונ האבן אונ זיי אן גצינדן פייאר אונ האבן גבראכט שוואמען פון וואל אונ האבן זיי גווייקט אינ וואסר אונ האבן זייא גלייגט אויף זיין הארצן כדי ער זאל ניט באלד שטארבן אונ זאל פיל יסורים ליידן · הט זיין טאכטער גזאגט צו אום מיין פאטער זאל איך דיך דען זעהן אזו · איז דס דען דער שכר פון דר תורה וואס דו האסט גלערנט · הט ער גזאגט צו איר מיין טאכטר ווען איך אליין זאל פר ברענט ווערן וואלט עס מיר זייער שווער גוועזן · אבר היינט דם די ספר תורה ווערט מוט מיר פר ברענט · דר וואס וועט זיך אן נעמן די שאנד פון דר ספר תורה דער וועט זיך מיין שאנד אויך אן נעמון · האבן זיינע תלמידים גזאגט צו אום רבי וואס זעהסטו · האט ער גזאגט צו זיי איך זעה דער פארמיט ווערט פר ברענט אונ די אותיות פליהען אוועק · האבן זיי גזאגט צו אום עפן דיין מול אונ לאז דאס פייאר ארין גיין אונ גוף ארין וועסטו גיכער שטארבן הט ער גזאגט צו זיי עס איז בעסר דאס גאט זאל די נשמה צו נעמן פון מיר וואס ער האט זי מיר געגעבן אונ איך אליין וויל מיך ניט ממית זיין הט דר תליין גזאגט צו אום · רבי ווען איך וועל דעם פלאם גרוס מאכן אונ וועל צו נעמן דיא שוואמען פון וואל וואס אויף דיין הארצן זעגען וועסטו מיך ברענגן לעולם הבא הט ער גזאגט יוא הט דר תליין גזאגט צו אום שווער מיר דרויף האט ער אום גשווארן אזו באלד הט דר תליין גמאכט א גרוסן פלאם אונ הט צו גנומון

גנומן די שוואמן פון וואל פון אפ זיין הארצן אזו אוס זיין נשמה גענך ארוס גגאנגן אונ דר תליון אזו אוך אונ פייאר ארייך גשפרינגן אונ אזו געשטארבן איז ארוס גגאנגן איין בת קול אונ הט גזאגט רבי חנינא בן תרדיון אונ דער תליון זענן אן גבריט לחיי עולם הבא הט רבי גוויינט אונ הט גזאגט איין טייל לייט מוזן פיל יארן גוטס טון זיי זאלן זיך דער מיט עולם הבא קופן אונ איין טייל קופן זיך עולם הבא אונ איין שעה אזו איין גלייכענש וויא דער תליון (ווערסינן) אוך לערנען מיר אונ דער גמרא קטיעא בר שלום איז גוועזן איינער פון די חשובים פון דעם מלכות אזו גוועזן איין מלך וואס הט זייער פיינט גהאט יודין האט ער גזאגט צו זיינע הארען ווען איינר הט פויל פלייש אונ זיין פוס צו זאל ער לאזן אפ האקן די פוס אונ זאל ווערן געזונד אודר ער זאל זיא לאזן מוט דעם פויל פלייש אונ זאל פויל צער ליידן · האבן זיי גזאגט צו אים עס איז בעסר ער זאל די פוס לאזן אפ האקן אונ זאל ווערן געזונד אונ דם הט ער גמיינט די ישראל אונ דט זיי געגליכן צו פויל פלייש הט קטיעא בר שלום גזאגט צו אום די קענסט זיי ניט פר לענדן וואהן מען וועט דיך רופן איין אפ גהאקט מלכות וויל די וועסט זיין גמינערט אונ איין אומה דרום איז בעסר די זאלסט זיי לאזן לעבן האט דער מלך גזאגט צו קטיעא די זאגסט רעכט נאר דר מנהג המלוכה אזו אזיליכר וואס איז מנצח דעם מלך מוט רייד דעם ווארפט מען אריין אונ איין ליידיג הויז אונ מען שוט דאס הויז אויף אום אן מוט ערד כדי ער זאל גהרגת ווערן דרינען וויא מען האט אום גפירט אריין צו ווארפן אונ דעם הויז אריין · הט איין הארינטע פון די רומיין גזאגט צו אום וויא צו דר שיף וואס זי גייט אונ גוט קיין מכס גוט דען לאזט מען זיא נוט אריין אונ דר מדינה וואס זי גייט אהין אונ דם הט זי גמיינט אום דם ער גייט צו גהרגת ווערן איבר די ישראל אונ צו נעמן איין חלק לעולם הבא מוט זיא אונ האט זוך נוט נמלית וועט מען אום נוט אריין לאזן אונ גן עדן אריין ווארום אברהם זוצט אוף דער טור פון דעם גן עדן אונ לאזט אהין נוט אריין דער וואס איז נוט נמלית איז ער גפאלן אוף דעם שפיץ פון זיין ערלה אונ הט זי אפ גביסן מוט זיינע ציין אונ דם גזאגט אוך האב שוין מיין מכס געבן וועל אוך שון קענען איבר פארן אונ קומן אונ גן עדן אריין אונ אז מען הט אום גוואלט אריין ווארפן אונ דעם הויז האט ער גזאגט אלע מיינע גיטר זאלן זיין צו רבי עקיבא אונ צו זיינע חבירים · איז רבי עקיבא גגאנגן אונ הט גדרשת דאס אום קומט איין העלפט גיטר וויל ער הט אום בזינדר דר מאנט אונ זיינע חברים בזונדר · אזו וויא אונ פסוק שטייט ביי דעם לחם הפנים דאס ער זאל זיין צו אהרן אונ צו זיינע

זין

זיין · אונ ווייל אהרן איז באזונדר דר מאנט זאגן מיר דס איין העלפט קומט צו אום אונ דיא אנדערע העלפט צו זיינע זין · אזו איז ארום גגאנגן איין בת קול אונ הט גזאגט קטיעא בר שלום איז אן גבריים לחיי עולם הבא · הט רבי גוויינט אונ הט גזאגט איין טייל קופט זיך עולם הבא ערשט אונ פיל יארן אזו וויא אנטונינוס הט רבי פיל יארן בדינט אונ איין טייל קופט זיך עולם הבא אונ אשעה אזו וויא קטיעא בר שלום · (וגרסינן) אויך לערנן מיר אונ דר גמרא תענית אז טורנוסרופס הט חרוב גמאכט דעם אולם דס איז גוועזן איין חדר אונ בית המקדש איז דעמסמאל גגזר גווארן איין גזירה אויף רבן גמליאל מען זאל אום הארגן · איז דער האר וואס איז גוועזן צווישן די יועצים גגאנגן צו רבן גמליאל אונ פר בארגנש אונ הט גזאגט צו אום ווען איך וועל דיך מציל זיין וועסטו מיך ברענגן לעולם הבא הט רבן גמליאל גזאגט יוא הט דר האר גזאגט צו אים שווער מיר דרויף האט ער אום גשווארן אזו איז דר האר אויף גגאנגן אויף דעם דאך אונ הט זיך אראפ גווארפן אויף דר ערד אונ איז גשטארבן אונ דס וויסן מיר וואל ווען זיי זענון גוזר איין גזירה אונ איינר פון די הארון וואס האבן די גזירה גוזר גוועזן שטארבט זענון זיי מבטל די גזירה ווארום זיי זאגן דס הט זיך זיי גטראפן ווייל זיי האבון אזו איין שלעכטע גזירה גוזר גוועזן איז ארום גגאנגן איין בת קול אונ הט גזאגט דער האר איז אן גבריים לחיי עולם הבא · (לפיכך) דרום איטליכר מענש וואס הט שכל צו פר שטיין זאל קוקון אונ זעהן וויא דס לעבן פון דר וועלט איז נאר נארישקייט אונ חאטשו דר מענש גליסט צו לעבן אויף דר וועלט זאל ער דאך טראכטן דס זיינע טעג זענון גלייך אזו וויא איין שאטון דרום געהער דר מענש ממאס זיין אונ די נארישקייט פון דער וועלט אונ זאל זיך נוט מקנא זיין אונ קיין מענש וואס גייט אונ איין בייזן וועג וואס דאס שאט צום גוף אונ צום נפש חאטשו עס דאכט זיך דס ער איז מצליח לפי שעה אונ ער זאל מין זיין גליסטיקייט צו לוב האבן אונ צו דינען גאט :

פכ״ז (האל ית׳) גאט יתברך הט געבן צום מענשן איין מול כדי ער זאל אום גוויינען אונ רייד וואס אונ זייא איז איין תועלת צום גוף אונ צום נפש · צום גוף וואס ער דארף רייהן צו דר גערן זיך דהיינו צו האנדלן אונ אלע זיינע בדערפנש צו פר זארגן · אונ צום נפש איז איין תועלת צו לערנן תורה שבכתב דאס איז חומש אונ עשרים וארבע אונ תורה שבעל פה דס איז משניות אונ גמרא אונ די איבריגע ספרים פון די חכמי האמת וואס דס איז דר גרונד אונ דר בשטאנד פון אלע מצות דען דורך דעם וואס

ער

ער לערנט תורה ווייסט ער די מצות צו טון · אונ אויך נוצט אונז דם מויל צו לובין גאט אויף אלע טובות וואס ער טוט מיט אונז אונ אלע צייט אונ צו מאכן איין ברכה אויף אלע זאכון וואס ער הט הנאה פון זיי אויף דר וועלט אונ תפלה טון פר אונז · (וואס יזכה) אונ ווען דר מענש איז זוכה צו אויף גיין צו דר העכסטר מעלה · דהיינו צו לערנן תורה מיט אנדרע לייט זיי זאלון גיין אונ גוטן וועג אוז וואל אוס אונ וואל זיין חלק דס ער איז זוכה צו זוך אונ איז מזכה צו אנדרע צו טון מעשים טובים אונ זייא אלע ווערון אן גרופון זיינע קינדר · דרום גה״ר דר מענש נוט פר לירן זיינע ווייניג. טעג אונ נארישע רייד אונ מכל שכן דאס מען וואלט נוט גדארפט דעם מענשן אן צו זאגן דס ער זאל זיינע רייד נוט אוים צוהון אונ די זאכן וואס זענן אסור אונ מיאוס דהיינו ניבול פה דען אפילו איין בהמה טוט אוים דר ווילהן אונ דעם וואס איז גוט פר איר אונ איז ממאס אונ דעם איז שלעכט פר איר אונ מיט דעם מויל וואס איז בשאפן גוואורן צו ריידן הייליגע רייד זאל ער נוט ריידון קיין דברים בטלים אזו וויא מיר לערנען אין ירושלמי רבי לוי זאגט ווען איך וואלט גוועזן אויף דעם בארג סיני וואלט איך גאט גבעטן ער זאל דעם מענשן געבון צווייא מיילר כדי מיט דעם מויל וואס מען רעט דברי שכל פון דער תורה זאל מען נוט ריידון דער מיט אונ די נארישקייט פון דער וועלט אונ די פר צייטיגע חסידים פלעגן מאכון זייערע מיילר אזו וויא כלי שרת דם זענון הייליגע כלים וואס מען פלעגט מיט זיי נוצן אונ בית המקדש אונ מען הט נוט גטארט נוצן אונ זיי מיט אנדרע זאכן פון דער וועלט אזו אויך פלעגן זיי האלטן זייערע מיילר אונ פלעגן נוט ריידן מיט זיי אונ די רייד פון דר וועלט נאר וואס זייא האבון נייטיג גדארפט צו ריידן אונ דוא באדערפניש פון זייער גוף :

(וגרסינן) אויך לערנן מיר אונ דר גמרא אלע רייד זענון שלעכט נאר די רייד אונ דר תורה איז גוט אונ אלע שווייגונג זענן גוט נאר דם שווייגן אונ דר תורה איז שלעכט · אונ וויא אונזערע חכמים האבן גזעהן די דעות פון דיא מענשן זענון שלאף גוטס צו טון אונ זייער צונג וואס איז בשאפן גוואורן צו ריידון אונ קליגע רייד עפנן זיי צו ריידן אונ די רייד וואס אסור זענן אונ חאטשי די צונג איז פר שלאסן מיט צוויי צוימן דהיינו די ציין אונ די לופון שארפן זיי דאך זייער צונג אזו וויא איין שארפע פייל אונ ריידן מיט איר הובע אונ בייזע רייד דרום האבן אונזערע חכמים גשטראפט דרוף ·

(וגרסינן) אויך לערנן מיר אונ מדרש השכם · רבי אליעזר זאגט פון וועגן רבי יוסי בן זמרא צווייא הונדרט אונ אכט אונ פערציג גלידר זענן אונ מענשן

# קיצור מנורת המאור פכ״ח

איין טייל פון זיי זענן אוף גשטעלט אונ איין טייל פון זיי ליגון אונ דיא צונג ליגט צווישן דו צוויי באקון אונ איין שטראם וואסר איז גגעבן אונטר איר דס איז דס שפייאכטס אונ איז פר צוימט מיט איין טאפלר צוים דס זענן דו ציין אונ דו ליפן אונ פון דעסטוועגן קים אונ זעה וויא פיל שריפות זיא איז גורם דאס מיינט מען פיל קריג קומט דורך אור לשון הרע אונ ווען זו וואלט נאך גוועזן אוף גריכט אונ אוף גשטעלט ביי דעם מענשן מכל שכן דאס זו וואלט פיל בייז גורם גוועזן · אונ דרום האבן אונזערע חכמים גזאגט פיר פארטייאן זענען נוט מקבל פני שכינה דו פארטייא שפעטר אונ דיא פארטייא וואס חנפנן אונ דו פרטייא וואס רייזן ליגען אונ דו פרטייא וואס ריידן לשון הרע :

פ׳ק כח (הקובעים עצמם תמיד לשיחה בטלה) דו וואס זעצן זיך תמיד צו ריידן לערי רייד אונ דברים בטלים אזו וויא דר סדר איז פון דו מארק זיצר דו ווערן אן גרופין נארן (טפשים) אזו וויא אונ פסוק שטייט דס קול פון דעם נאר איז מיט פיל רייד אונ זיי זינדיגן מיט דו פיל רייד דען זייא זענון גורם צו מערון אונ גשפעט אונ מיר האבן גלערנט אונ דער מסכת אבות שמעון דער זון פון רבן גמליאל הט גזאגט אלע מיינע טעג בין איך גוואקסן גוארן צווישן חכמים אונ האב נוט געפינן קיין בעסערונג פר דעם מענשנס גוף וויא שווייגן אונ נוט דס לערנן איז דר עיקר נייארט דס גוטס טון איז דער עיקר אבר ווען ער לערנט אונ טוט נוט אזו וויא ער לערנט איז בעסר ער זאל שווייגן פון צו לערנן · אונ אויך ווען ער איז עוסק צו ריידון דברים בטלים אפילו ווען ער רעט שון נוט וואס אסור איז צו ריידון פר לירט ער דאך דו צייטן וואס ער קען אונ זיי תורה לערנן אונ עס ווערט גזעהן פון זיין דיעה דס עס איז מבוזה אונ זיינע אוגון גאטס רייד אונ דעם שכר פון עולם הבא אזו וויא מיר לערנען אונ פרק חלק · רבי נהוראי זאגט דר וואס אום איז מעגליך תורה צו לערנן אונ ער לערנט ניט דר איז מבזה גאטס רייד אונ נוט אליין דאס ער טוט בייז ווען ער רעט דברים בטלים נייארט אפילו ווען עס אום איז מעגליך תורה צו לערנן אונ ער לערנט נוט אפילו ווען ער רעט נוט קיין שפעטעריא ווערט דאך זיין זיצון אן גרופין מושב לצים אזו וויא מיר לערנן אונ אבות ווען צווייא מענשן זיצון אונ ריידן נוט אונ דער תורה הייסט עס מושב לצים · (ולא די לו) אונ נוט גענוג צום מענשן דס ער פר זינדיגט זיין לייב מיט דברים בטלים אונ פר לירט דורך דעם דס לעבון פון יענר וועלט נייארט ער מכט נאך פיל מענשן זינדיגן דען דורך זיין עוסק זיין אונ דברים בטלים ציהט

ער

ער צו זיך דס זיי הערן אוס צו אונ זענן אוך מבטל די תורה אונ זייער זינד ווערט אן גהאנגן אין אוס ווייל ער הט זיי דר צו גבראכט · דרום זל זיך דר מענש דר וויטרן פון לערע רייד צו רעדן אונ זיין בנער׳ זאל זיין תורה צו לערנן וועט ער פר זיך זוכה זיין אונ וועט אנדרע לייט אוך מזכה זיין אין אלץ וואס ער וועט טון וועט ער בגליקן :

פרק כט (כל המתלוצץ) איטליכר וואס שפעט אונ רעט דברים בטלים דר ליידיגט אפ פון זיך גאטס פארכט אונ די חכמים פלעגן שאפן צו זייערע קינדר דס זיי זאלן זיך נוט בהעפטן מוט אזעלכע מענשן אזו וויא מיר לערנען אונ ערבי פסחים פור זאכן הט רבינו הקדוש גשאפט צו זיין זין מיין זון דו זאלסט נוט וואנען אין שכנציב ווארום זיי זענען שפעטר ווען זיי דיך אוך ציהען אונ געוויינן אין שפעטרייא אונ דו זאלסט נוט זיצן אוף איין בעט פון איין כותית איין טייל זאגען מען מיינט ער זאל זיך נוט לייגען שלאפן אן קריאת שמע ליינן אזו וויא איין כותי טוט · אונ אטייל זאגן מען מיינט ער זאל זיך נוט זעצן אוף איין בעט פון אבותית סיידון ער זאל פריער זעהן אוב קיין פגר ליגט נוט אונטרן בעט גוואנד · איבר דר מעשה פון רב פפא דען בייא רב פפא האט זיך איין מעשה גטראפן דאס אבותית אוז אום שולדיג גוועזן געלד פלעגט ער אפט אריין גיין צו איר צו מאנן זו דס געלד איין מאל הט זו דר וארגן איר זון אונ האט אום גלייגט אוף איר בעט אונ הט אום צו גדעקט מוט בעט גוואנט אונ וויא רב פפא אוז גקומן צו מאנן זיין געלד פון איר הט זו גזאגט צו אום זעץ דיך דר ווייל אויף דעם בעט בוז איך וועל גיין ברענגן דיר דיין געלד הט זיך רב פפא גזעצט אויף דעם בעט · אונ וויא זו איז גקומן הט זיא גזאגט צו רב פפא דו האסט גטייט מיין זון האט רב פפא איבר דעם גמוזט אנטלופן פון דער מדינה · דרום זאל מען זיך נוט זעצן אוף איין כותית בעט בוז מען זאל פריר זעהן אויב עס ליגט עפיס נוט דרונטר · אויך האט רבי אן גזאגט זיין זון דוא זאלסט נוט אנטלופן פון צו געבן מכס (שראנקען געלד) דען טאמר וועט מען דיך קרוגן וועט מען דיין געלד אוועק נעמן · אונ דו זאלסט נוט שטיין פר איין אוקס ווען ער גייט אוף פון דער פאשע דען ער איז דענסמאל ווילד גלייך וויא דר שטן איז צווישן זיינע הערנר אונ ער וועט דיך מזיק זיין · פון דאנען לערנן מיר אפ דאס דר וואס גוויינט זיך אונ שפעטרייא פר לירט ער זיין גוף אונ זיינע מזונות אין גידרט אונ גיהנם אונ איז גורם ביין צו אנדרע אונ צו דר גאנצר וועלט דאס זיי ווערן ג׳ שטראפט איבר אים אונ דרום איז גוט צו דעם מענשן ער זאל זיך דר הייטרן פון שפעטר אונ זאל גיין וויא מען לערנט תורה :

פרק

# קיצור מנורת המאור פ"ל

פרק ל (כל מה שאמרו ז"ל) אלץ וואס אונזערע חכמים האבן גזאגט אונ מדרשות אונ אין הגדות זענען מור מחויב צו גלייבן דריגן גלייך ווי אונ תורת משה אונ ווען עס ווערט געפינן דריגן איין זאך וואס עס דאכט זוך אונז דאס דם אוז איין גוזמא אודר חוץ דעם נאטאר אזו מוזן מיר אן העננן דעם חסרון אונ אונז דאס אונזער שכל קען נוט פר שטיין אבר נוט אונ זייערע רייד זאלן מור דעם חסרון אן העננן אונ דער וואס שפעט אוף איין זאך וואס אונזערע חכמים האבן גזאגט דר ווערט גשטראפט אזו ווי מור לערנען אונ מסכת עירובין דער וואס שפעט אוף די רייד פון די חכמים דר ווערט גמשפט נאך זיין טוט אונ הייסע צואה׳ אזו ווי מור האבן אובן גשריבן די מעשה פון אונקלוס ווי ער הט זוך גוואלט מגייר זיין הט ער אוף גבראכט מוט כישוף איין פגר וואס ער פלעגט שפעטן אוף די רייד פון די חכמים׳ אונ הט אום גפרעגט מוט וואס אוז מען דיוך דן אויף יענר וועלט האט ער גזאגט אונ הייסע צואה׳ (ואע"פ שמצינו) אונ חאמשו מור גפונון דם אונזערע חכמים האבן גזאגט אזעלכע זאכן ווס עס דאכט זוך אונז דם זיי זענן אגוזמא אונ דר אמת אוז נוט אזו אבר דער וואס פארשט אונ קלערט נאך נאך די זאכן וועט ער גפונון זייער גלייבנש אזו ווי מור לערנען אונ פרק במה מדליקין דאס רבי שמעון אוז גזעסן אונ הט גדרשנט דאס לעתיד לבוא (ווען משיח וועט קומן) וועט איין אשה אלע טאג גייווינן אקינד אזו ווי אונ פסוק שטייט זו וועט טראגן אונ געווינען מוט אנאנדר אוז דר מיין אונ דעם טאג וואס זו וועט טראגנדיג ווערן אונ דיעם טאג וועט זו געווינען דם קונד דען אונ איין טאג וועט זו קענון אום טראגען דאס קינד אזעלכע געזונטע דורות וועלון דענסמאל זיין האט איין תלמיד גשפעט אויס אום הט רבי שמעון גזאגט צו אום עס אוז נוט קיין נייאס קום אונ אוך וועל דיר ווייזן אגלייבנש דר פון אוף דר וועלט אוז ער ארום גגאנגן אונ האט אום גוויזון אהין דאס זו לייגט אלע טאג איין איי אזו וועט אוך גאט מאכן דאס איין אשה וועט אלע טאג געווינען איין קונד אונ דאס קונד וועט אין איין טאג פארטיג אונ אויס גטראגן ווערון׳ אונ נאך איין מאל אוז גזעסן רבי שמעון אונ האט גדרשנט דם לעתיד לבוא וועלון די ביימר אויס צוהון אונ פארטיג מאכון פירות אלע טאג׳ הט איין תלמיד גשפעט אויס אום אונ האט גזאגט עס שטייט דאך דאס קיין נייעס וועט נוט זיין אויף דער וועלט׳ האט רבי שמעון גזאגט צו אום עס אוז נוט קיין נייעס דען מור געפינן דאס פון דער ערד וואקסון ברייטע שוועמלך די האבן איין גשטאלט אזו ווי בילקים׳ אונ אויף זיידענע קליידר געפינן מור איין גלייבעניש

שאליבמין

שאליכטין פון איין בוים דאס האט אזו איין געשטאלט וויא איין זיידען קלייד :

פ"ק לא (יש לנו לדעת) מיר דארפן צו וויסן דס דם בשטאנד פון דער וועלט איז אויף אמת דאס דער מענש זאל מיט אמת אום גיין אויף דער וועלט אזו וויא מיר לערנן אין מסכת אבות רבן שמעון בן גמליאל זאגט אויף דרייא זאכן האט דיא וועלט איין קיום אויף דין מען זאל רעכט משפטן אונ אויף אמת מען זאל ריידן אמת אונ אויף שלום דאס די לייט זאלן שלום האבן איינר מיט דעם אנדרן אונ דס איז איין קלארע זאך דאס אין דעם אורט וויא שלום איז דארף מען נוט נייטיג קיין דין צו האבן · אונ ווען די לייט גייאן מיט אמת איז דער שלום דורך דעם געוויינטליך צווישן זייא · דרום זענון דוא דרייא זאכן נכלל פון דעם ווארט אמת אונ דרום שטייט דם ווארט אמת אונ מיטן פון די דרייא זאכן · דין אמת שלום · צו ווייזן דם אמת איז דער עיקר פון דוא דריי זאכן אונ דוא וועלט איז נוט אנדרש בשאפן געווארן נאר מיט אמת אונ דרום שטייט אמת אונ סוף אותיות אונ אן הויב פון מעשה בראשית דאס איז · ברא אלהים את · מאכין דוא סוף אותיות אמת צו לערנן אונז דם אלץ ווס איז בשאפן געווארן אונ דוא זעקס טעג וואס גאט האט די וועלט בשאפן בשטייט אלץ אויף אמת אונ דער נאמן פון הקב"ה איז אמת אזו וויא אין פסוק שטייט (וה' אלהים אמת) וורייל עס האבן זיך אום גלאזט פון אור דיא אנשי אמונה דאס זענון די לייט וואס גייאן אלץ מיט אמת · אזו וויא מיר לערנן אין מסכת שבת רבה זאגט ירושלים איז חרוב געווארן ווייל עס האבון זיך אום גלאזט פון איר דוא אנשי אמונה · דען אזו שטייט אונ פסוק פר שפרייט אייך אונ דוא מארקן פון ירושלים אונ זעהט אוב איר וועט געפונן איין מאן וואס בנערט אמת וועל איך פר געבן צו ירושלים אירע זינד (ובזמן שהאמת מצויה בארץ) אונ אין דר צייט וואס דער אמת איז געוויינטליך אויף דער ערד אזו מאכט גאט נידרן זיין ברכה פון דעם הימל · אונ ווען קיין אמת איז נוט צווישן מענשן אזו צערונט גאט אונ אפילו דאס גרינגסטי וואס לוגן איז אזו וויא מעשיות צו דער ציילן זענן דא אטייל מענשן ווס זאגון לוגן דרונון האטשי זייא האבן קיין הנאה נוט דער פון אונ אנדרי לייט האבן קיין שאדן נוט דורך דעם זאגן זייא דאך לוגן דרונון ווייל עס דאכט זייא דם זיי זענן מקבל הנאה ווען זייא רעדן לוגן אונ זאגן אזעלכי זאכן וואס נוט אמת איז אונ אפילו דוא זאכן האבן אויך אונזרע חכמים גאסרת כדי דער מענש זאל זיך נוט געוויינן צו רעדון לוגן אונ האטשי זייער עונש איז נוט אזו גרוס וויא דער עונש פון די וואס לוגן אונ פר פורן

פירן לייט דער מוט אודר זייא טון שאדן לייטן דער מוט · איז עס דאך אסור · אונ נוט אליין דאס דער מענש זאל נוט זאגן קיין לוגן נייארט איטליכר וואס איז איין ירא שמים דער געהער מקיים צו זיין מוט זיין מול וואס ער טראכט אונ זיין הארץ נאר פון דרכי שלום וועגן מעג ער משנה זיין זיין דיבור אזו וויא מור זאגן אונ פרק הבא על יבמתו רבי אלעאי זאגט מען מעג משנה זיין די רייד פון שלום וועגן דען מור גפונן דס די ברודר פון יוסף האבן גשוקט שלוחים צו יוסף אונ האבן געהייסן צו די שלוחים זיי זאלן אום זאגן (אביך צוה לפני מותו) דיין פאטר הט אונז גשאפט פור זיין טוט מור זאלן דיר זאגן דוא זאלסט פר געבן אונ מוחל זיין צו דיינו ברודר דאס וואס זייא האבן גזונדיגט צו דיר אונ האבן דיך פערקופט אונ מור גפונן ניט דס יעקב האט עס גשאפט נייארט זייא אליין האבן עס אזו געהייסן זאגן אונ זייא האבן עס גוטון פון שלום וועגן · אוך היבן אונזרו חכמים גזאגט עס איז מותר צו לובן איין כלה פר איר חתן אונ זאגן אוך איר דס זוא איז שיין אונ האט חן חאטשו עס איז נוט אזו כדי זיא זאל חן קריגן אונ איר מאנס אוגן : (ואף על פי כן) אונ פון דעסט וועגן זאל זיך דר מענש דאך נוט גוויינן צו משנה זיין זיינע רייד אפילו אונ לערו רייד כדי ער זאל נוט גוויינן זיין צונג צו ריידון לוגן · אזו וויא מור האבן גלערנט אונ יבמות רב האט גהאט אווייב ווס זו הט אום פיל צער אן גטאן ווען ער האט גזאגט צו איר קאך מור בונוס הט זוא אום גקאכט ארבוס אונ ווען ער הט גזאגט קאך מור ארבוס האט זו אום גקאכט בונוס וויא דוייא זיין זון איז גרוס גווארן הט ער צו זיין מוטר פאר קערט גזאגט · ווען דער פאטר הט אום געהייסן זאגן צו זיין מוטר זיא זאל קאכן ארבים הט ער גזאגט צו זיין מוטר דר פאטר הט געהייסן קאכן בונוס הט זו גקאכט ארבים אזו ווי זיין פאטר הט גוואלט הט רב גזאגט צו זיין זון דיין מוטר איז בעסר גווארן דען זוא קאכט וואס איך וויל · האט חייא גזאגט דאס איז וייל איך פר קער צו איר דיינו רייד כדי דו זאלסט דיין ווילן בקומן הט רב גזאגט זאלסט אזו נוט טון דען דו גוויינסט דיך דורך דעם צו ריידון לוגן · דרום זאל דר מענש גיוויינן זיין צונג צו ריידן אמת אונ גאט וואס ער איז איין אמתר גאט דער וועט אונז פורן אונ אמתן וועג :

פרק לב (יש דברים אחרים) עס זענן דא אנדרע רייד ווס זייא זענען אוך לוגן רייד דס דר מענש טוט זיך בארימן מוט אזעלכי מעלות ווס ווערן נוט גפונן אונ אום · אונ עס איז דא אמענש וואס ער זאגט זיין חבר צו ער זאל אום טון אטובה אונ איז נוט מקיים זיינע רייד · אונ

דרוף

דרוך איז גזאגט געווארן דר פסוק הוט דיין צונג פון צו ריידן פאלשקייט • (ווערסינן) אונ מיר לערנן אויך אונ פרק חלק רבינא זאגט פרווער הב אויך גמיינט דס עס איז נוט דא קיין מענש אונ דר וועלט ווס זאל תמיד ריידן אמת האט מיר גזאגט רב טוביה ווען מען זאל אום געבן אלין וואס אין דער וועלט איז וואלט ער קיין ליגן נוט גזאגט אונ ער הט מיר דר ציילט אויף האב גראד גטראפן אונ בין גקומן אין איין אורט וואס האט גהייסן קושטא דס איז טייטש אמת ווייל די לייט פון דעם אורט פלעגן אלין אמת ריידן אונ קיין מענש פון זייא איז נוט גשטארבן פר זיין צייט הב איך דארטן איין ווייב גנומן אונ האב צוויא קונדר גהאט מיט איר אמאל איז מיין ווייב גזעסן אונ הט גצוואגן איר קאפ איז גקומן איין שכנה אונ הט גרופן אויף דער טיר אונ הט גזאגט דיין ווייב איז דא האב איך מיר גטראכט ווייל זיא צוואגט זיך איז נוט שיין ארייין צו לאזן צו איר פרעמדע לייט • דרום האב איך גזאגט זיא איז נוט דא אזו זענען מיינו צוויי קונדר גשטארבן זענען דיא שטאט לייט גקומן אונ האבן גזאגט צו מיר דו האסט די קונדר ממית גוועזן ווייל דו האסט ליגן גזאגט הב איך גזאגט צו זייא חס ושלום איך האב גאר נוט בדיעה גהאט ליגן צו זאגן נאר ווייל מיין ווייב הט זיך גצוואגן איר קאפ האב איך גמיינט עס איז קיין כבוד נוט צו לאזן אנדרע לייט צו איר דרום האב איך גזאגט זו איז נוט דא האבן זייא גזאגט צו מיר • מיר בעטן דיך גייא אוועק פון אונז כדי דוא זאלסט נוט אן רייצן דעם מלאך המות ער זאל שליטה האבן אונ אונזר שטאט איבר ליגן ריידן :

פרק לג (חומר עונש השבועות) עס איז הארב דער עונש פון דוא פאלשי שבועות צו די לייט וואס שווערן אונ אויך פר זייער גאנצן דור איז דער עונש גרוס אונ אונזרי חכמים האבן גזאגט דאס איבר דער עבירה קומן פיל צרות אויף דער וועלט אזו ווי מיר האבן גלערנט אונ פרק בעשרה מאמרות דאס אחיה רעה קומט אויף דער וועלט איבור אום זוסטו אונ פאלשו שבועות אונ איבר חילול השם אויך לערנן מיר אונ מדרש תנחומא ווער עס פעלשט אין שבועות דער לייקנט אונ גאט אונ האט אייביג קיין מחילה נוט אזו ווייא אונ פסוק שטייט גאט רייניגט נוט פון איין עונש דעם דאזיגן וואס שווערט ביא זיין נאמן צו פאלש • אונ מען ווארט אום נוט זיין עונש נייארט ער ווערט באלד גשטראפט (ומצינו) אונ מיר גפינן דאס די לייט פון יבש גלעד זענן אלע אום גקומן פון יונג ביז אלט ווייבר אונ קליין גזינד ווייל זייא האבן עובר גוועזן אויף דער שבועה וואס די ישראל האבן גשווארן דס אלע לייט זאלן קומן מלחמה האלטן אקעגן שבט בנימין ביא פילגש בגבעה

אונ

און זייא האבון עובר געוועזן אויף דער שבועה און זענין ניט געקומען צו דער מלחמה דרום זענן זייא אלו אום גוקומון: אויך איז איין מעשה געוועזן און איין דארף דאס דוא לייט פלעגן שווערן און פלעגן האלטן זייער שבועה און זענן דאך אלו חרוב געווארן דען איינר פלעגט זאגן צו זיין חבר דא שווער איך דם אויך וועל גיין און יענם אורט אריין און וועל דארטן עסון און טרינקן אין זייא פלעגן טון אזו וויא זייא האבן געשווארן און זיינן דאך חרוב געווארן ווייל זייא האבן אומזוסט געשווארן דען זיי האבן די שבועה ניט גייטוג גדארפט און ווער עס דער ווייטערט זיך פון צו שווערן פאלש דעם האט גאט ליב:

פרק לד (לפי שאין בני אדם בקיאים בחומר השבועה) ווייל מענשן זענן ניט בקי אין הארבן עונש פון דר שבועה און דורך זייער גרוס גלוסטיקייט וואס זייא האבן צו געלד וועלן זייא קומון צו פר בלונדן זייערו אוגון און צו שווערן פאלש דרום האבן אונזרע חכמים מתקן געוועזן דאס דם בית דין זאלן מודיע זיין צו דעם וואס וויל שווערן דם הארבקייט פון דער שבועה און מען זאגט צו אום דו זאלסט וויסן אלע עבירות וס און דר תורה שטייאן שטייט בייא זייא (ונקה) דאס גאט רייניגט אום פון איין עונש ווען ער טוט תשובה און בייא פאלש שווערן שטייט (לא ינקה) דאס גאט רייניגט אום ניט אפילו ווען ער טוט תשובה נייארט ער מוז דאך געשטראפט ווערן דארוף און אלו עבירות וואס און דר תורה שטייאן ווערט מען פון אום אליין געצאלט אויף זייא און בייא אפאלשר שבועה ווערט מען געצאלט פון אום און אלע עבירות וואס און דער תורה שטייאן ווען ער האט איין זכות ווארט מען אום צוויא אודר דרייא דורות און בייא איין פאלשר שבועה ווערט מען גוצאלט פון אום תיכף און אז מען באשווערט אום זאגט מען צו אום דו זאלסט וויסן דם ניט נאך דיין דיעה נאך בשווערון מיר דיך נייארט נאך אונזר דעה נאך· איבר דער מעשה פון רמאות וואס עס הט זיך גטראפן פר רבא מוט אשטעקן דען איינר איז חייב געווארן פר רבא ער זאל זיין חבר געלד אפ שווערן אז ער האט גזאלט גיין שווערן האט ער גגעבן דם געלד וס ער איז זיין חבר שולדיג געוועזן און אהולון שטעקון און האט גזאגט צו זיין חבר האלט מיר דעם שטעקון בוז איך וועל אפ שווערן· און ער האט געשווארן דאס ער האט זיין חבר שון אפ גגעבן זיין געלד· וויא דער חבר האט געזעהן דאס ער הט געשווארן איז ער ברוגז געווארן. און האט אוואריף גטאן דעם שטעקן צו דר ערד איז ער צו בראכן געווארן און דם געלד איז ארוס געפאלן פון אום הט מען געזעהן זיין ערמה וס ער האט געהאט אין זיין שבועה· דרום האבון אונזרע חכמים גזאגט דם מען באשווערט איין מענשן נאך דער דיעה

פון דעם בית דין כדי ער זאל קיין ערמה ניט האבן אין זיין שבועה :

פרק לה (דבר הנדרים קל בעיני בני אדם) די זאך פון נדרים איז גרינג אין די אויגן פון די מענשן אין זיי זענען געווינטליך אין זיא' אבער עס איז גיט דער מענש זאל זיך דער ווייטערן דר פון אפילו לדבר מצוה אזו וויא אין פסוק שטייט די זאלסט ניט געבן דיין מויל אין איין נדר צו מאכן זינדיגן דיך דעם דיין פלייש אויך האבן מיר גלערינט אין מסכת שבת דס פון וועגן נדרים שטארבט דעם מענשנס ווייב אויך האבן מיר גלערינט אין מסכת נדרים איין מאכטרס זון פון רבי ינאי סבא איז גקימן פר רבי ינאי רבה ער זאל אים מתיר נדר זיין האט רבי ינאי גזאגט צו אים ווען די וואלסט גוויסט בשעת אז די האסט איין נדר גטאן דס מען וועט עפינין אין הימל דאס בוך פון דייגע מעשים צו זעהן אוב דוא בוסט אזו פרום דס די מעגסט אנדר טון וואלסטי גטאן אנדרי הט ער גזאגט ניין הט רבי ינאי אים מתיר נדר גוועז זאגט רבי אבא פון דעם פסוק איז דאס גדרינגן דען עס שטייט (ואחר נדרים לבקר) נאך דעם ווען דר מענש טוט אנדר פארשט מען נאך אין הימל נאך זייני מעשים אוב ער איז אזו פרום דאס ער מעג איין נדר טון זאגט די גמרא האטשי רבי ינאי הט מוט דעם פתח חרטה יענים מתיר נדר גוועזן אבר מיר זאלן מיט אזא חרטה ניט מתיר נדר זיין :

פרק לו (כל ירא השם) איטליבר וואס האט מורא פר גאט ווען ער זעהט אין זיין חבר דאס ער פירט זיך ניט וויא רעכט איז איז א מצוה דאס ער זאל אים שטראפן נאר קיינר זאל עס ניט הערין כדי ער זאל אים ניט מבייש זיין דען כל ישראל זענין ערב איינר פר דעם אנדערן · פון דר גמרא לערנן מיר אפ דאס דער וואס שטראפט זיין חבר איז ער זוכה אין איז מזכה זיין חבר דס דער חבר הט חרטה אויף דער עבירה וואס ער הט גיטין · (אבל החנף) אבר דער וואס חנפית דס ער זעהט דאס זיין חבר גייט ניט אונ איין גיטין וועג · אין ניט געניג וואס ער שטראפט אים ניט נייארט ער רעט אים נאך גלאטע רייד מיט זיין צינג אונ זאגט צו אים דוא פירסט דיך וויא רעכט איז אין האסט קיין אים רעכט ניט גיטין · דער דאזיגער חונף מאכט פול מכשולות דען ער איז עובר אויף דער מצות עשה · (הוכח תוכיח את עמיתך) די זאלסט שטראפן דיין חבר · אין אויך איז דער חונף גורם דס אנדרע לייט וויל זיי זעהן דאס מען לובט דעם דאזיגן מיט זייגע בייזע מעשים וועלין זיי זיך אויך קערין צו גיין אין דעם בייזן וועג · אויך שטייט אין דער גמרא רבי שמעון בן חלפתא זאגט פון דעם טאג אן וואס דער כח פון חניפה האט זיך גשטארקט

געשטארקט האבן די דיינים אן גוהויבן צו פר קרומן דעם דין אונ די מעשים זענין קאלע גווארין דען וייל דאס פראסטע פאלק זעהן דאס די תלמידי חכמים חנפנן אונ פר ווערין נוט אונ די מענשן וואס טואין בייז דרום לערנן זייא זיך אפ בייז צו טון · (ועל כן) אונ דרום דער וואס גייט אונ גוטין וועג זאל ער שטראפן צו זיין חבר ווען ער זעהט דאס ער טוט נוט רעכט אונ זאל אום נוט חנפענן · דען וועט ער זוכה זיין דורך דעם אונ וועט מזכה הרבים זיין :

פרק לז כל המגלה לאדם איטליכר וואס זאגט אויס צו איין מענשן דיא רייד וואס איין אנדערר האט גרעט אויף איהם אין פר ברגעניש דר הייסט איין רכילות זאגר אונ דרויף איז גזאגט גווארן דר פסוק דוא זאלסט נוט גיין רכילות זאגן אין דיין פאלק אונ נאך מיין עס קאן זיין איין סבה דאס בלוט זאל דאריבר פר גאסען ווערן דרום שטייט דר ביא דר פסוק די זאלסט נוט שטיין צו פאר גיסן דיין חברס בלוט · עס איז גוועזן איין מעשה בייא איין חכם דאס ער האט גזאגט זיין סוד צו איין אנדרן חכם · הט ער גזאגט צו אום האסטו נר שטאנון מיינע רייד הט ער גזאגט צו אום איך האב שון פר געכון וואס די האסט גזאגט צו מור · דאס האט ער גמיינט זייא זיכר דאס איך האב שוין דעם סוד אפ גוטון פון מיין הארצן דאס ער וועט נוט ארוס גיין פון מיין מויל ביז איביג · (ובשם) אונ אזו וואל וויא איין מענש איז אן גזאגט דאס ער זאל נוט מגלה זיין דעם חברס סוד אזו איך איז איין עצה טובה פר אום דם ער זאל נוט מגלה זיין זיין סוד אפילו צו זיין לוב האבר דען דיא חכמי המוסר האבין גזאגט איביג זאלסטו זיין גהיט אונ דיין סוד אינ איז דיין לוב האבר דען אזו זאגון מענשן איין משל דעם סוד וום די גטרויעכט אום נוט צו דיין פיינד זאלסטו אום נוט גטרויען צו דיין לוב האבר דען צו צייטון קען דר לוב האבר פר קערט ווערין צו דור איין פיינט וועט ער מגלה זיין דעם סוד · אונ נאך האבן די חכמי המוסר גזאגט איביג האט זיך נוט גטראפן ווען איך האב איינום אוים גזאגט מיין סוד אונ ער האט אום אוים גזאגט דם איך זאל אום שולדיג מאכון נייארט מיך אליין האב איך שולדיג גמאכט דען איך האב גזאגט ווען איך אליין האב נוט גקענט איין האלטן דעם סוד אונ מור אונ האב אום אום גזאגט צו אנדרע נוא ווארום זאל איך דען שולדיג מאכן צו אנדרע וואס האבון דעם סוד אום גזאגט אונ ווען ער וועט חס ושלום גוויינן זיין צונג אונ רכילות וועט ער דורך

דעם

דעם קומען צו ריידן לשון הרע און דר וואס בגערט און לעבן זאל היטן זיין צונג פון צו ריידן בייזע רייד :

פרק לח (גדול כוחה של לשון הרע) ווי גרוס דר כח פון לשון הרע איז דאס איינס פון די זאכן וואס די ישראל האבן זוכה גווען צו דער לייזט ווערן פון מצרים איז גווען דם זיי האבן נוט גרעט קיין לשון הרע אזו ווי מור לערנן אין מדרש ויקרא רבה יהודה זאגט פון וועגן בר קפרא און דעם זכות פון פור זאכן זענען אונזערע עלטרן אוים גלייזט גווארן פון מצרים · ווייל זיא האבין נוט משנה גווען זייער נאמון (נישט אזו וויא היינט דאס מען שעמט זיך מוט דעם יודישן נאמון) און ווייל זיי האבון נוט משנה גווען זייער לשון (נישט אזו וויא היינט דם מען שעמט זיך מוט דער יודישער שפראכע און מען רעט נאר דייטש) און ווייל זיי האבן נית גרעט קיין לשון הרע דען און אן הוב שוקון וואס נאט דאט גשיקט משה צו די ישראל הט ער גזאגט צו אום זאג צו דעם פאלק דאס זייא זאלן לייאן פון די מצריים זילברנע כלים און גילדינע כלים און דאס איז גווען צוועלף חדשים פר זייער אוים גיין און עס איז נוט גווען איינר פון זייא דאס ער הט מלשין גווען אוף זיין חבר פר אמצרי דאס ער וויל אזו טון · און ווייל קיינר פון זיי איז נוט גווען אוים גבראכן און זנות דען דר פסוק איז זיי מייחס צו זייערע משפחות אוף זייערע פאטרס נעמון איז דאך גדרונגן דאס זיי זענון אלע גווען כשרים · לערנן מור אפ פון דאנון דאס איין גרוסר זכות איז צו דעם וואס ווערט ניצול פון לשון הרע צו ריידון · (לפיכך האיש החפץ חיים) דרום דר מענש וואס וויל לעבין זאל צו האלטן זיין מויל פון צו רעדון לשון הרע דען דרום האט גאט ארום גרינגעלט דעם צונג מיט צווייא מויערן דהיינו די ציין און די ליפון כדי דער מענש זאל נוט עפינן זיין מול נאר צו רעדן נאר צו די זאכון וואס דאס לעבן פון זיין גוף און נשמה העננט און זיי · (והזוכה לינצל מזה) און דער וואס איז זוכה צו ניצול ווערון פון לשון הרע דר ווערט ניצול פון די צרות ווס און דר וועלט זענון אזו וויא און פסוק שטייט דר וואס הוט זיין מול און זיין צונג פון לשון הרע צו רעדון דר הוט זיין לייב פון צרות :

פרק לט (המקבל לשון הרע) דער וואס נעמט אן לשון הרע איז גורם דאס מען רעט עס דען ווייל די לשון הרע רעדר יעהן דם מען נעמט אן זייערי רייד מוט אשיין פנים גוויינן זיא זיך דרונון און דרום האבן אונזרי חכמים מזהיר גווען דאס מזאל ניט אן נעמין קיין לשון הרע · אזו וויא די ישיבה פון רבי ישמעאל האט גולערנט ווארום איז דר גאנצר אווער

האַרט

האָרט אונ דאָס לעפיל איז ווייך דאָס איז כדי אז דער מענש וועט הערן אזאך וואס ניט רעכט איז זאל ער איין ביגין דאָס לעפיל אונ אויער אריין ער זאל די זאך נוט הערן : (וגרסינן) אונ מיר לערנן אין פסחים רב ששת זאגט דער וואס רעט לשון הרע אונ דער ווס נעמט אן לשון הרע אונ דר וואס זאגט פאלש עדות אויף זיין חבר דער איז ווערט מזאל אום ווארפן פר דוא הונד אונ דער וואס הערט לשון הרע ריידן אויף אתלמיד חכם איז נוט גנוג דאס ער זאל נישט גלייבן נאר ער איז מחויב צו פר ענפרן דעם תלמיד חכם אונ ווען ער טוט ניט אזו ווערט ער גשטראפט דרובר : (וכתוב בפירוש רשי) אונ רשי ברענגט איין מעשה מיט איין גובה מכס איין יהודי ער איז גוועזן ארשע אונ איז גשטארבן · אונ אין דעם אייגנם טאג איז אויך גשטארבן אין דר שטאט אגרוסר תלמיד חכם זענין גקומן אלי שטאט לייט אונ האבן גטראגן די מטה פון דעם תלמיד חכם אונ די מטה פון דעם רשע האבן די קרובים גטראגן נאך דר מטה פון דעם תלמיד חכם · זענן פיינט אויף זיי אן גפאלן האבן זייא גלאזט די מטות שטיין אונ זענן אנטלאפן גווארן דער נאך אז די פיינט זענן אוועק גגאנגן האבין זיך אלע גרוסו לייט פון דער שטאט אום גקערט צו בגראבן דעם תלמיד חכם איז זייא פר בייטן גווארן די מטה פון דעם תלמיד חכם אויף דער מטה פון דעם רשע אונ זיי האבן דעם רשע בגראבן מיט גרוס כבוד דען זייא האבן גמיינט דאס איז דר תלמיד חכם אונ דער תלמיד הט גשריגן צו זיי איר זענט אייך טועה דען דס איז נוט דער תלמיד חכם מיין רבי אונ עס האט אים נוט גהאלפן דם גשרייא אונ די קרובים פון דעם רשע האבן בגראבן דעם תלמיד חכם האט זיך דער תלמיד זייער מצער גוועזן אונ הט גזאגט ווס הט מיין רבי גזונדיגט וואס ער זאל אזו בחרפה בגראבן ווערן · אונ וואס הט דער רשע אזו פר אגוטס גטאן דם ער הט זוכה גוועזן מיט אזו אכבוד בגראבן צו ווערן איז זיין רבי אים צו חלום גקומן אונ האט גזאגט צו אים זיי דיך נוט מצער דרובר קום אונ אויך וועל דור ווייזן מיין כבוד אונ גן עדן אונ וועל דור ווייזן דעם רשע וויא ער איז אונ גיהנם · נאר אמאל האב איך גהערט וויא מען האט איין תלמיד חכם מבזה גוועזן אונ האב נוט גווערט דרום בין איך גשטראפט גווארן מיט דר שטראף דאס מהאט מיך אזו שענדליך בגראבן · אונ דר רשע הט אמאל אן גברייט אסעודה צום האר פון זיין שטאט אונ דר האר איז נוט גקומן אזו הט ער די סעודה צו טיילט צו ארומי לייט דרומ דר תלמוד גזאגט צו זיין רבי ביז וויא לאנג וועט דר רשע אזו גמשפטו

ווערן

ווערן אונ גיהנם מוט דעם דאזוגן גרוסון צער דט זיין רבי גזאגט צו אום בוז שמעון בן שטח וועט שטארבן אונ וועט גיין אוף זיין ארט צו ליידן דיא יסורים · הט דר תלמוד אום גפרעגט ווארום וועט שמעון בן שטח ליידן אזעלכו יסורים הט זיין רבי אום געענפרט אובר דו מכשפות ווס זענון אונ אשקלון אונ ער הארגית זיא נוט · צו מארגן הט דר תלמוד דר צוילט דו רייד צו שמעון בן שטח · וואס האט שמעון בן שטח גטאן ער הט איין גזאמעלט אכציג בחורים דזכו לייט אונ אין דעם טאג האט גרעגונט הט ער אוטליכן געגעבן אגרוסן קרוג אונ זיין האנד אונ איטלובר הט זיין אובר קלייד אריין גלייגט אונ דעם קרוג אונ אוז גקומן צו דו מכשפות אונ הט גזאגט צו זיא איך בון אוך איין מכשף אונ אוך וויל איך אריין ברענגן אכציג בחורים מוט טרוקונו קליידר האמשו היינט רעגינט הט ער אוינק גטאן צו דו בחורים האבן זייא ארום גנומן זייערי קליידר פון דו קרוג אונ האבן זוך אן גטאן אונ זענן אריין גגאנגן צו דו מכשפות אונ אוטלובר הט אוף גהובן איין מכשפה פון דר ערד כדי זיי זאלן שון מיין נוט קעני קיין כישוף ברוכון אונ האבן זיי גהאנגן · זעהן מור פון דאגן דס דר תלמיד חכם אוז גשטראפט גווארן וויל ער הט געהערט וויא מהאט אתלמיד חכם מבזה גוועזן אונ הט גשוויגן דרום זאל אוטלובר ירא שמים זוך הוטון פון צו רייהן לשון הרע אונ אוך פון צו הערן ריידון אוף איין אנדרן אונ מכל שכן ווען מען רעט אוף אתלמיד חכם דארף ער ענפרין פון זיינט וועגן אונ פר ווערן אלין נאך דעם כבוד נאך פון דעם תלמיד חכם :

פרק מ (הרוצה לישב בשלוה) ווער עם וויל זוצן ריאונג זאל זוך דער ווייטרן פון מחלוקת · אונ עם אוז גרוס דו טובה פון דעם וואס הערט וויא מען שענט אום אונ ענפרט נוט דרוף דען ער אוז זוך גורם דאס מען וועט אום שוין נוט שענדן דאס אנדרע מאל דען ווען ער זאל יענום ענפרן וואלט ער אום נאך איין מאל גשענט אונ דרוף הט איין חכם גזאגט אייבוג הט מוך קיין מענש נוט גשענט מיין פון איין מאל דען אונ ערשטן מאל האב אוך גליטן זיין שענדן אונ האב אום גשוויגן כדי ער זאל מוך נאך ווייטר נוט שענדן · אויך לערנן מור אונ מדרש ווער עם וויל האבן פול ליבהאבר זאל ער זוך מוט קיינום נוט קרוגון אונ זאל קיינום נוט שענדן אונ ווען מען שענט אום זאל ער ליידון אונ זאל שווייגן אונ זאל מוחל זיין צו דו מענשן וואס האבון אום גשענט אונ דו דאזיגע גוטע מדות וועלון אום גורם זיין דאס ער וועט האבון פול ליבהאבר וואס זיי וועלן אום

ליבר

ליבר זיין פון ברודר׳ (ואמריין) אוך זאגן מיר אונ דר גמרא עס שטייט אונ פסוק דאס משה איז גגאנגן צו דתן אונ אבירם׳ פון דאנון לערנן מיר אז דאס מען גהער זיך ניט צו שטארקן אינ מחלוקת דען מיר זעהן דס משה רבינו האט מוחל גוועזן אויף זיין כבוד אינ איז אליין גגאנגן צו דתן ואבירם צו רייהן מיט זייא דאס זייא זאלן ווייטר קיין מחלוקת ניט פירן רב זאגט דער וואס שטארקט זיך אונ מחלוקת איז עובר אויף איין לאו פון דער תורה דען עס שטייט אונ דר תורה (ולא יהיה כקרח וכעדתו) אינ קיין מענש זאל ניט זיין אזו וויא קרח אונ אזו וויא זיין עדה וואס זיי האבן זיך גשטארקט אינ מחלוקת דרום זאל איטליכר גאטס פארכטיגר מענש ניט שטארקן זיך אונ מחלוקת מיט קיין שום מענשן אונ דר וועלט אונ מכל שכן מיט זיין רבי וס די חכמים האבן דרויף גזאגט (ומורא רבך כמורא שמים) די זאלסט פר דיין רבי אזו גוט מורא האבן אזו וויא די האסט מורא פר גאט:

פרק מא (הרגיל בשחוק) דער וואס איז גוויינט אונ גלעכטר אינ גשפעט דער ברענגט זיך צו עבירות פון זנות אזו וויא מיר לערנן אינ אבות רבי עקיבא זאגט גלעכטר אונ פר שייאטקייט גוויינען דעם מענשן צו זנות אונ דס האבן די חכמים גזאגט אפילו אינ די עטר וויא מען גהער לוסטיג צו זיין דהיינו בייא איין חופה פון דעסטוועגן גהער מען דאך ניט צו פיל פריילך זיין אונ פר שייאטקייט צו טרייבן אזו וויא מיר לערנן אונ ברכות מר דער זון פון רבינא הט חתונה גמאכט זיין זון הט ער גזעהן דאס די רבנים זענון זייער פריילך הט ער גבראכט איין טייארן כוס פון פיין ווייס גלאז אונ הט אום צו בראכן פר זיי זענין זיי טרויערג גווארן׳ (אמרו ליה רבנן לרב המנונא זוטא) די רבנים האבון גזאגט צו רב המנונא זוטא אויף דר חתונה פון רבינא זון לאז אונז דר האר עפוס זינגן הט ער אן גהויבון זינגן אונ האט גזאגט וויא צו אונז דס מיר מוזון שטארבן וויא צו אונז דאס מיר מוזון שטארבן האבן די רבנים גזאגט צו אום אונ וואס זאלון מיר ענפרן נאך דיר׳ האט ער גזאגט איר זאלט זאגון וויא צו אונז דאס די תורה אונ מצות גייאון אוועק פון אונז ווען מיר וועלון שטארבן דען ווען דר מענש שטארבט קען ער שון מיין קיין תורה ניט לערנן אונ קיין מצות ניט טון׳ רבי יוחנן הט גזאגט עס איז אסור צו לאכון מיט דעם פולון מויל כל זמן מיר זענן אונ גלות דען עס שטייט אונ פסוק דעמאלט ווערט דער פילט ווערן אונזער מויל מיט גלעכטר ווען מיר וועלון דר לייזט ווערן פון דעם גלות אונ די פעלקר וועלון זאגן גאט הט גרוסע וואונדר גיטאן מיט די ישראל׳ אבר כל זמן מיר זענן נאך אונ גלות טאר מען ניט מיט דעם פולון

פילן מויל לאבון אונ מגל שבן שון ווען דר מענש שטייט אונ אין היילינ ארט דהיינו אינ איין שיל אודר אינ אין בית המדרש גהער ער בוודאי צו שטין אונ זאל טראכטן דס די שכינה אוז איבר אים אונ די גרעסטע זאך פון אלע זאבן אוז ווען דר מענש שטעלט זיך שמונה עשרה דאווינען מוז ער שטין בהכנעה · אויך זאגט די גמרא רבי ירמיה איז גזעסן פור רב הט ער גזעהן דאס רב האט פיל גלאבט האט ער גזאגט צו אים עס שטייט (וגילו ברעדה) אפילו ווען מען איז פריילך זאל מען דאך מיט ציטרניש זיצן פר גאט דען דר וואס לאכט צו פיל ווארפט אראפ פון זיך דעם עול פון גאט דס ער הט קיין מורא נוט פר גאט צו לאבון אוז פיל · אויך לערנן מור אין מסכת סוטה רב זאגט דס אויער וואס הערט תמיד גזאנג אונ גווינט זיך אין תענוגים זאל אום גריסן ווערון דען דר מענש דארף זיך אונ פרימקייט צו גוויינן נוט אונ תענוגים:

פ״ק מב (באהבת השם יתברך לישראל) וויל הש״י הט לוב צו די ישראל הט ער זיי גמערט תורה אונ מצות צו מזכה זיין זיי דר מיט אויף בייד וועלטן אויף דער וועלט אינ אויף יענר וועלט · אזו וויא מיר לערנען אין מסכת מכות רבי שמלאי הט גדרשת (תרי״ג מצות) זעקס הונדרט אונ דרייצעהן מצות זענן גזאגט גוואר׳ן צו משה אויף דעם בארג סיני דריי הונדרט אונ פינף אונ זעכציג זענין אזעלכע מצות וואס זענן דעם מענשן פור באטן פון צו טון אקעגן די טעג פון דעם יאר דס זיי זענן אויך דריי הונדרט אונ פינף אונ זעכציג אונ איטליכר טאג זאגט צום מענשן טוא נוט אין מור קיין עבירה נייערט אמצוה אונ לאז מיך נוט אוועק גיין לידיג אונ צוויי הונדרט אונ אכט אונ פערציג זענין אזעלכע מצות וואס דר מענש אוז גבאטן צו טון זייא אקעגן די גלידר פון דעם מענשן דען אזו פול גלידר זענען אונ מענשן אונ איטליכעס גליד זאגט צום מענשן טוא מיט מור אמצוה אונ לאז מיך נוט לידיג בלייבן אן מצות רב המנונא זאגט עס שטייט אינ פסוק (תורה צוה לנו משה) דאס ווארט תורה טרעפט אן זעקס הונדרט אונ עליף דען אזו פיל מצות זענן גשאפט גווארן צו אונז דורך משה אונ צוויי מצות האבון מיר גהערט פון גאט אליין (אנכי ה׳ אלהיך) אונ (לא יהיה לך אלהים אחרים) סך הכל זענין זייא זעקס הונדרט אונ דרייצן מצות · (וכל מצוה) אונ איטליכע מצוה איז וואר׳ן געבן צו לייכטן צו דעם וואס טוט זי בעולם הזה ובעולם הבא אזו וויא מיר לערנן אונ מסכת סוטה רבי מנחם בר יוסי הט גדרשת וואס מיינט עס דר פסוק (כי נר מצוה ותורה אור) גלייכט ער די מצוה צו אין ליכט וואס לייכט נאר ביי נאכט אונ די תורה גלייכט ער צו

דער

# קיצור מנורת המאור פמ״ב

דער ליכט פון דעם טאג דאס איז צו ווייזן אונז אזו וואל וויא איין ליכט לייכט נאר לפי שעה אזו אויך די מצוה איז נאר מגין אויף דעם מענשן לפי שעה׳ אונ אזו וואל וויא די ליכט פון דעם טאג לייכט אייביג אזו אויך דיא תורה איז אויך מגין אויף דעם מענשן אייביג דאס איז איין משל צו איין מענשן וואס גייט אינ וועג אונ איין גאנץ פינסטרע נאכט אונ ער הט מורא ער זאל זיך ניט אן שלאגן אונ דערנר אודר ער זאל אונ אגריב ניט אריין פאלון אויך הט ער מורא פר חיות רעות אונ פר גזלנים וואס לויפן ארום ביא נאכט אונ ער ווייסט ניט אוב ער גייט אינ רעכטן וועג האט זיך אום גטראפן איין ליכט אזו ווערט ער ניצול פון די דערנר אונ גריבר ווארום ער קען זעהן וויא צו גיין נייארט ער האט נאך מורא פר חיות רעות אונ ער ווייסט ניט אוב ער גייט אונ גוטן וועג׳ וויא דר מארגן שטערן איז אויף גגאנגן אונ עס איז טאג גווארן אזו ווערט ער ניצול פון חיות רעות אונ פון גזלנים נייארט ער ווייסט נאך ניט אוב ער גייט אונ גוטן וועג אונ אז ער קומט צו דעם אורט וויא די וועגן צו שיידן זיך אונ ער דר קענט זיין וועג אזו ווערט ער שון ניצול פון די אלע זאכן אזו איז אויך מיט דעם מענש דען די וועלט איז געגליכן צו אפינסטרע נאכט אונ עס קען פיל שלעכטס קומן צו די מענשן פון עבירות אונ די זאכן זענן געגליכן צו דערנר אונ גריבר אונ חיות רעות וואס זיא טואן שאדין דעם מענשן אזו זענן אויך די עבירות וואס דר מענש טוט דורך דעם אן ריידונג פון דעם יצר הרע וואס ער פר פירט דעם מענש פון דעם רעכטן וועג אונ דורום קומן די יסורים אויף דעם מענש ווען דר מענש בקומט אבר איין ליכט דם מיינט מען ווען דער מענש איז זוכה מצות צו טון וואס זיי זענען געגליכן צו איין ליכט אזו ווערט ער ניצול פון איין טייל שטראף ווארום די מצות זענן מגין אויף אום פון יסורים אונ ווען דר מארגן שטערן שיינט אויף אונ עס ווערט טאג דאס מיינט מען ווען דר מענש איז זוכה תורה צו לערנן אזו ווערט ער ניצול פון חיות רעות אונ גזלנים כלומר ער ווערט ניצול פון אלע שטראף אונ יסורים נאר ער האט נאך די זארג אויף זיך אוב ער גייט אונ רעכטן וועג דם מיינט מען ער הט נאך זארג צו האבן דאס דר יצר הרע זאל אום ניט פר פירן פון דעם רעכטן וועג אבר ווען ער קומט צו דעם אורט וויא די וועגן צו שיידן זיך אונ דר קענט זיין רעכטן וועג אזו ווערט ער ני צול פון אלימן דם מיינט מען ווען דר מענש שטארבט אונ דר וועג צו שייד זיך אונ ער איז גוועז פרים ביז זיין טוט אזו ווערט ער ניצול פון אלימן׳ (ואם יש צדיק שאינו זוכה לשתי שלחנות) אונ האטשו עס איז דא

אצדיק

אצדיק וואס ער איז נוט זוכה צו צוויא טישן דהיינו ער זאל האבן גוטס אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט דען מור געפינן דאס פיל צדיקים האבין גליטן פיל ערלייא צער אונ עניות אויף דר וועלט דאס איז כדי ער זאל אום פיינגן אויף דער וועלט וואס זו איז כלה ואבד כלומר דער מענש ווערט פר לורן פון אור אונ קיין רעכט גוטס איז נוט דא אונ אור אונ זאל מערן זיין שכר אויף יענר וועלט וואס זו איז איין אייביגע וועלט אונ הט אקיום (ולא עור) אונ נוט אליין דאס אמענש בקומט איין שכר ווען ער טוט אמצוה ניארט אפילו ווען עס איז נגמר גווארן אונ זיין הארצון צו טון אמצוה אונ אונ עס הט זיך אים איין אונס גטראפן אונ ער הט זו נוט גוטון רעכנט מען אים גלייך וויא ער האט זו גוטון (וכשיעשה המצוה) אונ ווען ער טוט אמצוה זאל ער זוא טון מיט לובשאפט אינ מיט גרוס חשק נוט וויא איינר ווארפט איין משא פון זיך אזו זאל ער אויף אראפ ווארפון פון זיך דעם עול פון דער מצוה אונ זאל זוא אפ טון אונ זאל פטור ווערן פון אור נייארט ער זאל די מצוה טון מיט שטארקייט אונ מיט לובשאפט אזו וויא מור לערנן אונ ברכות רבי יהושע בן לוי זאגט אייביג זאל אמענש לופון צו הערן איין דבר הלכה אפילו אום שבת ווס דענסט מאל טאר מען נוט לופון זאל ער דאך לופן צו הערן דברי תורה אונ איין מצוה צו טון מעג ער אויך לופון אום שבת :

פרק מג (המצוה הראשונה) די ערשטי מצוה ווס גאט הט גבאטן דם איז גוועז מצות מילה · (דרש רבי יהודה בר זבינה) רבי יהודה בר זבינה הט גדרשנת אונ דער צייט וואס משה רבינו איז שלאבריג גוועז זיין קינד מלי צו זיין איז זענן גקומן צוויא משחיתים ווס הייסן אף אונ חימה אונ האבין אים איין גשלונגן אונ האבין נוט אובר גלאזט פון אים נאר די פים אזו האט צפורה באלד גנומן איין שארפן שטיין אונ האט אפ גשניטן די ערלה פון אור זון אונ הט עס אן גרורט אונ די פוס פון משה האבן זייא אום דענסט מאל ערשט אפ גלאזט אונ דר צייט הט משה גוואלט הרגנן דוא צוויא משחיתים אזו וויא אונ פסוק שטייט דם גאט הט גזאגט צו משה לאז אפ פון אף אונ פר לאז דעם חימה די זאלסט זייא נוט טון זעהן מור דם משה הט זייא גוואלט הארגנן אונ אטייל זאגן דם דעם משחית חמה האט משה גהרגנת דען עס שטייט אונ פסוק דם גאט זאגט איך הב קיין חמה נוט דען משה האט אים גהרגנת : (תניא) מור האבן גלערנט רבי יהודה זאגט די מצוה פון מילה איז זייער גרוס דען עס איז נוט דא קיין צדיק גמור אונ דער וועלט אזו וויא אברהם אבינו איז גוועזן אונ פון דעסט

# קיצור מנורת המאור פרק מג

זועגן אוז ער נוט וואַרון גורופון גאַנץ פר גאט ביז ער האט זוך מלי גוועזן אזו וויא אונ פסוק שטייט דם גאט האט גזאגט צו אברהם גייא פר מור אונ זייא גאַנץ מוט מור מוט דעם וואס דו וועסט דוך מלי זיין :

פרק מה (כל המצות שעושה אדם מאהבה ובשמחה) אלע מצות ווס דער מענש טוט מוט ליבשאפט אונ מוט שמחה אונ מוט איין גוט הארץ דו ווערון אן גרופון (מצוה מן המובחר) ווען דער מענש אוז זוכה צו מלי זיין זון געהער ער זוך צו פרייאן איין גרוסע פרייד אונ זאל לובון צו גאט זיין בשעפר וואס ער הט אום מזכה גוועזן אונ גגרייכט צו געווינן איין זון ער זאל מקיים זיין אונ אום דו מצוה פון מילה אונ ווייל דו ישראל האבן דיא מצוה פון מילה מקבל גוועזן אוף זוך בשמחה פרייאן זיי זוך אונ איר אייבוג אונ אייביג · אזו וויא מור לערנן אונ מסכת שבת רבי שמעון בן גמליאל זאגט איטליכע מצוה וואס דו ישראל האבן זו מקבל גוועזן אוף זוך מיט שמחה אזו וויא מצות מילה טואון דו ישראל נאך היינט אויך מוט שמחה · אונ איטלעכי מצוה וואס דו ישראל האבן זו אן גנומון מוט קריג אזו וויא עריות דו מצוה טואן זיי נאך היינט אוך מוט קריג דען עס ווערט גיט גשריבן קיין כתובה דאס קיין קריג זאל דער בייא נוט זיין · (כתוב במנהיג) עס שטייט גשריבן אונ ספר המנהיג דאס עס אוז דא איין סמך אונ מדרש מען זאל מאכון איין סעודה אונ דעם טאג וואס מען אוז מלי דאס קינד · אויך קען מען זעהן אונ דער גמרא נדה דם מען פלעגט מאכן איין סעודת ברית מילה דען רב פפא הט גוואלט מאכון אוף איין ברית מילה אונ בענשן דו ברכה שהשמחה במעונו אזו וויא מען מאכט אוף איין חתונה ווייל מען אוז פריילך נאר דרום הט ער נוט גמאכט דו ברכה ווייל דם קונד הט צער פון דער מילה אוז דרום דו שמחה נוט גאנץ נוא אוז דער פון געדרונגן דאס מען פלעגט צו מאכון איין סעודת ברית מילה · קום אונ זעה דאס עס אוז נוט פר האנדן קיין ליבערס צום מענשן וויא זיינע קינדר אונ פון דעסטוועגן כדי צו טון דעם רצון פון גאט זעהט דר מענש דאס מען פר גיסט פון זיין זון דאס דם מילה אונ אוז עס מקבל אוף זוך בשמחה רב הונא זאגט נאך מיין מוט ער דם ער גוט אום פיל געלד אונ מאכט דעם טאג

איין

איין יום שמחה אונ איין סעודה · אויך לערנן מיר אונ מנחות דו רבנים האבין גלערנט דו ישראל זענין גליבט דאס גאט הט זיי גליבט מיט תפילין אויף זייערע קעפ אונ מיט תפילין אויף זייערע ארים אונ מיט ציצית אונ זייערע קליידר אונ מיט מזוזות אונ זייערע טורין אונ דרוף הט דוד המלך גזאגט מיט זיבן אלייא זאכין טוא איך דיך גאט לובין אונ טאג דהיינו פיר ציצית אונ צווייא תפילין אונ איין מזוזה אונ אין דער צייט וואס דוד איז גנאנגן אינ בית המרחץ אונ הט גזעהן דאס ער איז נאקיט הט ער גזאגט וויא צו מיר דאס איך בין אונ דער שעה נאקיט אן איין מצוה · אונ וויא ער הט זיך דר מאנט אונ דער מצוה פון מילה וואס אונ זיין פלייש איז אזו איז זיין דעה ווידר גשטילט גווארן אונ ער האט דרוף גמאכט איין מזמור (למנצח בנגינות על השמינית) איז דר מיין ער הט דעם מזמור גזינגן אויף דער מצוה פון מילה וואס זוא איז גבאטן גווארן צו טאון זו אונ אכטן טאג :

פרק מו (משגברה מלכות עובדי כוכבים ומזלות על ישראל בעונותינו) וויא דאס מלכות עובדי כוכבים ומזלות הט זיך גשטארקט איבר דו ישראל אזו האבין זיי גוזר גוועזן אויף ישראל שווערע גזירות אונ בייזע · אונ דיויל זייא האבין גטראכט צו פר לורין דו ישראל האבין זייא דרום גוזר גוועזן אויף זייא דאס זיי זאלין קיין תורה נוט לערנן אונ זאלין קיין מצות נוט טון וואס זיי זענין מגין אויף דו ישראל פון אלום בייזן · אויך האבין זיי גוזר גוועזן דם דו ישראל זאלין זייערע קינדר נוט מלי זיין כדי זיי זאלין בלייבן ערלים אונ זאלין ווערן צו מישט צווישן דיא עובדי כוכבים ומזלות אבר הקב"ה פון וועגין זיין רחמנות אונ זיינע חסדים הט גזעהן וויא דיא ישראל זענין זיך מוסר נפש אונ אלע דורות איבר דו מצות אונ האט דרום גנייגט דם הארץ פון דו גדולי המלכות צו גוטין אויף דו ישראל אונ הט גמאכט דאס זיי האבין מבטל גוועזן דו גזירות אונ האבין מתיר גוועזן צו דיא ישראל צו מקיים זיין דו מצות בפרהסיא · אזו וויא מיר לערנען אונ מסכת ראש השנה אכט אונ צוואנציג טאג אונ אדר איז איין גוטע בשורה אן גקומין צו ישראל דאס זיי דארפין זיך נוט אפ טון פון דער תורה דען איין מאל הט דאס מלכות עובדי כוכבים ומזלות גוזר גוועזן אויף דו ישראל דם זיי זאלין קיין תורה נוט לערנן אונ זאלין זייערע קינדר נוט מלי זיין אונ זאלין מחלל זיין שבתות אונ ימים טובים איז גגאנגן יהודה בן שמוע אונ זיינע חבירים אונ האבין גפרעגט איין עצה פון איין שררת וואס אלע גרעכטע לייט פון דר מדינה זענען גוועזן גוויינטליך צו קימון צו איר האט זו גזאגט

צו

צו זיי גייט און שרייאט ביי נאכט און דו מארקן און אין דו גאסן כדי דו הארן זאלון הערן און זאלן זוך דר בארמן איבר איך זענן זיי גגאנגן און האבין גשריגן ביי נאכט און האבן גזאגט טוט עס פון גאטס וועגן זענן מיר דען נוט איערע ברודר · זענן מיר דען נוט קינדר פון איין פאטר זענן מיר דען נוט פון איין מוטר און ווארום זענן מיר פר ענדרט פון אלע פעלקר און לשונות וואס איר זענט אוף אונז גוזר שווערע גזירות האבן זיי מבטל געווען דו גזירות אזו האבן דו ישראל דעם טאג יום טוב גמאכט (וגורסינן) אוך לערנן מיר און מסכת מעילה אמאל הט דאס מלכות עובדי כוכבים ומזלות גוזר געווען אגזירה אוף דו ישראל דס זיי זאלן נוט היטן שבת און זאלון נוט מלי זיין זייערע קינדר . . .

איז גגאנגן רבי ראובן בן אצטרובל און הט זוך אפ גשורון דיא האר וואס איבר דעם שטערן און פון הינטען האט ער זוך ביי האר צו גלאזט כדי ער זאל נוט דער קענט ווערן דאס ער איז איהודי דען דיא עובדי כוכבים ומזלות פלעגן אזו צו גיין און איז גגאנגן און האט זוך פר שטעלט פר איין שררה און הט זוך גזעצט צווישן זיי און הט גזאגט ווער עס הט איין פיינט צו וויל ער דאס דר פיינט זאל ארום זיין אודר ער זאל רייך זיין הט דר מלכות גזאגט ער וויל בעסר ער זאל זיין ארום הט ער גזאגט דרום איז אוך בעסר דאס דו ישראל זאלן אום שבת קיין מלאכה נוט טון דען וועלון זיי זיין ארים הט דער מלכות גזאגט דו האסט רעכט גרעט דיזא גזירה זאל בטל ווערן און דו ישראל זאלן שון מעגן שבת היטון האט ער ווידר גזאגט צו אום אדוני המלך ווער עס הט פיינט צו וויל ער דס זיי זאלן זיין שטארקע לייט אודר שלאפע לייט האט דער מלך גזאגט ער וויל דאס דו פיינט זאלון זיין שלאפע לייט האט רבי ראובן גזאגט דו דאזיגע יהודים זענן נוט שלאפר פון איך נאר ווייל זיא זענון מקיים מצות מילה דען ווען עס ווערט גבורון אזן צו אינום פון זייא אזו זאמלן זיי זוך איין און שניידען אום אפ זיין פלייש צו אכט טאג און פר גוסון זיין בלוט ווערט דרום דעם קינדם בה גשלאפט און ווען דו וועסט אבר מבטל זיין פון זיי דו מצוה פון מילה אזו וועלון זיי זוך שטארקן און וועלון מורד זיין און דור האט דער מלך גזאגט צו אום דו האסט רעכט גרעט דו גזירה זאל אוך בטל ווערן

# קצור מנורת המאור פמ״ו

(תנו רבנים)

דיא רבנים האבין גלערנט איין מאל הט דאס מלכות עובדי כוכבים ומזלות גוזר געווען איין גזירה אוף די ישראל דס זיי זאלן נוט מלי זיין זייערע קינדר אונ אין דר צייט אוז גובורן געווארן רבינו הקדוש הט זיין פאטר רבי שמעון בן גמליאל גזאגט הקב״ה הט אונז גשאפט מור זאלון מלי זיין אונזערי קינדר אונ די דאזיגע עובדי כוכבים ומזלות האבון גוזר געווען אויף אונז מור זאלון נוט מלי זיין וויא אזו זאלון מור מבטל זיין די גזירה פון הקב״ה אונ זאלון מקיים זיין די גזירה פון דעם מלך עובדי כוכבים ומזלות אזו באלד איז רבי שמעון אוף גשטאנן אונ הט מלי געווען זיין זון רבינו הקדוש אונ וויא דער האר פון דר שטאט אוז דאס געוואר געווארן האט ער גשיקט אונ האט גרופון רבי שמעון בן גמליאל אונ האט גזאגט צו אום ווארום האסטו עובר געווען אוף דר גזירה פון דעם מלך אונ האסט מלי געווען דיין זון האט רבי שמעון גזאגט אונזער גאט הט אזו גשאפט מור זאלון אונזערע קינדר מלי זיין האט דער שר גזאגט צו אום די האסט ביי מור פול כבוד וויל דו ביסט איין ראש איבר דיין אומה נאר עס אוז אבר איין גזירה פון דעם מלך דרום קען איך דיך נוט לאזון גיין הט רבי שמעון גזאגט צו אום וואס ווילסטו מור טין האט דר שר גזאגט איך וועל דיך שוקין צום מלך אונ וואס ער וועט דור וועלן טון וועט ער טון הט רבי שמעון גזאגט צום שר טוא מוט מיר וואס דיא ווילסט אזו האט דר שר באלד גשיקט רבינו הקדוש אונ זיין מוטר צום מלך · זענון זיי גגאנגן אגאנצן טאג אונ וועג צו אקעגן נאכט זענון זייא גקומון אונ דעם הארבריג הויז פון דעם פאטר פון אנטונינוס אונ אין דר צייט אוז אנטונינוס גובורון געווארן אוז די מוטר פון רבינו הקדוש אריין גגאנגן צו דער מוטר פון אנטונינוס הט די מוטר פון אנטונינוס גפרעגט צו דער מוטר פון רבינו הקדוש וויא הון זו גייט מוט אור קינד הט זו גזאגט צו איר דר מלך הט גוזר געווען אויף אונז מור זאלון אונזערע קינדר נוט מלי זיין אונ איך האב מיין זון יוא מלי געווען דרום פירט מען אונז מוט אנאנדיר צום מלך

מלך צו מייטן אונ וויא די מוטר פון אנטונינוס הט עס געהערט פון איר הט זיא גזאגט צו איר אוב דו ווילסט נעם מיין קינד מוט דור צום מלך וואס ער איז נוט גמלית אונ דיין קינד גיב מיר בוז דו ווערסט זוך אום קערן פון דעם מלך אונ גייא צום מלך אונ מאך אנטרינען דיין לייב אונ דיין קינדס לייב פון דעם מלך הט זי אזו גטאן אונ איז גקומען צום מלך אוז דר שר ארייין גגאנגן צום מלך אונ הט גזאגט צו אום אדוני המלך די אשה הט עובר גוועזן אויף דיין גזירה אונ האט גלאזט מלי זיין איר זון אונ היינט האב אוך זוא דיר גבראכט מוט איר קינד אונ וואס דו ווילסט טון מוט איר קענסטו טון האט דר מלך גזאגט צו זיינע לייט זעהט אוב דם קינד איז גמלית איז ווארן גפינן דאס עס איז נוט גוועזן גמלית אונ דר צייט איז דער מלך ברוגז גווארן אויף דעם שר אונ האט גזאגט צו אים אוך האב גוזר גוועזן אוף דעם וואס גמלית איז אונ דו האסט מיר גבראכט איין קינד וואס נוט גמלית איז אונ דער צייט זענון געסן גרוסע הארן פר דעם קייזר האבן זיי גזאגט צו אום אדונינו המלך מיר זאגן געווים עדות דם דם קינד פון דר אשה איז גוועזן גמלית נאר זייער גאט איז נאהינט צו זיי אונ ווען זיי רופין צו אים אזו ענפרט ער זייא תיכף אזו וויא אז פסוק שטייט ווער איז אזו וויא גאט אונזער גאט דאס ער איז נאהינט צו אונז ווען מיר רופין צו אום אזו הט דר מלך תיכף גשאפט אונ מען הט גהרגת דעם שר אונ ער הט מבטל גוועזן די גזירה אונ הט דם קינד אונ די מוטר אהיים גשיקט לשלום · וויא זי איז ווידר גקומען צו דר מוטר פון אנטונינוס האט זי איר אפ גגעבן איר קינד אונ האט ביי איר אפ גענומן איר קינד רבינו הקדוש · הט די מוטר פון אנטונינוס גזאגט צו דר מוטר פון רבינו הקדוש וויל גאט האט דור איין נס גטאן דורך מיר אונ צו דיין זון דורך מיין זון דרום זאלן די קינדר זיין חבירים איינר מוט דעם אנדרן בוז אייביג אונ פון וועגן דעם שכר וואס אנטונינוס הט געזויגן פון דר מוטר פון רבינו הקדוש איז ער גווארן איין מלך איבר זיין אומה אונ האט גירשת דיא וועלט אונ יענע וועלט · (וגרסינן) אויך לערנען מיר אונ בבא בתרא רבי ישמעאל בן אלישע זאגט פון דעם טאג אן וואס דר בית המקדש איז חרוב גווארן אזו וואלט רעכט גוועזן דאס מיר זאלון גוזר זיין אוף אונז מיר זאלען גיט עסן קיין פלייש אונ זאל נוט טרינקן קיין וויין נאר מען קען נוט גוזר זיין איין גזירה אוף איין ציבור סיידן דאס רוב פון דעם ציבור קענן בשטיין דר ביי אבר דר ביי קענון דאס רוב ציבור נוט בשטיין דרום איז מען עט גיט גוזר אונ פון דעם טאג אן וואס דם מלכות עובדי כוכבים ומזלות הט זיך מתפשט גוועזן איבר ישראל אונ זענן גוזר אוף אונז שווערע גזירות אונ

# קיצור מנורת המאור פמ"ו

זען אונז מבטל פון תורה אונ מצות אונ לאזן אונז נוט אונזערע קינדר מל זיין אזו וואלט רעכט גווען דאס מור זאלן גוזר זיין אוף אונז מיר זאלן נוט גנעמון קיין ווייבר דען וועלן מור קיין קינדר נוט האבן אונ די קינדר פון אברהם וועלן ממילא ווערן פר לענט פון דער וועלט נוט דורך די עובדי כוכבים ומזלות אונ די עובדי כוכבים ומזלות וועלן שון נוט קענען מבטל זיין אונז פון תורה אונ מצות נאר מען קען עס נוט גוזר זיין ווייל דם רוב ציבור וועלן נוט קענען דער ביי בשטיין אונ וועלן במזיד עובר זיין אוף דר גזירה דרום איז בעסר מען זאל נוט גוזר זיין אוף זיי די גזירה כדי זיי זאלן זיין שוגגים דם זיי זאלן מיינען זיי טואן קיין עבירה נוט דער מוט וואס זייא נעמון ווייבר · (והמצות שהיו מוסרין עצמן עליה) אונ די מצות וואס די ישראל האבן זיך מוסר נפש גווען איבר זיי בשעת גזירות צו מקיים זיין זיי הט הקב"ה מבטל גווען די גזירות אונ הט זיי געהאלפן זיי זאלן קענען מקיים זיין די מצות אזו וויא מור וועלן ווייטר אונ חלק קדושת תפילין שרייבן אבר די מצות מילה אפילו נוט בשעת גזירה זענין זיי אוך מוסר נפש זייערע קינדר אוף קידוש השם אונ לאזן זייא מלי זיין דען צו צייטן שטארבן זייא איבר דעם אזו וויא מור לערנען אונ מסכת שבת רבי נתן זאגט איין מאל בין איך גגאנגן אונ די שטעט וואס זענען אויף דעם ים איז גקומן פר מור איין אשה וואס זו האט אור ערשטן זון מלי גווען אונ ער איז גשטארבן דריבר אונ דעם אנדרן זון האט זוא אוך מלי גווען אונ ער איז גשטארבן דריבר אונ דעם דריטן זון האט זו גבראכט פ- מיר האב איך גזעהן דאס ער איז רויט אונ זיין בלוט איז נאך נוט אריין גגאנגן אין די אברים אריין אזו האב איך גזאגט צו אור ווארט ביז זיין בלוט וועט אום אריין גיין אונ די אברים הט זו גווארט אונ הט אום דער נאך מלי גווען איז ער גבליבן לעבן אונ מען הט אום גרופן נתן הבבלי אוף מיין נאמין · אונ נאך איין מאל בין איך גגאנגן אונ דער מדינה קפוטקיא איז גקומן פר מור איין אשה וואס זו הט אור ערשטן זון מלי גווען אונ ער איז דריבר גשטארבן אונ אור אנדרן זון האט זו מלי גווען אונ ער איז אוך דריבר גשטארבן דעם דריטן זון הט זו גבראכט פר מור האב אוך גזעהן דאס ער איז גרין אונ עס איז נאך אינ אום נוט דא קיין בלוט אונ אזו איין קינד איז איין סכנה מלי צו זיין ווייל עס האט נאך קיין בלוט נוט איז זייער שלאף אונ דיא מצות מילה ווערט אויך נוט רעכט גטאן דען די מצוה איז עס זאל פון דעם קינד אפ גיין דם ברית אזו האב איך גזאגט צו איר ווארט ביז דאס בלוט וועט קומן אונ דעם קינד האט זוא גווארט אונ האט אום דער נאך מלי

גוועז

גוועז איז דאס קינד לעבן געבליבן אונ מען האט אים גרופן נתן הבבלי אויף מיין נאמן די אלע מימרות קומן (ללמדנו) צו לערנן אונז וויא זייער די מצוה איז געוועז געליבט צו ישראל דאס זיא האבין זיך מוסר נפש געוועז אונ אויך זייערע קינדר וואס זיא זענון ליבר צו דו מענשן פון זיך אליין האבן זיי דאך זיי אויך מוסר נפש געוועז צו אום קומן כדי זיי זאלין מקיים זיין דו מצוה פון זייער בשעפר :

פרק מז (בארבעה מקומות) אוף פיר ערטר האט דו תורה אן גזאגט אויף דער מצוה פון פריה ורביה אונ פרשת בראשית אונ מיר האבן גלערנט אונ מסכת יבמות בית הלל זאגן אמענש זאל נוט בטל זיין פון פריה ורביה סיידן ער האט איין זון אונ איין טאכטר : אוך זאגון מיר אונ דר גמרא ווען ער האט גהאט קינדר אונ זייא זענן געשטארבן זאגט רב הונא ער האט מקיים געוועז דו מצוה פון פריה ורביה אונ רבי יוחנן זאגט ער הט נוט מקיים געוועז דו מצוה אונ דוא הלכה בלייבט אזו וויא רבי יוחנן דרום זאל דר מענש זעהן מוט גאר זיין יכולת מגדל צו זיין זיינו קינדר כדי ער זאל מקיים זיין די מצוה פריה ורביה אונ נאך מיין ווען ער האט אזון זאל ער זעהן מוט זיין גאנץ יכולת צו אוף צוהון אים כדי ער זאל אפ טון פון זיך גאטס צארן אזו וויא מיר לערנן אונ בבא בתרא · (על כן) דרום דארף דער מענש טון מיט זיין יכולת צו מגדל זיין זיין זון צו גוטון אונ צו דר ווייטרון אים פון בייזע טרעפונג וואס קענן קומן איבר עבירות אונ זאל אים פורן אונ רעכט פארטיגן וועג אונ זאל אים תורה לערנן אונ זאל אים געבן אווייב אונ זאל אים איין מלאכה לערנן ער זאל זיך קענן מפרנס זיין פון איר אזו וויא מיר לערנן אין קידושין די רבנים האבן גלערינט אפאטר איז מחויב זיין זון צו מלי זיין אונ צו אים לייזון אים ווען ער איז אבכור אונ צו לערנון אים תורה אונ צו געבן אים אווייב אונ צו לערנן אים אמלאכה ער זאל זיך קענן מפרנס זיין פון איר אונ אטייל זאגן ער איז מחויב אים צו לערנן שווימן דען טאמר וועט ער פארן אינ אשיף אונ דו שיף וועט אונטר גיין דען וועט ער זיך קענן מציל זיין ווען ער וועט קענן שווימן רבי יהודה זאגט ווער עס לערנט נוט זיין זון אמלאכה איז גלייך וויא ער לערנט אים צו בגזלן לייט דען ווייל ער קען קיין מלאכה נוט וועט ער מוזון לייט בגזלין כדי זיין פרנסה צו בקומן · (וגרסינן) אוך לערנן מיר אונ מסכת סוטה רבי אליעזר זאגט ווער עס לערנט מיט זיין טאכטר תורה איז גלייך וויא ער לערנט זיא פר שאיט צו זיין אונ עזות קייט צו ברוקן זאגט רבי אבהו דער טעם פון רבי אליעזר איז ווייל עס שטייט אונ פסוק דאס דוא תורה זאגט אוך חכמה אוך טוא רואון מוט כלוגהייט

# קיצור מנורת המאור פמ״ז

קלוגהייט בלומר בייא וועמן איך רוה אזו ווערט דער מענש קלוג דרום ווען דער מענש וועט מיט זיין טאכטר תורה לערנן וועט זיא ביין טאן און איר קלוגקייט וועט זיא וויסן צו פר בארגן אידע בייזע מעשים דרום זאל מען מיט אטאכטר קיין תורה ניט לערנן (והאומנות הטוב) און דו בעסטי מלאכה וואס אמענש זאל לערנן זיין זון אוז דו תורה דם זוא שפייזט דעם דעם מענשן אוף דר וועלט און מאכט אום איין בשטאנד אוף יענר וועלט אזו ווייא מיר לערנן און קדושין רב נהוראי זאגט איך לאז אוועק אלע מלאכות און לערן נוט מוט מיינו קונדר נאר תורה דאם זייא זאלן עסן דעם שכר פון זייער ארבט אוף דר וועלט און דאס קרן זאל זייא בלייבן שטיין לעולם הבא דען אלע מלאכות ווס און דער וועלט איז בשטייאן נוט צום מענשן נאר אין זיין יונגדייט און ווען זיין כח איז אוף אום אבר ווען ער פאלט און איין קרענק אודר ער ווערט גשלאגן מיט יסורים אודר ער ווערט אלט אזו קען ער שון נוט ארבטן און שטארבט און הינגר אבר דוא ותורה אוז נוט אזו נייארט זוא דר הייבט דעם מענשן און הוט איהם פון אלעם בייזן אין זיין יונגקייט און גיט אום אגוטן סוף און איין האפנונג אין זיין אלטקייט און נוט דאס אליין נייארט גאט ברוך הוא הט לוב דוא צדיקים אוף זייער עלטר מין ווייא אין זייער יונגקייט און אוך אזו גפינען מיר בייא די צדיקים ווס האבן דו תורה גהאלטן איי זוא אוז געגבן גווארן און גאט הט זייא גבענשט און זייער יונגקייט זאגט דער פסוק אוף זייא דיא וואס האפן צו גאט דוא וועלון פר בייטן כח און אין זייער עלטר זאגט דער פסוק זייא וועלן נאך שפראצן מוט גרעכטיקייט און אוך אזו גפונסטו בייא אברהם אבינו דאס ער האט גוהוט דוא גאנצו תורה איי זוא אוז געגבן גווארן אזו ווייא און פסוק שטייט וייל אברהם הט צו גהערט און מיין קול און האט גהאלטן מיין תורה און גאט האט אום גבענשט און זיין יונגקייט און אין זיין אלטקייט און זיין יונגקייט האט גאט גזאגט צו אום אוך וועל דיך מאכן צו אגרום פאלק און וועל דיך בענשן און אין זיין עלטר זאגט דער פסוק און אברהם אוז גווארן אלט און אוז גקומן און דו אלטע טעג און גאט האט אום גבענשט מוט אלו גוטו ברכות און אוך אלו צדיקים ווס האבן דו תורה גהאלטן און זייער יונקייט אוז אוף זייא גזאגט און דו ווס האפן צו גאט וועלן פר בייטן כח און וועלן זיין שטארק און אין זייער עלמור אוז אוף זיי גזאגט זיי וועלן נאך שפראצן מוט גרייזקייט און וועלן זיין צווייגנדיג מוט קוגדר :

לעולם

פרק מח (לְעוֹלָם יִשְׁתַּדֵל אָדָם) אייבוג זאל זיך אמענש משתדל זיין אונ זאל זעהן צו גוויינן זיין זון פון זיין יונגקייט צו לערנן אום תורה נאך דעם כח פון דעם יונג אונ נאך זיינו יארן דהיינו ווען דאס קונד הייבט אן צו קענן רעדן זאל ער עם גוויינון אונ פסוקים צו זאגן דהיינו (תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה) אונ (שְׁמַע יִשְׂרָאֵל) אונ נאך אזעלכי פסוקים כדי ער זאל אנו שיידן אחלק צו גאט פון דו רייד פון דעם קינד אונ דאס דו ערשטי רייד פון דעם קינד זאל זיין אונ גאטס דינסט אונ דער פאטר דארף דאס קונד אובר בעטן מיט גוטו רייד אז דם קינד זאל זעהן דאס מען הט אום לוב אונ מען גלוסט צו אום ווייל ער גייט מוט חשק צו לערנן אונ ווען דם קונד ווערט גרוס אונ איז מְמַאֵם אונ דו ערשטע קליינע מתנות זאל ער אום געבון אנדרי מתנות גרעסרי נאך דעם גלוסטן נאך פון דעם קונד אונ ווען דם קינד ווערט נאך גרעסר אונ אוז אונ דו גרעסרי מתנות אוך ממאס זאל ער זאגון צו אום לערון תורה כדי דוא זאלסט חשוב ווערון אונ ווערסט זוצון אובון אן אונ מוועט דוך רופון רבי אונ מוועט דור כבוד אן טון אונ ווען דם קינד ווערט דר מוט אוך נוט אובר גבעטון זאל ער זאגון צו אום לערן תורה כדי דו זאלסט זוכה זיין צו קומון אונ גן עדן אונ ווען ער וועט דם קונד גוויינן אונ דו תורה וועט דם קונד צום סוף מוט זיין שכל גרייכן דו אמתה כוונה פון דער תורה אונ אור תענוג אונ אור לובשאפט אונ וועט זוא לערנן לשמה : (וַעֲדֵי שֶׁיְּהֵא הַקָּטָן בֶּן ו׳ אוֹ בֶּן ז׳ שָׁנִים) אונ בוז דם קונד וועט זיין אלט זעקס אודר זובן יאר זאל ער אום נוט נייטון אונ דעם יאך פון לערנן נייארט ווינוג זאל ער לערנן מוט אום מוט איין גבעטענער הייט אזו ווי מור לערנן אונ בבא בתרא : (אָמַר לֵיהּ רַב) רב האט גזאגט צו רב שמואל בר שילת ער אוז גוועןן אמלמד תינוקות האט ער גזאגט צו אום ווייניגר פון זעקס יאר זאלסטו נוט אן געמן אקונד צו לערנן דער מוט אונ פון זעקס יאר אן אונ ווייטר זאלסטו עם אן נעמן אונ זאלסט אום שטאפן דם לערנן מוט גוואלד אזו ווי מען שטאפט איין אוקס דם עסון מוט גוואלד ווען מען וויל ער זאל פעט ווערון נאך האט גזאגט רב צו רב שמואל בר שילת ווען דו שלאגסט אקונד זאלסטו עם נוט שלאגן נאר מוט דעם רומן ווס מען בונד דער מוט צו איין שוך ווען ען וועט וועלן לערנן וועט עם לערנן דורך דעם שלאגן אונ ווען עם וועט נוט וועלן לערנן זאלסטו עם מער נוט שלאגן אונ זאלסט עם אוך נוט ארום שטוסון נייארט עם זאל זוצון מוט דוא חבירים ווס לערנן דען וועט עם לסוף נעמן זוך צום הארצן אונ וועט אוך וועלן לערנן ווייל עם וועט זעהן דאס אלע זיינע חברים לערנן (וּגְרְסִינַן) אוך לערנון מור אונ כתובות רבי יצחק זאגט

אין

# קיצור מנורת המאור פמ״ח

אין דר שטאט אושא האבן די חכמים מתקן גוועזן דם אמענש זאל זיך במוהן מיט זיין זון אונ זאל אום גוטע רייד ריידן דאס ער זאל לערנן ביז ער ווערט אלט צוועלף יאר אבר דער נאך זאל ער מיט גוואלד לערנן מיט אום אונ זאל אים שלאגן אונ זאל אום נוט געבן קיין עסון אונ זאל אום אלו צרות אן טון ביז ער זאל לערנן פרעגט דוא גמרא עס קען דאך אזו נוט זיין דען רב האט גזאגט צו רב שמואל בר שילת ווייניגר פון זעקס יאר אלט זאלסטו נוט אן נעמן אקינד צו לערנן דער מוט אונ פון זעקס יאר אן אונ ווייטר זאלסטו עס אן נעמן אונ זאלסט עס שטאפן דם לערנן מיט גוואלד אזו ווי א משטאפט איין אוקס דם עסון מיט גוואלד ווען מען וויל ער זאל פעט ווערן זעהן מיר דאך דאס פון זעקס יאר אן אונ ווייטר זאל מען דם קינד נייטן צום לערנן אונ ווי זאגט רבי יצחק דם נון צוועלף יאר אן זאל מען ערשט דם קינד נייטן צום לערנן · ענפערט די גמרא רב הט גמיינט צו פסוק לערנן זאל מען עס פון זעקס יאר אן אונ ווייטר נייטן צום לערנן אונ רבי יצחק מיינט משניות צו לערנן זאל מען עס ערשט צו צוועלף יאר אן הובן נייטן צו לערנן · דען אביי האט גזאגט מיין זיינ אם וואס האט מוך אוף גצוגן הט מיר גזאגט צו זעקס יאר זאל דם קונד אן הובן פסוק צו לערנן אונ צו צעהן יאר זאל עס אן הובן משניות צו לערנן אונ צו צוועלף יאר זאל עס אן הובן צו פאסטן איין מעת לעת דהיינו יום כפור אונ תשעה באב דערנאך מאל פאסט מען איין מעת לעת אונ דנו אוז נאר גזאגט בייא אמיידול ווייל זוא לערינט קיין תורה נוט אוז אור נאטור שטארק דרום דארף זוא אונ אן הוב צוועלופטן יאר צו פאסטן איין מעת לעת אבר אזכר לערנט תורה אונ דוא תורה מאבט דעם מענשן שלאף דרום דארף ער נוט צו פאסטן ביז ער ווערט אלט דרייצעהן יאר : (ואמרינן) אוך זאגן מיר אונ דר גמרא רב זאגט וועך עס ברענגט אריין זיין זון צו לערנן תורה ווייניגר פון זעקס יאר אלט לופט ער לסוף נאך דעם קינד צו טון אלע רפואות צו גזונד מאכן אום אונ קען עס נוט דער גרייכן ער זאל גזונד ווערן דען דם קינד ווערט שלאף דרובר אונ ווערט מסוכן ווארום דוא תורה מאבט אום שלאף דעם כח אונ אטייל זאגן זיינע חבירים לופון נאך דעם קינד צו קומון צו זיין חכמה אונ קענון נוט גרייכן אום דען ער ווערט מיין למדן פון זייא אונ דוא ביידע דיעות זענן אמת דען ווען דם קינד אוז אשלאף קינד אזו זאל מען עס נוט געבן פר זעקס יאר לערנן ווארום עס אוז איין סכנה פר דעם קינד ווען עס אוז אבר אשטארק קינד זאל מען עס יוא געבן פר זעקס יאר לערנן וועט עס ווערן

אגרוטור

אגרוסר למדן (וחייב אדם ללמדו) אונ דער פאטער איז מחויב צו לאזן לערנן זיין קונד וויא וויט ער קען דר לאנגון אונ דם קונד קען דער לאנגן אזו וויא מיר לערנן אין קדושין ביז וויא לאנג איז אפאטר מחויב ציא לאזען לערנן זיין זיהן זאגט רב יהודה פון וועגן שמואל אזו וויא זבולון בן דן דם זיין עלטער פאטער האט מיט איהם גלערינט מקרא אונ משנה אונ הלכות אונ הגדות דאס אלין איז אפאטר מחויב צו לערנן זיין זון (גם מצינו) אוך גופונן מיר בייא חזקיהו מלך יהודה האטשו ער איז גוועזן אמלך אונ אגרוסר חשוב צווישן די ישראל פון דעסט וועגון פון וועגן דעם לובשאפט פון דער תורה וואס זיינע קינדר זאלן לערנן האבן דוא חכמים גזאגט אוף אים דאס ער האט זייא אליין גטראגן אוף זיינע אקסלון אונ בית המדרש אריין אזו וויא מיר לערנן אונ ברכות רב מתנה זאגט וואס מיינט עם דער פסוק ווער איז אזו וויא דער חכם וואס ווייסט אפשרה צו מאכן אונ איין זאך דאס מיינט מען וועך איז איין חכם אזו וויא הקב״ה דאס ער האט גוויסט צו מאכן איין פשרה צווישן צווייא צדיקים דהיינו צווישן חזקיה המלך אונ צווישן ישעיה הנביא דען חזקיה המלך האט גזאגט ישעיה הנביא דארף קומן צו מיר דען מיר גופונן דאס אליהו הנביא איז גגאנגן צו אחאב ווייל ער איז גוועזן איין מלך אונ ישעיה הנביא האט גזאגט חזקיה דארף קומן צו מיר דען מיר גפונן דאס יהורם בן אחאב האטשי ער איז גוועזן אמלך איז ער דאך גגאנגן צו אלישע הנביא אונ ווייל זייא האבן זוך איינר מוט דעם אנדרן ניט גזעהן האט דרום ישעיה הנביא נוט גשטראפט חזקיה ווייל ער זהט קיין ווייב ניט גנומן האט גאט גמאכט אפשרה צווישן זיי אונ הט גבראכט יסורים אוף חזקיה דם ער איז קראנק גווארן אזו הט גאט גזאגט צו ישעיה הנביא גייא צו חזקיה אונ זייא אום מבקר חולה דען ער איז קראנק אזו וויא אין פסוק שטייט אונ די דאזיגע טעג איז חזקיה קראנק גווארן צו שטארבן פון דער קרענק אונ ער איז גקומן צו אום ישעיה בן אמוץ הנביא אונ האט גזאגט צו אים לאז צוואה צו דיין הויז גזונד דען דוא וועסט שטארבן אונ וועסט ניט לעבן דם הט ער גמיינט דוא וועסט שטארבן אוף דר וועלט אונ וועסט נוט לעבן אוף יענר וועלט האט אום חזקיה גפרעגט פר וואס האט ישעיה אום גזאגט ווייל דו האסט קיין ווייב נוט גנומן אונ האסט קיין קונדר נוט גבראכט אוף דער וועלט הט חזקיה אים גזאגט די שטערן זעהר האבן מיר גזאגט דאס נוט קיין גיטע קונדר וועלן ארוס גיין פון מיר דרום האב איך קיין ווייב ניט גנומן האט ישעיה גזאגט צו אום מוט דוא פרבארגנע זאכן פון גאט וום האסטו צו טון דו האסט גהערט צו טון וום דוא ביסט גשאפט גווארן אונ

גאט

גאט לאז טון מוט דיינע קונדר ווס ער וויל האט חזקיה גזאגט צו ישעיה גיב מיר דיין טאכטר אפשר וועט דיין זכות אונ מיין זכות גורם זיין דאס גיטע קינדר וועלן ארוס קומן פון אונז האט ישעיה גזאגט עס איז שון דאך גגזר גוואָרן דו גזירה די זאלסט שטארבן האט חזקיה גזאגט צו איהם די בן אמוץ פר לענד דיין נביאות אונ גייא ארוס פון מיר דען איך האב אזו בקבלה פון מיין עלטר פאטר דוד המלך דם אפילו ווען אשארפע שווערד ליגט אוף דם מענשנס האלז זאל ער זיך דא ניט פר מייהן פון צו בעטן גאט דען גאט קען אים מציל זיין דר פון אזו וויא אין פסוק שטייט ווען מען וויל מיך הרגנן טוא אוך דאך צו גאט האפן דען דוד המלך האט געזעהן דעם מלאך המות אונ זיין שווערד איז געווען אום נצונגן פון דר שייד אין זיין האנד אונ ער האט גוואלט ממית זיין צו דוד בשעת או דער דבר איז געווען אונ דוד האט גבעטן אונ איז ניצול גוואָרן פון איהם האט חזקיה אוך גאט גבעטן אונ איז וואָרן גהיילט פון דער קרענק אונ ישעיה האט איהם געגעבן זיין טאכטר האט זיא איהם גהאט צווייא זין מנשה אונ רבשקה איין מאל האט חזקיה גטראגן זיי אויף זיין אקסל צו ברענגן זיי אונ בית המקדש תורה צו לערנן האט איינר פון זיי גזאגט צום אנדרן אונזער פאטרס קאפ איז ראוי צו מאכן דרוס איין טאפ צו בראטן אונ אום פיש אונ דער אנדערר האט גזאגט אונזער פאטרס קאפ איז גוט צו מקריב זיין אוף אום קרבנות צו דר דמות כוכבים ומזלות הט חזקיה זיי אראפ גוואָרפן פון זיין אקסל צו דר ערד איז רבשקה געשטארבן דר פון אונ מנשה איז לעבן געבליבן הט חזקיה גלייגט אוף זיך דם פסוק אונ די כלים פון דעם שלעכטן מענשן כלומר די קינדר די זענן בייז (וגם צריך אדם) אונ אויך מוז איין מענש געווינן זיין זין אונ זיין יונגקייט אונ מצות כדי ער זאל זיין געווינט אונ זיי אז ער וועט גרוס ווערן אזו וויא מיר לערנען אונ מסכת סוכה איין קליין קינד וואס דארף נוט נייטיג צו דער מוטר איז עס מחייב אונ מצות סוכה אונ ווען ער ווייסט צו שאקלן מוט איין לולב דארף אום דר פאטר צו קופן איין לולב אונ ווען ער ווייסט איין טלית צו אן טון דארף דר פאטר צו קופן אום איין טלית כדי צו געוויינן אום יונגרהייט אונ מצות. אויך לערנן מיר אונ מסכת יומא רב נחמן זאגט איין קינד וואס איז אלט ניין אודר צעהן יאר איז מוז מען עם געווינן עטליכע שעות צו פאסטן ווען איין תענית איז. אונ אויך איז מוז מען אום געוויינן אונ אלע מצות. אונ איז אויך שטיים אונ פסוק גוויין דעם יונג נאך זיין כח נאך אונ גוטן וועג כדי אז ער וועט אלט ווערן זאל ער זיך אויך נוט אפ טון דר פון. דאס מיינט מען ווען דאס קינד וועט

אין

אין זיין יונגקייט האבן אונ זיך דאס לערנן אונ דם גוויינונג אונ מצות אונ
דם געוויינונג אונ גוטע מדות אז איין כל שכן דם אונ זיין אלטקייט וועט ער
די גוטע מדה נוט אפ טון פון זיך דען דר הרגל אונ די גוטע מדות וועט
ווערן צו אום איין טבע· אונ נאך מיין אוף דר עלטר דאס דם הייכונקייט
פון דעם נטאור אונ דאס נאך יאגון נאך תאוות ווערט גקילט בייא דעם
מענשן א' נ' עם קומן אזעלכע יארן וואס דר מענש זאגט אוף זיי דם ער
בגערט זיי נוט אוז איין כל שכן דאס ער וועט זיך דערנסמאל האלטן אונ די
גוטע מדות· אדר אזו מיינט דר פסוק ווען די וועסט לאזון צום יונג ער זל
זיך געוויינן אונ זיין בייזון וועג צו זוצן בטל אונ צו נאך יאגן נאך דעם
ווילן פון זיין יצר הרע אונ די וועסט אום נוט פר ו'ערן צו אום קערן אום
צו גוטן ווייל די וועסט דור טראכטן ער אוז נאך יונג זאגט דר פסוק אפילו
ווען ער וועט אלט ווערון וועט ער זיך נוט אפ טון פון דעם בייזן געוויינונג
כלומר ער וועט זיך נוט קענון אפ געויינן דר פון ווייל די בייזע געוויינונג
ווערן צו אום איין טבע אזו וועט ער זיך שון נוט קענן אפ שיידן דר פון
אונ ווען די וועסט אבר געויינן דעם יונג אונ מצות אונ זיין יונגקייט אזו ווען ער
וועט אלט ווערן וועט ער נאך מערון מצות צו טון :

פרק מט (בכל דבר) אונ אלע זאכון זאל אמענש לוב האבון זיין זון אונ
צו שטראפן אום ער זאל גיין אונ גוטן וועג דען ווען ער פר
מייד שטראף פון זיין זון הט ער פיינט זיין זון ווארום ער אוז אום גורם דם
ער גייט ארום לתרבות רעה אזו וויא מיר געפונון אונ (ואלה שמות רבה) עם
שטייט אונ פסוק דר וואס פר מייד זיין רוט פון זיין זון דר הט פיינט זיין
זון אונ דר וואס הט לוב זיין זון פארשט ער אום מוט שטראף פרעגט דר
מדרש דער מנהג עולם אוז ווען איין מענש זאגט צו זיין חבר יענר מענש
האט גשלאגן דיין זון אזו נידערט ער מוט יענם אונ קריג בוז אונ לעבן
אריין אונ ווארום זאגט דר פסוק דר וואס פר מייד זיין רוט פון זיין זין
דר הט פיינט זיין זון· נייארט דר פסוק קומט צו לערנן דיך דער וואס פר
מייד זיין רוט פון צו שטראפן זיין זון ווען ער טוט בייז דר האט פיינט זיין
זין דורך דעם וואס זיין פאטר שטראפט אום נוט גייט ער לסוף ארוים
לתרבות רעה דען אזו געפינן מיר ביי ישמעאל דם אברהם הט גרום ליבשפט
גהאט צו אום אונ הט אום נוט געשטראפט אוף זיינע בייזע מעשים· אוז ער
לסוף ארום גגאנגן לתרבות רעה אונ אברהם הט אום פיינט גקריגן דרייבר
אונ הט אום ליידונג אום גוצוגון פון זיין הויז דען אז ישמעאל אוז אלט געוועזן
פופצעהן יאר האט ער אן גהויבן צו ברענגן איין דמות עובדי כוכבים

זיין

ומזלות

ומזלות פון דר נאם אין דאס הויז פון אברהם אונ הט זוך גשפילט דער מיט דם מיינט מען ער האט עם גדינט אזו הט שרה גזאגט צו אברהם פר טרייב די דאזיגע דינסט הגר מיט איר זוהן וואָרום טאמר וועט זיך מיין זוהן יצחק אפ לערנן זיינע בייזע מעשים · (כיוצא בו) איך גפינן מיר איין גלייכניש ביי יצחק דם ער הט ליב גהאט עשו אונ הט אים ניט גשטראפט ווען ער הט גטאן בייז אזו ער לסוף ארוס גגאנגן לתרבות רעה אזו וויא מיר האבן גלערנט פונף עבירות האט עשו עובר גוועזן אונ דעם טאג וואס ער הט די בכורה פר קופט ער איז גלעגן ביי איין נערה מאורסה · אונ הט נהרגת אנפש · אונ הט גלייקנט אונ תחיית המתים אונ הט גלייקנט אין גאט אונ הט מבזה גוועזן די בכורה אונ נאך מער בייז הט ער גטאן דאס ער האט געגליסט דעם טוט פון זיין פאטר אונ האט גוואלט הארגנן זיין ברודר יעקב אזו וויא אונ פסוק שטייט דם עשו הט גזאגט זיי זאלן גנענן דיא טרויער טעג פון מיין פאטר וועל איך הארגנן מיין ברודר יעקב אונ ער הט גורם גוועזן צו יעקב דם ער האט גמוזט אנטלופן פון זיינע עלטרן אונ עשו איז אויך גגאנגן צו ישמעאל צו אפ לערנן זיך פון אים נאך מער בייז אונ דם ער זאל נאך מערן זינד אויף זיינע זינד אזו וויא אונ פסוק שטייט אונ עשו איז גגאנגן צו ישמעאל (כיוצא בו) נאך אזו אגלייכניש גפינן מיר ביי דוד דאס ער האט ניט גוואלט שלאגן זיין זון אבשלום ווען ער האט עפוס בייז גטון אזו ער לסוף ארוס גגאנגן לתרבות רעה אונ הט גוואלט הארגנן זיין פאטר אונ איז גלעגן ביי די ווייבר פון זיין פאטר אונ האט גורם גוועזן דם זיין פאטר איז גגאנגן בארוויס אונ הט גוויינט · אונ ער הט גמאכט פאלן פון די ישראל אונ דר מלחמה פיל טויזענד מענשן אונ הט גורם גוועזן צו זיין פאטר פיל שווערי זאכן וואס קיין סוף איז ניט צו זייא אזו וויא עס שטייט אונ פסוק דאס דוד האט גמאכט איין מזמור אונ זיין אנטלופן פון פר זיין זון אבשלום אונ עס שטייט דריגן דם דוד הט גזאגט די גאט וויא פיל מיינע בלייִדיגר זענן · פיל לייט זענן אויך גשטאנן אויף מיר אונ מיר לערנן אונ דער גמרא ברכות רבי שמעון בן יוחאי זאגט עס איז ערגר איין בייז אויף צידהונג אונ דעם מענשנס הויז מיין פון דר מלחמה פון גוג ומגוג דען ביי אבשלום שטייט דאס דוד הט גזאגט (הי מה רבו צרי) די גאט וויא פיל מיינע בלייִדיגר זענן אונ ביי דר מלחמה פון גוג ומגוג שטייט (למה רגשו גוים) וואָרום זאלט איר שטארמן איר פעלקער עובדי כוכבים ומזלות צו מלחמה האלטן אויף די ישראל עס וועט אייך גאר ניט העלפן איר וועט ניט קענן אוים ריכטן אקעגן ישראל אונ עס שטייט ניט זער ביי

וויא

וויא פיל מייגע בעליידיגר זעגן אזו וויא עס שטייט ביי אבשלום זעהן מיר דס די זאך פון אבשלום איז שווערר פון דר מלחמה פון גוג ומגוג דר פון זעהן מיר וויא זייער איין מענש גהער צו שטראפן זיין זון כדי ער זאל נוט ארוס גיין לתרבות רעה • (ושבח גדול הוא לאדם) אונ עס איז איין גרוסר לויב צום מענשן ווען עס גייט פון אום ניט ארוס איין זון אודר איין תלמיד וואס נוט גוט איז אזו וויא מיר לערנן אונ ברכות אז די רבנים זאלען אוועק גיין פון רב חסדא פלעגן זיי זאגן דעם פסוק (אלופינו מסובלים וגו׳) קריגון דריגן רב אונ שמואל איינר זאגט (אלופינו) מיינט מען זיי זענן האבן אין דר תורה אונ (מסובלים) מיינט מען זיי זענון בלאדן מיט מצות • אונ איינר זאגט (אלופינו) מיינט מען זיי זענון הארן אונ תורה אונ אין מצות • אונ (מסובלים) מיינט מען זייא זענן בלאדן מיט יסורים אונ לערנען דאך תורה אונ טון מצות שטייט ווייטר אונ פסוק (אין פרץ) עס זאל קיין ובראך ניט זיין צווישן אונז דס אונזער חבורתה זאל נוט זיין אזו ווא די חבורתה פון שאול דאס דואג האדומי איז ארוס גגאנגן פון זיי (ואין יוצאת) אונ עס זאל פון אונזער חבורתה קיין בייז אוסגאנג נוט זיין אזו וויא עס איז גוועזן אין דר חבורתה פון דוד דס אחיתופל איז ארוס גגאנגן פון זיי (ואין צווחה) אונ עס זאל פון אונזר חבורתה נוט געהערט ווערן איין בייז גשרייא דס קיין בייזר מענש זאל נוט ארוס גיין פון אונז אזו וויא עס איז ארוס גגאנגן פון דר חבורתה פון אלישע דס גחזי איז ארוס גגאנגן פון זיי (ברחובותינו) עס זאל נוט ווערן געהערט פון אונז אונ אונזערע גאסן קיין בייז גשרייא • דאס צו אונז זאל נוט זיין אזון אודר אתלמיד וואס זאל טון בייזע מעשים (ואל ישנה אדם את בנו) אונ אמענש זאל נוט פר ענדערן זיין זון צו געבן אים עפיס מיין פון די אנדרע ברודר פון וועגן זייא זאלן זוך נוט מתקנא זיין אונ אים • אזו וויא מיר לערנן אונ מסכת שבת רבא בר מחסיא זאגט פון וועגן רב חמא בר גוריא פון וועגן רב איביג זאל אמענש נוט פר ענדרן זיין זון צווישן די אנדערע זון צו געבן אים עפיס מיין פון זיי דען פון וועגן דער וואג פון צוויי סלעים זייד וואס יעקב הט גמערט געבן צו יוסף מיין פון זיינע אנדרע זון אזו האבן זוך זיינע ברודר מתקנא גוועזן אונ אים אונ די זאך האט גורם גוועזן דאס אונזערע עלטרן האבן גדרט קיין מצרים (וצריך אדם ליזהר) אונ אמענש דארף זוך צו היטן דאס ער זאל נוט אום ציהן אמיאוס ווארט פון זיין מול פר זיין זון אונ מכל שכן דס ער זאל נוט טון אמיאוסי זאך פר זיין זון כדי זיין זון זאל זוך נוט אפ לערנן פון אים אויך אזו צו טון ווייערט ער זאל זעהן צו דר ווייטרן זיין זון פון איין מיאוסי זאך

און

אונ אויך פון אזו איין זאך וואס נאר גלייך אוז צו דר מיאוסר זאך · אפילו ווען צו צייטן דירט דר פאטר אן אונ דר מיאוסר זאך זאל ער דאך זייער היטן זיך פון צו אן רירן. דרינן פר זיין זון נייארט ער זאל גנעהינן זיין זון צו דר מדה פון די חסידים אונ זאל אום דר ווייטרן פון פיינט שאפט מוט לייטן אונ פון קנאה אונ פון קריג אונ ווען איין מענש שענט אום אודר ער שלאגט אום זאל ער פר הולין די זאך פר זיין זון כדי דר זון זאל זיך ניט אריין ברענגן אונ איין סכנה פון וועגן דר קנאה פון זיין פאטרס כבוד · מען האט גזאגט עס אוז גוועזן איין מעשה מוט איין חסיד דם ער הט זיך מתווכח גוועזן אונ גמשפט מוט זיין חבר אונ טוער פר דוא דיינים אונ זיין זון אוז אויך גוועזן ביי אום אזו הט זיין בעל דין אום גשענט אונ גלעסטערט אונ הט גזאגט צו אום די האסט אזו אונ גטאן אזו אונ ער הט גזאגט אויף דעם חסיד זייער מיאוסי אונ שענדליכע רייד · הט דער זון פון דעם חסיד דם געהערט אונ עס האט גענרימט זיין צארון דריבר אונ ער האט זיך גוואלט קריגן מוט דעם מאן זיין פאטרס בעל דין ווייל ער הט זיין פאטר אזו גשענט · וויא זיין פאטר הט דער פילט דרינן דאס זיין זון וויל זיך קריגן מוט זיין בעל דין פון זיינט וועגן הט ער גזאגט צו זיין זון מיין זון ווארום גרימט עס דיך איז אנדרש אמת די זאך אונ איך האב גוטון די בייזע מעשים וואס דיר בעל דין הט גזאגט אויף מיר ווארום זאלסטו דיך קריגן מוט אום איך האב גוטון נוט וויא רעכט אוז דרום בין איך דאך ווערט צו הערן דאס שענדונג אונ די קללות אויף מיינע בייזע מעשים וואס איך האב גוטון אונ אוב איך האב אנדרש נוט גוטון דיא בייזע מעשים וואס ער זאגט אויף מיר ווארום זאלסטו זארג האבן אויף די דברים בטלים וואס ער זאגט לאז אום גיין אונ לאז ער זאגן וואס ער וויל דען השם יתברך וואס ער ווייסט די פר בארגינע זאכן ער ווייסט דם ער זאגט פאלשע רייד אונ לוגון (וסוף דבר) דער סוף פון דר זאך אוז דם אמענש דארף זיך זעהן צו פורון מוט זיין זון מוט יסורים אונ מוט אלערלייא שטראף כדי דם קינד זאל גיין אונ גוטון וועג גייערט ווען דר נאטור פון דעם קינד אוז גוט דאס ער דארף אום נוט מדריך זיין צו גיין אונ גוטון וועג דען דאס קינד גייט פון זיך זעלבסט אונ גוטון וועג דעם דארף ער נוט צו שטראפן :

פרק נ (המלמד את בנו תורה) דר וואס לערנט מוט זיין זון תורה אוז זיין שכר גרוס אזו וויא מיר לערנן אונ קדושין רבי יהושע בן לוי זאגט ווער עס לערנט מוט זיין איינקל תורה אוז גלייך וויא ער האט די תורה מקבל גוועזן אויף דעם בארג סיני דען עס שטייט אונ פסוק דוא

זאלסט

וואלסט דו תורה צו וויסן טון צו דיינע קינדר אונ צו דיינע קינדס קינדר אונ עס שטייט דער נאך גדענק דעם טאג וואס דו ביסט געשטאנן פר גאט דיין גאט אויף דעם בארג חורב דאס איז דר בארג סיני ווייזט אונז דער פסוק ווייל ער לערנט מיט זיינע קינדר אונ קינדס קינדר תורה איז גלייך וויא ער האט די תורה מקבל געווען אויף דעם בארג סיני רבי חייא בר אבא הט אן געטראפן רבי יהושע בן לוי דאס ער האט נאך זיין נאכט הויבט אויף זיין קאפ געהאט אונ האט זיין קינד געפירט אונ שול אריין צו לערנן דען פר צייטן פלעגן די מלמדים לערנן מיט די קינדר אונ שול הט רבי חייא בר אבא געפרעגט צו רבי יהושע בן לוי ווארום האסטו דוך אזו געאיילט צו פירן דיין קינד אונ שול אריין אונ האסט פריער ניט אן גיטאן דיין רעכט היטל אויף דיין קאפ הט רבי יהושע בן לוי גזאגט צו רבי חייא בר אבא איז דען דאס איין קליינע זאך וואס עס שטייט דר ביי געשריבן ווען די וועסט מאכן וויסן די תורה צו דיינע קינדר אונ צו דיינע קינדס קינדר אזו איז גלייך וויא דו האסט די תורה מקבל געווען אויף דעם בארג סיני נוא וויא זאל איך מיך ניט איילן אזו איין מצוה צו טון פון דער צייט אן אונ ווייטר הט רבי חייא בר אבא ניט אן געביסן דאס געבראטן פלייש וואס ער פלעגט אן צו בייסן ביז ער הט פריער איבר געלערנט מיט זיין קינד דאס לערנן וואס ער האט נעכטן געלערנט אונ הט נאך איין פסוק צו געלערנט מיט אים אונ רבה בר רב הונא הט ניט אן געביסן דאס געבראטן פלייש. וואס זיי פלעגן אן צו בייסן ביז ער הט פריער זיינע קינדר אונ שול אריין געבראכט׃ (וגם הנשים) אונ אויך די ווייבר האטשי זיי זענן ניט מחויב צו לאזן לערנן זייערע קינדר האבן זייא דאך איין גוטן שכר פר דם וואס זיי במיאן זיך אונ פירן זייערע קינדר אונ בית המדרש צו לערנען אזו וויא מיר לערנן אונ ברכות די רבנים האבן געלערנט עס איז גרעסר דם פר זיכרונג וואס גאט הט פר זיכרט צו די ווייבר פון ישראל מיין וויא צו די מאנען דען עס שטייט אונ פסוק דאס דער נביא זאגט איר גריאטו ווייבר הערט צו מיין קול איר פר זיכרטע טעכטר פר נעמט מיין זאג זעהן מיר דם דער פסוק רופט זיי אן גריאטי אונ פר זיכרטע׃ רב הט גזאגט צו רב אשי דורך וואס זענן די ווייבר זוכה לעולם הבא זיי לערנן דאך קיין תורה ניט הט ער אים געענטפרט דורך דעם וואס זייא ברענגן זייערע קינדר אונ שול אריין צו לערנן אונ מאכן זייערע מאנן לערנען אין בית המדרש אונ לאזן זייערע מאנן אוועק ציהן צו לערנן אונ איין אנדרר שטאט אונ זענן מרוצה צו זיצן אליין ביז זייא וועלן קומן דורך דעם זענן זיי זוכה לעולם הבא׃ (וגרסינן) אויך לערנן מיר אונ מסכת סוטה׃

רבינא

רבינא זאגט דר זכות פון דר תורה קען מגין זיין אוף די ווייבר דאס קיין שטראף זאל נוט קומון אוף זיי איבר איין חטא · אונ ווען די וועסט מיך פרעגן זייא זענון דאך נוט גשאפט גווארן תורה צו לערנן האבון זיי דאך איין זכות פר דעם שכר וואס זיי מאכון זייערע קינדר לערנן אונ גובון רשות צו זייערי מאנן אוועק צו ציהן אונ פרעמדע שטעט צו לערנן אונווארטן בוז זיי קומן דרום צו טיילן זייא זוך מוט דעם שכר תורה פון זייערע מאנן אונ זייערע קינדר (והמגדל בנו לתלמוד תורה) אונ דער וואס אוז מגדל זיין זון צו תלמוד תורה דר פרייט אום דר זון אויף דער וועלט אזו וויא אונ פסוק שטייט איין קליינר זון דר פרייט דעם פאטר אוך שטייט אונ פסוק מיין זון ווען דיין הארץ איז קליג אזו פרייט זוך מיין הארץ אוך · אונ אויך מאכט דאס קונד דם זיין פאטר יארשת עולם הבא אזו וויא מור לערנן אונ ערבי פסחים רבי יוחנן זאגט דרייא זענון דא וואס ירשנן עולם הבא דער וואס וואנט אונ ארץ ישראל אונ דר וואס ציהט אוף זיין קינד צו תלמוד תורה אונ דער וואס מאכט הבדלה אונ מוצאי שבת איבר איין בעכר ווייון וואס ער לאזט איבר פון דעם קידוש ווין אויף הבדלה דריבר צו מאכון · (וגדול השכ׳) אונ עס אוז גרוס דער שכר ווען ער מאכט זיין זון תורה לערנן דאס די תורה ווערט נוט אוף געהערט פון זייגע קינדר אזו וויא מור לערנן אונ בבא מציעא רבי פרנך זאגט פון וועגן רבי יוחנן איטליבר ווער עס אוז אתלמיד חכם אונ זיין זון אוז אויך איין תלמיד חכם אונ זיין זינס זון אוז אוך אתלמיד חכם אזו ווערט די תורה נוט אוף גהערט פון זייגע קינדר בוז אייבוג דען אזו שטייט אונ פסוק אונ דאס אוז מיין בריתות ברית וואס אוך האב מוט די ישראל דהיינו מיין רוח הקודש וואס אויף דור ישראל אוז אונ מיינע רייד פון דר תורה וואס אוך האב גטאן אונ דיין מויל צו לערנן ווען זיי וועלון נים ווערון אפ גובון פון דיין כול אונ פון דיינע קינדערם מול אונ פון דיינע קינדם קינדרם מול אזו זאגט גאט דם פון היינט אונ ביז אייבוג וועט די תורה נוט ווערון אפ גטאן פון דיינע קינדר רב יהודה זאגט פון וועגן רב גאט זאגט אוך בון ערב אונ דער זאך דאס די תורה וועט אייבוג נוט ווערון אפ גטאן פון דיינע קינדר · רבי ירמיה זאגט ווען דרייא דורות נאך אנאנדר זענון תלמידי חכמים אזו קערט זוך די תורה אום צו איר הארבריג אונ גייט אייביג פון זייא נוט אוועק · רב יוסף האט גפאסט הונדרט אונ צוואנציג טעג · די ערשטע פערציג טעג הט מען אום גמאכט ליינן אונ חלום די תורה וועט נוט ווערן אפ גטאן פון דיין מויל די אנדרי פערציג טעג האט מען אום גמאכט ליינן אונ חלום די תורה וועט נוט ווערון אפ גטאן פון דיינע קינדרם מול די דריטע פערציג טעג הט מען אום

גמכט ליינן אונ חלום דו תורה וועט נוט ווערן אפ גטאן פון דייני קינדס קינדרס מול אזו האט רב יוסף גזאגט פון הייגט אונ ווייטר דארף איך שון מיין נוט צו פאסטן דאס דו תורה זאל בלייבן בייא מיינע קונדר דען ווען דוא תורה וועט דרייא דורות בלייבן בייא מיר אונ בייא מיינע קונדר אונ בייא מיינע קונדס קונדר אזו וועט זו זיך שון אום קערין צו אור הארבריג כלומר צוא דוא וום ווען גוואנט צו לערנן זוא אונ וועט שון נוט ווערן אפ גוטון פון מיינו קונדר (ולא עוד) אונ נוט דם אליין נייארט דער זון וואס לערנט תורה אוז מציל צו זיין פאטר פון דער שטראף פון דעם גיהנם אזו וויא דער מדרש אוז מפורש דעם פסוק שטראף דיין זון וועט ער דיך לאזון רואון אונ וועט געבון זענפטוקייט צו דיין לייב דם מיינט מען מאך לערנן דיין זון תורה וועט ער דיך מאכן רואון פון דער שטראף פון דעם גיהנם אונ וועט געבן זענפטוקייט צו דיין לייב כלומר ער וועט מאכן דם מען וועט דיך אריין ברענגן אונ גן עדן אויך האבן מיר אובון גשרובן אמעשה וויא רבי עקיבא האט אן גטראפן אטוטון מענש דם ער הט גטראגן האלץ אוף זיין אקסול צו פר ברענט ווערן דרונן אונ גיהנם (אמרו גדולה הצלת הבנים לאבות) אונזרע חכמים האבן גזאגט עס אוז גרעסר דיא הצלה וואס דוא קונדר זענן מציל זייער פאטר מיין וויא דו ה צלה וואס דיא פאטר זענן מציל צו זייערו קונדר דען דוא פאטר קענון נוט מציל זיין זייערו קונדר נאר פון דו יסורים וום אוף דר וועלט אוז אליין אונ קענן זייא מזכה זיין מוט עשירות אונ קענן זייא מזכה זיין מוט כח אונ קענן זיי מזכה זיין דאס לעבון פון דער וועלט אבר ליום הדין קענן זיי נוט מציל זיין זייערי קונדר פון דער שטראף פון דעם גיהנם אזו וויא אונ פסוק שטייט דאס גאט זאגט אונ עס קען קיינר נוט מציל זיין פון מיין האנט אברהם קען נוט מציל זיין זיין זון ישמעאל פון דעם גיהנם אונ יצחק קען נוט מציל זיין זיין זון עשו אבר דוא קונדר קענון יוא מציל זיין זייערי פאטר פון דער שטראף פון דעם גיהנם בייא גרוסו קונדר אונ ביי קליינו קונדר דהיינו גרוסו קונדר זענן מציל זייערו פאטר פון דעם גיהנם דורך זייערו גוטו מעשים · אונ קליינו קונדר זענן מציל זייערו פאטר דורך דעם וואס זייא שטארבן קליינר הייד דען האבן זייערו פאטר פול צער דרובר אונ דורך דעם צער ווערון זייערו זונד פר געבן אונ זייא קומון נוט אונ גיהנם אזו וויא אין פסוק שטייט דרום מוט דעם דאזיגן וועט ווערן פר געבן דו זונד פון יעקב אונ דם אוז דו פרוכט וום זיין זונד זאל ווערן אפ גטאן דורך דעם דאס מיינט מען דאס דעם מענשנס קונדר שטארבן דאס אוז דו פרוכט וום זיין זונד וועט אפ גטאן דורך דעם (רבי יהושע אומר) רבי יהושע זאגט דוא גוטע מדה אוז תמיד בעסר אונ גרעסר

פון

# קיצור מנורת המאור פ"נ נא

פון דער בייזר מדה נוא ווען מור זעהן בייא בייז דם דוא קונדר ווערן גוצוגן נאך זייערי פאטר אונ שטארבן אובר זייערו זונד אוז שון איין גל שפן דאס דיא פאטר ווערון גוצוגן נאך זייערו קונדר לחיי עולם הבא אונ ווערן דורך דיא ניצול פון דעם גיהנם אונ קומון צו זייא אונ גן עדן אריין אונ אזו שטייט אוך אונ פסוק אונ דייערי קונדר וועלן זעהן דאס זייערי פאטר קומון צו זייא אונ וועלון זיך פרייאן דאס לערנט אונז דם גאט גנעדיגט אוף יענר וועלט די פאטר צו די קונדר אונ ווען די פאטר זענן גוועזן רשעים אונ די קונדר זענן גוועזן צדיקים אזו גנעהנט גאט די פאטר אונ דער מחיצה פון דיא קונדר דוא צדיקים אונ אוך אזו זאגט דר פסוק וועמן גאט האט ליב דעם שטראפט ער אונ אזו וויא אפאטר מוט זיין זון מרצה זיין דם מיינט מען דם גאט בווילגט דעם זון וואס אוז אצדיק דאס ער אוז מכפר אוף זיין פאטר וואס אוז גוועזן ארשע אונ ברענגט דעם פאטר בייא דעם זון דעם צדיק לחיי עולם הבא ׳ רבי חנניה זאגט עס שטייט אונ פסוק ווען עס וועט זיך טרעפן פר דיר איין פוגל נעסט אזו זאלסטו די מוטר אוועק שוקון אונ די קונדר זאלסטו דור נעמון אונ דאס רחמנות פון גאט אוז פיל מעהר פון דעם רחמנות פון מענשן אונ ווען דוא מענשן וואס זייער רחמנות אוז ווייניג זענן זייא דאך גושאפט גווארן ווען זייא וועלן די קונדר נעמן אזו זאלן זייא דוא מוטר פרייא שוקון זעהן מור דאס די מוטר וועדט פריי דורך די קונדר מכל שכן שון דאס רחמנות פון גאט ואוז דאך פיל אזו אוז שון איין פשיטא דם דורך דעם דם די קונדר ווערן צו גנומן וועט גאט די פאטר פריי שוקון פון דר שטראף פון דעם גיהנם :

פרק נא (המלמד לבן חברו תורה) דער וואס לערנט מיט זיין חברס זון תורה אוז גליך וויא ער האט אום בשאפן אזו וויא מיר לערנן אונ מסכת סנהדרין רבי יוחנן זאגט דער וואס לערנט מיט זיין חברים זון תורה רעכינט דר פסוק אוף אום גליך וויא ער האט אום גוויגן דען אזו שטייט אונ פסוק דם זענן דוא קונדר פון אהרן אונ משה אונ עס שטייט דר נאך אונ דאס זענן דוא נעמון פון די קונדר פון אהרן דער עלצטר זון הט גהייסן נדב אונ דר אנדרר אביהוא אזו זעהן מור דם אהרן האט די קונדר גוויגן גאר וויל משה הט מוט זיי תורה גלערנט דרום זענן זיי ווארן אן גרופן אוף זיין נאמן אוך לערנון מור אונ פרק חלק רבי שמעון בן לקיש זאגט דער וואס לערנט מוט זיין חברס זון תורה אוז גליך וויא ער האט אום בשאפן דען עס שטייט אונ פסוק בייא אברהם אונ דוא נפשות וואס זייא האבן בשאפן אונ חרן האבן זייא גנומן מוט זיך מאכט דרוף דר תרגום אונ

די

דיא נפשות וואס זייא האבן אונטר טעניג געמאכט צו דער תורה אונ חרן זעהן מיר דם דער פסוק רעכנט עס גלייך וויא זייא האבן זייא בשאפן אוך לערנין מיר אונ בבא מציעא רבי איז גקימון אונ דר שטאט וויא רבי אליעזר ברבי שמעון הט גוואנט · האט ער גפרעגט דו שטאט לייט אוז געבליבן אזון צו דעם דאזיגן צדיק · האבן זייא אים גזאגט עס אוז אים געבליבן איין זון אונ איטלעכע זונה וואס ווערט פר דונגן פר פיר גולדן דונגט ווא אים פר אכט גולדן ער זאל מיט איר לוגון ווייל ער אוז זייער שיין הט רבי געהייסן ברענגן אים פר זיך אונ הט גזאגט צו אים טוא תשובה אונ האט אים מסמיך געווען מזאל אים רופן רבי אונ האט אים מוסר געווען צו רבי שמעון בן איסי בן לקוניא ער איז געווען זיין מוטערס ברודר הט ער מיט אים תורה גלערנט אונ האט אים פר שפרייט אטלית אויף זיין קאפ אזו וויא די רבנים גייען אונ האט אים אויך מסמיך געווען מען זאל אים רופן רבי כדי ער זאל זיך מתקנא זיין דרוגן וואס מען האט אים אזו חשוב געמאכט אונ זאל בגערן צו לערנן · אונ פון דעסט וועגן פלעגט ער אלע טאג זאגן איך וויל גיין אונ מיין שטאט אריין הט רבי שמעון גזאגט צו אים מען האט דיך געמאכט פר איין תלמיד חכם אונ איין גולדן קלייד הט מען פר שפרייט אויף דיר אונ מען רופט דיך רבי אונ דו זאגסט אויך וויל גיין אונ מיין שטאט האט דער זון פון רבי אליעזר גזאגט צו רבי שמעון דא שווער אויך דם אויך זאל דו רייד פר לאזון אונ ווייל זייא מיין נוט זאגן אז ער אוז גרוס געוואוען האט ער זיך גזעצט אונ דער ישיבה צו לערנן הט רבי גוהערט זיין קול אזו הט ער גזאגט דם קול אוז גלייך צום קול פון רבי אליעזר ברבי שמעון האבן דוא לייט גזאגט צו רבי דאס אוז זיין זון האט רבי גליינט אויף אים דעם פסוק דו פריכט פון דעם צדיק איז אבוים פון לעבון דם אוז רבי יוסי בן רבי אליעזר בן רבי שמעון אונ דר וואס קופט זיך נפשות דער אוז אחכם דאס אוז רבי שמעון בן איסי בן לקוניא וואס ער האט מיט אים תורה גלערנט אזו הט ער אים גוקומט צו זיך פר אזון אז דער רבי יוסי בן רבי אליעזר אוז גשטארבן האבן זייא אים גבראכט צו דער הייל וואס רבי אליעזר אונ רבי שמעון בן יוחאי זיין פאטער זענן דארטן גלעגן האט אשלאנג ארום גרונגלט דו הייל אונ הט איר ווידל געהאלטן אונ איר מול האבן זייא גזאגט צו דער שלאנג עפן דיין מויל אונ לאז אריין גיין דער זון צו זיין פאטער הט דו שלאנג ניט געוואלט עפנון איר מול האבן דו לייט גמיינט ווייל דער פאטער אוז אגרעסרר תלמיד חכם געווען וויא דר זון דרום וויל דוא שלאנג אים נוט אריין לאזן צום פאטער · אוז ארום

גגנגן

# קיצור מנורת המאור פרק נא

גגאנגן איין בת קול פון דעם הימול און האט גזאגט ווייל דער פאטער איז איין גרעסרר תלמיד חכם גוועזן וויא דער זון און וויל מען אים נוט אריין לאזן נייארט ווייל דער פאטער איז דרייצעהן יאר אונ איין דייל גוועזן אונ הט תורה גלערינט אונ דער זון איז נוט גוועסן אין דער הייל צו לערנן אונ האט דעם צער נוט גהאט דרום קען ער בייא זיין פאטער נוט בגראבן ווערן · אזו וויא מיר לערנן אין מסכת שבת דם רבי אליעזר ברבי שמעון אונ זיין פאטר רבי שמעון בן יוחאי זענן בהאלטן גוועזן דרייצעהן יאר אונ אהייל אונ האבן דארטן תורה גלערינט אונ דער צייט וואס דער מלך האט גוזר גוועזן אוף רבי שמעון מען זאל אים הארגן איין אנדערם מאל איז רבי גקומון אונ דער שטאט וויא רבי טרפון האט גוואנט הט ער גפרעגט דיא שטאט לייט איז גבלובן אזון צו דעם דאזיגן צדיק וואס ער פלעגט בגראבן זיינע קונדר כלומר ער פלעגט אלין צו שווערן בייא דעם לעבן פון זיינע קונדר האבן זייא גזאגט צו רבי קיין זון איז נוט גבלובן צו אים נאר אטאכטרס זון איז גבלובן צו אים אונ איבליבע זונה וואס זוא פר דונגט זיך פר פור גילדן דונגט זוא אים פר אכט גולדן ווייל ער איז זייער שיין הט רבי גהייסן ברענגן אים פר זיך אונ הט גזאגט צו אים ווען דו וועכט תשובה טון אונ וועסט אן הייבן תורה צו לערנן וועל איך דיר געבן מיין טאכטר האט ער תשובה גטאן אונ איז גגאנגן תורה לערנן אטייל זאגן ער האט די טאכטר פון רבי גנומן אונ דאט איר ווידר גט גגעבן אונ אטייל זאגן ער הט זיא גאר נוט גנומן כדי ביאל נוט זאגן דאס פון דעכט וועגן איז ער גגאנגן תורה לערנן כדי ער זאל גנעמון די טאכטר פון רבי · פרעגט די גמרא ווארום הט עם רבי גטאן דם ער איז ארום גפארן אונ הט גמאכט כדי דם די קונדר פון דיא חכמים זאלן תורה לערנן ענפרט די גמרא דרום הט רבי אזו גטאן דען רב יהודה דאט גזאגט פון וועגן רב אונ אטייל זאגן רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון וועגן רבי יוחנן אונ אטייל זאגן רבי שמואל בור נחמני האט גזאגט פון וועגן רבי יונהן דער וואס לערנט מיט זיין הברש זון תורה איז ער זוכה צו זוצן אין דער ישיבה של מעלה דען אזו שטייט אונ פסוק אזו זאגט גאט ווען די וועכט מאכן די ישראל אום קערון צו מור אונ צו מיין תורה וועכטו שטיין פר מור אינ דער ישיבה של מעלה אונ ווער עם לערנט מיט איין עב הארץ אזון תורה אפילו ווען גאט איז גוזר איין גזירה איז ער זו מבטל פון זיינט וועגן דען אזו שטייט אונ פסוק ווען דוא וועכט אום צוהן איין טייארו זאך פון איין פרעסר דאס מיינט מען ווען דוא וועסט מאכן אזון פון איין עם הארץ פר איין תלמיד חכם וועסטו זיין וויא מיין מויל דאס דוא

וועכט

וועסט קענן מבטל זיין וואס אוך וועל גוזר זיין : וגרסינן אוך לערנן מיר אונ פרק חלק רב יהודה זאגט פון וועגן רב ווער עס פר מייד צו לערנן איין הלכה מיט א תלמיד אוז גלייך וויא ער גזלת אום אוועק פון דער ירושה פון זייני עלטרן דען אזו שטייט אונ פסוק (תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב) דאס אוז טייטש משה האט אונז געבאטן די תורה וואס זוא אוז איין ירושה צו איין זאמלונג פון יעקב פון ששת ימי בראשית כלומר צו כל ישראל נאך האט גזאגט רב יהודה פון וועגן רב דער וואס פר מייד איין הלכה פון א תלמוד אפילו די קונדר

שעלטן אום דען
אזו שטייט אונ פסוק (מונע בר יקבוהו לאום) דאס אוז טייטש ווער עס פר מייד דוא תורה שעלטן אום די קונדר
דען
(בר) אוז טייטש די תורה אזו וויא עס שטייט (נשקו בר) וואפונט אייך מוט דער תורה דען טאמור וועט נאט צערנון אובר אייך אונ (לאום) מיינט מען דאס קונד
אוז אזו וויא עס שטייט ביי רבקה
(ולאום מלאום יאמץ) אונ איין קונד
וועט זיך שטארקן
מיין פון דעם אנדרן קונד עולא זאגט ער אוז ווערט מען זאל אום לעבערן אזו וויא אזוף דען עס שטייט אונ פסוק (יקבוהו) דאס איז טייטש לעברן וויא עס שטייט (ויקוב חור בדלתו) אונ ער האט גלעכערט אלאך אונ דר טור אביי זאגט ער אוז ווערט גלעכערט צו ווערן אזו וויא דוא כלי פון דוא וועשר וס אוז פול מוט לעבר אונ ווען ער לערנט מוט תלמידים וס פר אשכר האט ער זאגט רב ששת ער אוז זוכה צו די ברכות וואס זענן גזאגט גוואר'ן צו יוסף אזו וויא אונ פסוק שטייט ער וועט האבן די ברכות וואס זענן גזאגט גוואר'ן אוף דעם קאפ פון דעם שפייזר דאס אוז יוסף וואס ער האט דוא וועלט גשפייזט אזו וויא אונ פסוק שטייט אונ יוסף אוז דער שפייזר רב ששת זאגט ווער עס לערנט תורה מוט לייט אוף דר וועלט איז ער זוכה צו לערנן מוט לייטן אוף יענר וועלט דען אזו שטייט אונ פסוק אונ ווער עס זעט אן לייטן מוט תורה אוף דער וועלט וועט ער זייא אוך אן זעטון אוף יענר וועלט פון דעם אלימן לערנן מיר אפ דם דר וואס לערנט מיט זיין חבריש זון תורה איז זיין שכר גרוס אוף דער וועלט אונ אוך אוף יענר וועלט :

פרק נב (מי שהוא מלמד) ווער עס אוז א מלמד מוט קונדר סייא מוט מוט גרויסע אדר מוט קליינע זאל ער זייא נוט נייטען אלע צייט מוט ריטער אונ מוט שווערע יסורים נייארט אמאל זאל ער זייא נייטן אונ אמאל זאל ער זיך מאכן גלייך וויא ער וויל זייא שלאגן אונ זאל זייא

זייא נוט שלאגן אונ אמאל זאל ער זייא איין בעטון מוט גוט: רייד זייא זאלן
ווילן לערנן נאך דער נאטור גאך פון דוא תלמידים אונ נאך דער צייט נאך
ווען ער ווערט זעהן מיט וואס בעסר איז זייא איין צו נעמן אונ ראך זאל ער
אלע צייט זעהן דאס דוא תלמידים זאלן פר אים מורא האבן אזו וויא מיר
גופונגן אונ דער מסכת כתובות דאס רבינו הקדוש האט צוואה גלאזט
זיין זון רבן גמליאל וואס ער איז גוואורן אנשיא אויף זיין אורט דס ער זאל
אפארכט ווארפן אויף דוא תלמידים · אויך לערנון מור אונ פרק במה מדליקין
דאס רב זאגט דער תלמיד וואס זוצט פר זיין רבי אונ לערנט אונ זיינו ליפען
ריידון נוט מוט גרוס פארכט אזו נהערן זייא פר ברענט צו ווערן · אזו וויא
מיר האבון אובן גשריבן אונ סימן מ ז : (ונרסינן בסוטה) אויך לערנון מור
אונ דר מסכת סוטה אייביג זאל מען אתלמיד אוועק שטוסן מוט דער לונקר
האנד ווען ער טוט עפוס נוט רעכט אונ מוט דער רעכטר האנד זאל מען
אום ווידר מקרב זיין · נוט אזו וויא אלישע הנביא האט אוועק גשטוסן זיין
תלמיד גחזי מיט זיינע ביידע הענט אונ דר צייט וואס ער האט גנומן פון נעמן
דר הויבט מאן פון דעם מלך ארם צווייא צענטן זילבר אונ איין פאר קליידר
אונ אזו האט אלישע גזאגט צו גחזי איז דען היינט די צייט צו נעמן זילבר
אונ קליידר אונ אייל בוימר אונ ווין גערטנר אונ שאף אונ רונדר אונ
קנעכט אונ דינסטן פרעגט דוא גמרא הט דען גחזי גאר אזו פיל זאבן גנומן
ער האט דאך גאר גנומן צווייא צענטן זולבר אונ איין פאר קליידר זאגט רבי
יצחק אונ דער צייט האט אלישע עוסק גוועזן אונ פרק שמונה שרצים וואס
אין דער מסכת שבת שטייט אזוי איז גחזי געקומען אונ האט זוך
גשטעלט פר אלישע הט אלישע גוזאגט צו איהם רשע איז דען היינט
גקומן דוא צייט וואס די בנערשט צו נעמן אויף דער וועלט דעם שכר פון דר
תורה וואס די האסט גלערנט אונ פרק שמונה שרצים דרום רעכנט דר פסוק
אבטערלייא זאכן אקעגון דוא אכט שרצים אונ דרום זאל דאס צרעת פון
נעמן זוך בהעפטן אונ דור אונ דם שטייט אונ פסוק אונ פור מאנן זענן גוועון
מצורעים אונ זענן גזעסן פון אויסן ווייניג בייא דעם טויער פון דער שטאט
שומרון זאגט רבי יוחנן דאס איז גוועון גחזי מוט זייני דרייא זון דען אמצורע
האט נוט גטארט וואנון צווישן לייטן אויך שטייט אונ פסוק אין אלישע הנביא
איז גגאנגן קיין דמשק זאגט רבי יונתן ער איז גגאנגן אהין ער זאל גחזי
מחזיר בתשובה זיין אונ ער האט נוט גוואלט חוזר זיין דען ער הט גזאגט צו
אלישע איך האב גלערנט פון דור ווער עס זינדוגט אונ מאכט לייטן אויך
זינדיגן אזו דער לאזט מען אום נוט פון דעם הימל ער זאל תשובה טון

פרעגט

פרעגט דוא גמרא וואס הט גחזי דען גטאן אטייל זאגן ער הט אונ דעם הויז וויא דוא גולדינע קעלבר זענן גשטאנן וואס ירבעם בן נבט הט זייא גמאכט פר איין דמות כוכבים ומזלות האט ער אונ דעם הוז איין גזעצט איין מאגנט שטיין איבר די קעלבר וואס דם שלעפט צו זיך אייזן אונ האט גמאכט דם דיא קעלבר זענן גבליבן שטיין אונ דער לופטן אונ דרום האבן זיך לייט טועה געווען אונ זייא אונ האבן גמיינט דם עס איז איין ממש אונ זייא וייל זיי הענגן אין דער לופטן פון זיך זעלברט דען זייא האבן נוט גוויסט דם אמאגנים שטיין איז איין גזעצט אונ באלקן אובר זייא אונ אטייל זאגן ער האט אויס גקרוצט איין שם אוף דוא לופין פון דוא קעלבר אונ זייא האבן דורך דעם גקענט ריידן אונ האבן גזאגט (אנכי ה׳ אלהיך) אונ (לא יהיה לך אלהים אחרים) אונ דרום האבן זיך לייט טועה געווען אונ זייא וייל זייא האבן גמיינט דאס דיא קעלבר קענן ריידן פון זיך זעלברט אונ האבן זייא דרום גדונט אזו האט ער גמאכט פיל לייט זונדיגן אונ אטייל זאגן ער האט די רבנים אוועק גשטוסן וואס זעין גקומן לערנן בייא אלישע אונ האט גמאכט דאס פיל לייט האבן קיין תורה נוט גלערנט דען עס שטייט וויא גחזי איז אוועק פון אלישע אזו זענן גקומן דוא תלמידים צו אלישע אונ האבן גזאגט צו אום נון דם אורט וואס מיר זיצן אונ לערנן פר דיר איז צו ענג פר אונז וייל פיל תלמידים זענן צו גקומן אבר פרויער כל זמן גחזי איז געווען איז פר זיי ניט ענג געוועזן דען ער האט אוועק גשטוסן דוא תלמידים פון צו קומן לערנן בייא אלישע :

פרק נג (כל קהל) איטלעכם קהל זענון גבאטן צו שטעלן צווישן זיך מלמדים דאס זיי זאלון קענן מוט די קינדר לערנן אונ מען זאל זייער גזהר זיין דם די קינדר זאלון לערנן דען דורך דעם דאמפ וואס גייט ארוס פון זייער מויל בשעת זיי לערנן הט די וועלט איין קיום אזו וויא מיר לערנן אונ שבת רבי שמעון בן לקיש זאגט פון וועגן רבי יהודה הנשיא די וועלט הט מער קיין קיום נוט נאר דורך דעם דאמפ וואס גייט ארוס פון די קליינע קינדר בשעת אז זייא לערנן הט רב פפא גפרעגט צו אביי דער דאמפ וואס גייט ארוס דורך מיין לערנן אונ דורך דיין לערנן וואורום איז עס ניט אזו גוט וויא דר דאמפ וואס גייט ארוס פון די קינדרם לערנן הט אביי גזאגט צו אום עס איז נוט גלייך דער דאמפ וואס גייט ארוס פון אגרוסן מענש וואס הט שון געזינדיגט צו דעם דאמפ וואס גייט ארוס פון אקינדי וואס הט נאך נוט גזינדיגט · נאך הט גזאגט רבי שמעון בן לקיש פון וועגן רבי יהודה הנשיא אוך האב אזו בקבלה פון מיינע עלטרן דם מען איז נוט מבטל קליינע קינדר פון זייער לערנן אפילו צו בויען דם בית המקדש נאך האט

האט גזאגט רבי שמעון בן לקיש פון וועגן רבי יהודה הנשיא אשליבע שטאט וואס קיין מלמדים זענען ניט אין איר וואס לערנען מיט קינדר אזו מכט מען זי חרוב רבינא זאגט מען אז זוא מחרים אויך זאגן מיר דארטן רב המנונא זאגט ירושלים איז מיין ניט חרוב געווארן נאר וויל זיי האבן זייערי קינדר מבטל געווען פון לערנען דען אזו שטייט אין פסוק (שפוך על עולל מחוץ) דאס איז טייטש גאסם צארן איז ווארין פר גאסן אויף ירושלים וויל די יונגע קינדר זענען געווען אויף דער גאס און האבין ניט געלערנט · און ווען דיא מלמדים לערנן ערנסט מיט די קינדר לשם שמים איז זייער שכר גרוס אזו וויא מיר לערנן אין פרק סדר תעניות רבא האט גוזר תענית געווען וויל קיין רעגן איז ניט געגאנגן איז איין מלמד גקומן איין חזן צו זיין אזו באלד וויא ער האט גזאגט (משיב הרוח) הט איין ווינד אן גהובין צו וויאן און וויא ער האט גזאגט (מוריד הגשם) האט רעגן אן גהובין צו גיין האט רבא אים גפרעגט וואס איז דיין טון וואס דיין תפלה איז אזו באלד גהערט געווארן הט ער גזאגט איך בין איין מלמד פון קינדר און איך לערן מיט די ארימע קינדר אזו וויא מיט די רייכע קינדר און וועלכר עס פי׳ מאגט מיר ניט צו צאלין אזו נעם איך פון אים גאר ניט און לערן מיט זיין קינד אום זיסט · און איך האב פיש און וועלכס צווישן די קינדר וויל ניט לערנען שענק איך אים פיש און בעט אים אזו לאנג ביז ער לערנט · (וגרסינן) אויך לערנן מיר אין בבא בתרא עס שטייט אין פסוק און די וואס מאכן גרעכט לייטן די וועלין שיינן אזו וויא די שטערן ביז אייביג און אייביג דאס זענן דיא מלמדים וואס לערנן ערנסט מיט די קינדר און געווייגן זיי צו גיין אין גוטן וועג · פרעגט די גמרא ווער איז אזו איין ערינסטר מלמד · זאגט רב אזו וויא רב שמואל בר שילת ער האט מיט דיא קינדר ערנסט געלערנט און הט זיי גוויינט צו גיין אין גוטן וועג · רב הט איין מאל אן גטראפן צו רב שמואל בר שילת דם ער איז גשטאנען אין זיין גארטן הט רב גזאגט צו אים דו האסט שון אוועק גלאזן דיינע נאמנות וואס דו פלעגסט צו לערנן מיט די קינדר באמונה און פלעגסט תמיד זיצן ביא זייא וואס דו שטייסט היינט אין דיין גארטן און לערנסט דר וויל ניט מיט די קינדר · האט רב שמואל גזאגט צו רב עס איז שון צוועלף יאר דאס איך האב דעם גארטן ניט גזעהן · פרעגט די גמרא די גרוסע תלמידי חכמים וואס זיצן און לערנן וואס איז זייער שכר · זאגט רבינא אויך זיי זאגט דער פסוק און גאטס ליב האבר וועלין שיינן אזו וויא די זון ווען זוא גייט ארוס מיט איר שטארקייט :

פרק

פרק נד (לעולם וגו׳) איביג זאל איין מענש זיין גשווינד אונ איילענדיג
צו אוף שטיין אונ דר פריא פון זיין בעט אן פוילקייט צו לובן
צו גאט יתברך אוף זיינע חסדים וואס ער הט גטאן מיט אים דאס ער הט
אים אום גקערט זיין נשמה וואס ער הט זי בהאלטן אונ גאטס האנד אונ
הט אים מציל גוועזן פון די בייזע טרעפונג וואס זענין אן גבריים צו קומן
אונ שלאף דאס ער איז נוט אנשלאפן גווארין ביז איביג אונ אויך פון די
בייזע בגעגונג וואס זענין אן גברייט צו קומן ביא נאכט מיין וויא ביי טאג
אונ דאס ער הט פר ביטן זיין כח דען ווען דער מענש לייגט זיך איז ער מיד
פון דער ארבייט פון ביי טאג אונ ווען ער שטייט אוף אונ דער פריא איז ער
ווידר פריש אונ געזונד אונ דורך דעם וואס דער מענש וועט דיא
אלע זאכן גדענקן אזו וועט זיך בגייאן אונ זיין הארץ אלע פריא דאס
ליבשאפט פון גאט יתברך אונ ווען ער איז נאך שלעפריג זאל ער זיך טראכטן
אין זיין הארץ דאס ווען איין מענש זאל אים רופן אפילו נאר צו פר דינן
איין גולדן אזו וואלט ער דאך אוף גשטאנן אונ דר גיך אפילו ווען ער זאל
נאך זיין גאנץ שלעפריג נוא וואס גהער ער שון צו טון פון ווען דר דינסט
פון השם יתברך׳ אויך זאל דער מענש מורא האבן פר דעם וואס אונזרי
חכמים האבן גזאגט אונ מסכת אבות רבי דוסא בן הרכינס זאגט דר שלאף
וואס דער מענש שלאפט אונ דער פריא ביז ער איז עובר קריאת שמע
אונ דער ויין וואס דר מענש טרינקט אינ מיטן טאג אונ שיכרת זיך אן
אונ פר ברענגט זיין צייט אינ טרונקן׳ אינ דם וואס דער מענש רעט אונ
שפילט זיך מיט די קינדר אונ דער וויל לערנט ער נוט די זאכן ציהן אום
דעם מענשן פון דר וועלט אינ מאכן דם ער שטארבט פר זיין צייט אונ
ווען דר מענש וועט די זאכן גדענקן אזו וועט ער אוף שטיין פריא צו גאטס
דינסט צו גיין תפלה טון אינ דורך דעם וועלין גמערט ווערן זיינע טעג
אזו וויא מיר לערנן אינ ברכות מען הט גזאגט צו רבי יוחנן עס זענן דא
אלטע לייט אינ בבל הט ער זיך פר וואונדרט אינ האט גזאגט עס שטייט
דאך עס וועלין גמערט ווערן אייערע טעג אוף דער ערד דאס איז גמיינט
אין ארץ ישראל אבר נוט אינ חוץ לארץ דר נאך האבן זיי אים גזאגט זייא
גייאן פריא אונ פר נאכט אינ שול אריין אינ זומין זיך דארטן הט רבי יוחנן
גזאגט דר זכות הט עס זיי גהאלפן דאס זיי לעבן לאנג דען רבי יהושע בן
לוי האט גזאגט צו זיינע קינדר גייט פריא אונ פר נאכט אינ שול אריין כדי
איר זאלט לאנג לעבן דען עס שטייט אינ פסוק וואל דעם מענשן וואס
הערט צו צו מיר צו קלאפן אוף מיינע טורן אלע טאג צו היטן דיא ביא
שטיר לך

# קיצור מנורת המאור פנ״ד

שטידלך פון מיינע טורון פון דער שול און עס שטייט דער נאך דען דער וואס טוט דם דער וועט לאנג לעבון (ובקדימה הזאת) און מיט דעם האבן זיך באריממט גרוסע תלמידי חכמים דם זיי זענן פריא גגאנגן און בית המדרש אזו וויא מיר לערנן און מסכת סוכה די רבנים האבן גלערנט עס איז געווען אמעשה מיט רבי אליעזר דם ער הט שבת גהאלטן און גליל העליון · האבן זיי אים גפרעגט דרייסיג הלכות סוכה אבטצעהן הלכות הט ער זיי גזאגט אז ער הט זיי געהערט פון זיין רבי און צוועלף הלכות האט ער זיי גזאגט אז ער האט זיי נוט געהערט פון זיין רבי · האבן זיי גזאגט צו אים רבי אלע דיינע רייד זענון דען נוט מיין נאר די וואס די האסט געהערט פון דיין רבי און די אליין קענסט דען נוט קיין תורה זאגון האט ער גזאגט זיי אור נייט מוך אוך זאל אייך זאגן דם וואס איך האב נוט געהערט פון מיין רבי אזו וועל איך דר ציילון מיינע מדות און דאס איז איינע פון מיינע מדות דאס איך האב נוט גזאגט קיין זאך וואס איך האב נוט געהערט פון מיין רבי און פון מיין לעב טאג אן בין איך תמיד געווען דר עירשטער און בית המדרש און איך האב נוט גשלאפן און בית המדרש און איך בין תמיד צום סוף ארוס גגאנגן פון דעם בית המדרש און איך האב קיין מאל נוט גרעט קיין לערע רייד · מען הט גזאגט אוף רבי יוחנן בן זכאי דם ער הט פון זיינע לעב טאג אן נוט גרעט קיין לערע רייד און איז נוט גגאנגן פיר איילון אן תורה און אן תפילין און קיין מיינש הט אים נוט גפעדרט צו קומון פר אים און בית המדרש און ער האט קיין מענש נוט איבר גלאזן אין בית המדרש און איז ארוס גגאנגן נייארט ער איז תמיד צום הינטרשטן ארוס גגאנגן פון דעם בית המדרש · און ער הט קיין מאל נוט גשלאפן אין בית המדרש נוט קיין רעכטן שלאף און אפילו נוט גדרימלט און קיין מענש האט אים נוט גפינן ער זאל זוצון און שוויגן נייארט ער איז תמיד געווען און האט גלערנט און קיין מענש האט נוט געפנט די טיר צו זיינע תלמידים נאר ער אליין און ער האט קיין מאל נוט גזאגט אזאך וואס ער הט נוט געהערט פון זיין רבי און ער הט קיין מאל נוט גזאגט עס איז גקומן די צייט מען זאל אוף שטיין פון צו לערנען נאר אום ערב פסח פלעגט ער זאגן עס איז שון צייט צו אוף הערון לערנן ווייל מען האט גדארפט מקריב זיין דעם קרבן פסח און אום ערב יום כיפור הט ער אוך גהייסן אוף הערן צו לערנן ווייל מען מוז אפ עסון פר נאכט און אזו האט זיך רבי אליעזר זיין תלמיד אויך נוהג געווען · (ואם לא יוכל להשכים ראשון) און ווען ער קען זיך נוט פעדרן צו זיין דר ערשטער און שול זאל ער על כל פנים זיהן

צו געציילט ווערן פון די ערשטע צעהן וואס קומן אונ שול דען וועט ער
געמון שכר אקעגן אלע די וואס קומן נאך די צעהן אזו וויא מור לערנן
אין פרק שלשה שאכלו רבי יהושע בן לוי זאגט אייביג זאל זיך אמענש
פעדרן צו קומון אונ שול כדי ער זאל געציילט ווערן מוט די ערשטי צעהן
וואס קומן אונ שול דען ווען אפילו הונדרט מענשן קומון נאך אום נעמט ער
שכר אקעגן אלע (ויש ימים) אונ עס זענין דא טעג וואס זייא זענן אפ געשייד
פון דעם גאנצן יאר דאס אופט מאל גייט מען פריא אונ שול אריין אונ אופט
מאל שפעט אזו וויא מור לערנן אונ מגילה די רבנים האבון גלערנט אום
יום טוב גייט מען שפעט אונ שול אריין ווייל מען דארף אן גרייטן די סעודה
פון יום טוב אונ מען גייט פרייא ארום כדי מען זאל צייט האבן זיך
משמח צו זיין לכבוד יום טוב אונ אום שבת גייט מען פריא אינ שול אריין
ווייל מען האט אלץ אן גגרייט פון ערב שבת אונ מען גייט ווידר פריא ארום
כדי מען זאל צייט האבון צו אן טון זיך איין עונג שבת אונ אום יום כיפור
גייט מען פריא אונ שול אריין אונ מען גייט שפעט ארום (ובכל יום כשילך
לבית הכנסת) אונ אין איטלעכן טאג אז ער גייט אונ שול אריין זאל ער
איילן זיינע פוס צו גיין געשווינד אפילו אום שבת דם מען טאר נוט מאכן
קיין גרוסע טרוט אבר אונ שול אריין מעג ער גרוסע טרוט מאכן אונ ווען
ער גייט ארום פון דר שול זאל ער נוט איילן צו גיין אזו וויא מור לערנן
אין ברכות רבי חלבו זאגט דער וואס גייט ארום פון דר שול זאל ער נוט
מאכון קיין גרוסע טריט ווייל עס ווערט אן גזעהן דם דאס פר זומונג זאונ
שיל אוז אום וויא איין משא דרום איילט ער ארום צו גיין אבר ווען ער גייט
אונ שול אריין זאל ער געשווינד לופון דען אוז שטייט אונ פסוק אונ מיר
וועלון וויסון אונ וועלון לופון אונ די שולון צו וויסן גאט רבי זירא זאגט
צום ערשטן אז איך האב גזעהן די רבנים זענן גלאפן צו דער דרשה אום
שבת האב איך גמיינט זיי זענון מחלל שבת ווייל מען טאר אום שבת נוט
לופון דער נאך אז איך האב געהערט לערנן דם אונ שול אריין אוז איין מצוה
צו לופן אפילו אום שבת בון איך אויך גלאפן אונ שול אריין אום שבת ·
(ואל ילך אדם לבית חבירו) אונ איין מענש זאל נוט גיין אונ זיין חברס
הויז צו געבון אום שלום איי ער טוט תפלה · רב אידי בר אבין האט
גזאגט דער וואס טוט פריער תפלה אונ דר נאך גייט ער אונ וועג אריין נאך
זיין האנדל שאפט טוט אום גאט זיין באגער דען אזו שטייט אונ פסוק דאס
גרעכטיקייט דאס אוז די תפלה זאל גיין פר אום אונ דער נאך זאל ער טון
צום וועג זיינע טריט צו זיין משא ומתן אזו וועט אום גאט באגליקן (וקודם



שיתפלל

שיתפלל) אונ איי דער מענש טוט תפלה זאל ער זיך בודק זיין אוב ער דארף נקבים האבין אונ ווען ער דארף נקבים האבין זאל ער קיין תפלה ניט טון ביז ער זאל פריער נקבים האבין אזו וויא אונ פרק מי שמתו שטייט מיר האבין גלערנט ווען איינר דארף נקבים האבין זאל ער קיין תפלה ניט טון ביז ער זאל פריער נקבים האבין אונ ווען ער הט אבר יוא פריער תפלה גטאן איז זיין תפלה קיין תפלה ניט אונ איין טייל האבין אזו גלערנט ווען ער הט יוא פריער תפלה גטאן פר די נקבים איז זיין תפלה אוך ווערדיג׳ (וגם יבדוק בבגדיו) אונ אויך זאל ער בודק זיין אונ זיינע קליידר דאס זייא זאלין זיין ריין אזו וויא מיר לערנן אונ מסכת שבת רבה בר רב הונא האט זיך אן גטאן שיינע ריינע שוך אונ האט תפלה גטאן׳ (ואל יתעסק שום דבר עד שיתפלל) אונ דר מענש זאל ניט פר זרגן קיין שום זאך ביז ער זאל פריער תפלה טון אזו וויא מיר לערנן אונ ברכות רבי יוסי בר חנינא זאגט וואס מיינט עס דער פסוק איר זאלט ניט עסן אויף דעם בלוט דאס מיינט מען איר זאלט ניט יסן ביז איר זאלט פריער תפלה טואון אויף אייער בלוט:

פרק נה (כשהיה בית המקדש קיים) אז דער בית המקדש איז גשטאנן אונ דיא קרבנות פון די ישראל זענין מקריב גוואר‍ן אויף דם מזבח אזו וויא אונ דער תורה שטייט אזו זענן דוא ישראל דורך דעם זכות פון דער תורה אונ דורך דעם זכות פון די קרבנות ניצול גווארן פון דר שטראף פון דעם גיהנם אונ פון די מלכיות עובדי כוכבים ומזלות דאס זיא האבן קיין גלות ניט גהאט אזו וויא מיר לערנן אונ דר פסיקתא רבי שמעון בר אבא זאגט פיר זאכין הט גאט געוויזן צו אברהם אבינו אונ דאס זענן זייא תורה אונ קרבנות אונ גיהנם אונ גלות דאס ערשטע הט אים גאט געוויזן איין פלאם פייאר דם איז גמיינט די תורה דאס זי איז גגעבן גווארן פון צווישן פייאר אונ זי איז אויך געגליכן צו פייאר׳ דאס אנדרע הט אים גאט געוויזן איין קאלב דאס הט געוויזן אויף די קרבנות וואס די ישראל וועלין מקריב זיין דם דריטע הט אים גאט געוויזן איין אויסגהייצטן אובין מיט רויך דאס הט געוויזן אויף דעם גיהנם דאס פערדע איז דאס איין גרויסע פארכט אונ איין פינסטרניש איז גקומין אויף אברהם דאס האט געוויזן אויף דעם גלות פון ישראל הט גאט גזאגט צו אברהם כל זמן דיינע קונדר וועלין עוסק זיין אונ דיא ערשטע צווייא זאכין דהיינו אונ תורה אונ אין קרבנות אזו ווערין זיי ניצול ווערין פון די אנדערע צווייא זאכין דהיינו פון דעם גיהנם אונ פון דעם גלות נאר לסוף ווען דאס בית המקדש חרוב ווערין אזו וועלין די

קרבנות

קרבנות בטל ווערן · נוא אונ וואס ווילסטו דס דיינע קינדר זאלן גשטראפט ווערין אויך זייערע זינד צו איין גיהנם אודר אונ גלות זאגט רבי חנינא בר פפא אברהם האט זוך אוס גקליבן דאס גלות דס זיינע קונדר זאלון בעסר קומין אונ גלות צו אפ צו קומין זייערע זינד אונ נוט אונ גיהנם דאס זאגט דער פסוק האט העון נוט אייער שטארקר שטיין אייך איבר גענפרט צו גיין אין גלות דאס מיינט מען אברהם דס ער אוז גוועזן שטארק אונ גאטס דינסט אזו וויא אשטיין · אונ הקב"ה הט אויך מסכים גוועזן מוט אברהם דאס דוא ישראל זאלון בעסר קומין אונ גלות אונ נוט. אונ גיהנם · אונ דו איינענע רייד שטייאן אוך אונ מדרש רבה · (ולפי שאין לנו מזבח וקרבנות) אונ וייל מיר האבון היינט נוט קיין מזבח אונ קיין קרבנות אזו אוז אונז מיין נוט גבליבן נאר דו רייד פון אונזערע לעפצן וואס מור לובון מוט זיי אונזער בשעפר אונ דאס הייסט גאט געדינט אונ הארצן דען ווען דר מענש לובט גאט אזו כוונ דאס הארץ דו רעכטע כוונה האבין דרוך זונסט אוז זיין לוב בייא גאט נוט אן גנומון אונ אין דער צייט וואס מור לייגען אונ דו פרשה פון קרבנות אזו איז גלייך וויא מור האבן דו קרבנות מקריב גוועזן אוף דעם מזבח אזו וואס מור לערנן אונ מסכת מגילה · עס שטייט אונ פסוק דס אברהם האט גזאגט צו גאט (במה אדע כי אירשנה) מיינט מען אזו אברהם האט גזאגט צו גאט רבונו של עולם טאמר וועלון מיינע קינדר זינדיגן פר דור אזו וועסטו טון צו זיי אזו וויא דו האסט גטאן צו דו לייט פון דעם דור המבול דאס דו האסט זייא פר פלייצט · אונ אזו וויא דו האסט גטאן צו דו לייט פון דעם דור הפלגה דס דו האסט זיי פר שפרייט אוף דער גאנצר וועלט · הט גאט גזאגט ניין איך וועל דיינע קינדר נוט אזו שטראפן האט אברהם גזאגט לאז מיך וויסון דורך וואס פר איין זכות וועלון מיינע קינדר ניצול ווערון ווען זיי וועלון זינדיגן פר דור האט גאט גזאגט דורך דעם זכות וואס זייא וועלן מקריב זיין קרבנות האט אברהם גזאגט רבונו של עולם יוא עס איז רעכט ווען זיי וועלון האבון דעם בית המקדש אזו וועלון זיי קענון קרבנות מקריב זיין ווען אבר דר בית המקדש וועט חרוב ווערון וואס פר איין זכות וועלן זייא האבון הט גאט גזאגט אוך האב זיי שון מתקן גוועזן דעם סדר פון דו קרבנות דאס ווען זיי וועלון לייגון אונ זיי אזו וועל איך אוך ברעננן אויף זייא גלייך וויא זייא זענון מקריב פר מיר קרבנות אונ וועל זייא מוחל זיין אלע זייערע זינד · דען אז דער בית המקדש אוז גשטאנען אונ דוא ישראל האבון גזינדיגט אזו האבון זייא גבראכט איין קרבן איז פר געבין גווארן זיי זייערע זונד אונ ווען איין כהן משיח הט געזינדיגט הט ער גבראכט איין

קרבן

# קיצור מנורת המאור פנ״ה נו

קרבן איז פאר געבון געוארן צו אום זיין זינד אבר מיר האבן היינט נוט
קיין קרבנות צו ברענגן זאגט גאט צו די ישראל עס שטייט דאך אין דער
תורה ווען דאס גאנצע איין זאמלונג פון ישראל וועלן זינדיגן בשוגג אזוי
זאלן זיי ברענגן איין קרבן זאגן די ישראל מיר זענען ארימע לייט מיר האבן
קיין געלד נוט קרבנות צו ברענגן זאגט גאט צו זייא איך באגער פון אייך
נאר גוטע רייד אזו וועל אוך אייך מוחל זיין אלע אייערע זינד · זאגן דיא
ישראל צו גאט מיר וייסון נוט תורה צו לערנען זאגט גאט ישראל קומט אונ
טוט תפלה פר מיר אזו וועל אוך אייער תפלה אן נעמן אונ וועל אייך מוחל
זיין אוף אלע אייערע זינד · (והתפלות כנגד התמידים תקנום) אונ דיא
תפלות וואס מיר טואן אלע טאג דם האבן אונזערע חכמים אונז מתקן געוועזן
אקעגן די קרבנות תמידים וואס מען פלעגט אלע טאג מקריב זיין אונ בית
המקדש אזו וויא מיר לערנען אונ פרק תפלת השחר דם די אבות האבן די
תפלות מתקן געווען · דהיינו אברהם האט מתקן געוועזן תפלת שחרית יצחק
האט מתקן געוועזן תפלת מנחה · יעקב האט מתקן געוועזן תפלת ערבית :

פרק נו (חייבין בכל קהל לקהל למנות להם שליח ציבור הגון) איטלכם קהל זענען מחויב צו אויף נעמען צו זיך איין חזן וואס איז ראוי צו זיין אחזן
אונ זייא זאלון זוכון צו אויף נעמן אזו אמענש וואס זאל זיין ליידיג פון
עבירות אונ דאס זייני יונגע יארן זענען געוועזן שיין אן אשם רע אונ איז איין
עני אונ איז מרוצה צום פאלק צו זיין אחזן אונ האט איין געשמאק אונ
זום קול אונ קען לערנען (נישט אזו וויא היינט וואס מען קוקט נוט דר חזן
זאל זיין אפרומר יוד אבי ער זונגט שיין · וויא ווייא אובר דעם האלט מען
אוף דאס גלות) אזו וויא מיר לערנען אונ פרק סדר תעניות די רבנים האבן
געלערנט ווען זייא האבן זיך געשטעלט תפלה טון אוף רעגן האטשי עס איז
געוועזן צווישן זייא איין זקן אונ איין חכם האט מען דאך נוט געשטעלט פר
דעם עמוד נאר אזו אמענש וואס איז געווינטליך צו דאווענען אונ דאס זיין
תפלה איז געווינטליך אונ זיין מול דם ער זאל זיך נוט טועה זיין דען ווען
אחזן איז זיך טועה אונ דער תפלה איז נוט קיין גוטער סימן פר דעם
קהל רבי יהודה זאגט מזאל נעמן אזעלכן וואס האט פול קינדער אונ
האט נוט מוט וואס זייא מפרנס צו זיין דען וייל זיין הארץ איז בזארגט
וועט ער עריגסט תפלה טון אוף ישראל מוט זיין גאנצן הארצן :
(במסכת ברכות) אונ דער מסכת ברכות שטייט מען האט גזאגט אוף רבי
חנינא בן דוסא דם ער פלעגט תפלה טון פר קראנקי לייט אונ פלעגט
זאגן דער חולה וועט לעבן אונ דער וועט שטארבן האט מען אום געפרעגט

פון

פין וואנון ווייסטו עס האט ער גזאגט ווען מיין תפלה גייט גשווקט אונ גשווינד ארום פון מיין מול אזו וויים איך דם מיין תפלה ווערט אן גנומון אונ דער חולה וועט לעבן ווען אבער ניט אזו וויים איך דם די תפלה ווערט ניט אן גנומן פרעגט די גמרא פון וואנן ווייסן מיר עס פון דעם פסוק א"וס דאס מען קען אן הענגן דרונן זאגט רבי חייא בר אבא פון וועגן רבי יוחנן עס שטייט אונ פסוק ווען גאט בשאפט אום דוא רייד דאס ער קען גשווינד רעדן אונ זיין תפלה אזו ווייזט עס אוף שלום אונ מען זאגט נוט קיין קדיש ווען קיין צעהן לייט זענון נוט איין גזאמילט אין איינם אזו וויא מיר לערנן אין פרק הקורא את המגילה רבי חייא בר אבא זאגט פון וועגון רבי יוחנן עס שטייט אין פסוק אוף וועל גהייליגט ווערן צווישען די קונדר ישראל דאס מיינט מען ווען מען דארף זאגן אזאך פון הייליגקייט דהיינו תפלה אודר קדיש זאל נוט זיין ווייניגור פון צעהן לייט דען צווישן צעהן לייט פון ישראל רואוט די שכינה אזו אוז די קדושה גאנץ אונ מען הט מתקן גוועזן צו זאגן דעם קדיש אויף תרגום לשון ווייל דוא מלאכים פון דעם הימל פר שטייאן נוט קיין תרגום לשון נאר דוא דרייא גרוסו שרים וואס זענין גזעצט ממליץ צו זיין גוטס צווישן ישראל אונ צווישן זייער פאטר וואס אונ הימל אוז אונ כדי די אנדרע מלאכים זאלן נוט פר שטיין אונ זאלון נוט מקטרג זיין אוף ישראל דרום זאגט מען אום אוף תרגום לשון אונ דם ציבור זאל ענפרן מיט כוונה (אמן יהא שמיה רבא מברך) אזו וויא מיר לערנן אונ מסכת שבת רבי יהושע בן לוי זאגט ווער עס ענפרט (אמן יהא שמיה רבא מברך) מוט כח כלומר מוט כוונה ווען ער האט אוף זוך אפילו אביין גזר דין צו רייסט מען אום נאך האט גזאגט רבי יהושע בן לוי דר וואס ענפרט (אמן יהא שמיה רבא מברך) מוט זיין גאנצר כוונה עפענט מען אום אוף דוא טורון פון דעם גן עדן דען אזו שטייט אונ פסוק עפונט איך אור טורון אונ לאז אריין קומון דם גרעכטע פאלק וואס הוט צו זאגן רעכט אמן מיט כוונה זאגט רבי חנינא אמן מאכט אל מלך נאמן דאס מיר ישראל זאגן דער מיט עדות דאס גאט אוז איין בגלייבטער מלך אוך ווער עס ענפרט אמן אוף דער וועלט אוז ער זוכה צו ענפרן אמן אוף יענר וועלט אונ דער מענש זאל זיין גהוט דם ער זאל ניט מפסיק זיין אונ קדיש צווישן יהא שמיה רבא אונ צווישן מברך אוך שטייט אין דער גמרא אמעשה וויא רבי יוסי אוז גגאנגן אונ איין חורבה אריין אונ האט דארטן תפלה גוטון האט אום אליהו הנביא בגעגינט אונ האט אום גפרעגט וואס פר אקול האסטו גהערט אונ דער חורבה האט רבי יוסי גזאגט אוך האב גהערט אקול דם עס האט טרוריג גברומט אזו וויא

אטויב אונ האט גזאגט וויא צו מיר דאס איך האב הריב גמאכט מיין הויז אונ האב פר ברענט מיין פאלויץ אונ האב פר טרובון מיינו קונדר אונ גלות אריין האט אליהו גזאגט צו אום מיין זון נוט דו שעה אליין האט דאס קול אזו גזאגט נייארט אלע טאג דרייא מאל זאגט דאס קול אזו :

פרק נז לעולם יהא אדם זהיר בקריאת שמע וברכותיה) אייביג זאל דר מענש זיין גהיט קריאת שמע צו זאגון מיט דיא ברכות וואס ווערן גזאגט פרור אונ דער נאך דען עס איז אונ אור דא צווייא הונדרט אכט אונ פערציג ווערטר אזו פול וויא דיא צאל פון דעם מענשנם גלידער זענין אונ (ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד) איז גרעכנט דרונון זאגט הקב"ה ווען דוא וועסט הוטון מיין קריאת שמע צו לייאנון זוא אונ אור צייט וועל איך הוטון אלע דיינע גלידר איך לערנון מיר אונ ספרי ווארום האט מען מתקן גווען צו ליינון קריאת שמע פרוא אונ נאכט וייל הקב"ה האט גזאגט צו ישראל דיא ספר תורה זאל נוט ווערן אפ גטאן פון דיין מול אונ די זאלסט ריידון דרונון טאג אונ נאכט אונ האט ווידר גזאגט זעקם טאג אונ דער וואך זאלסטו טון אמלאכה זוך מפרנס צו זיין מוט אור נוא וויא קענון דוא ביידע פסוקים מקוים הערון דען ווען איך וועל טאג אונ נאכט תורה לערנן וויא אזו וועל איך קענן אמלאכה טון דרום האט גאט מתקן גווען צו זייא צו ליינון קריאת שמע פרוא אונ אוף דער נאכט דען דער וואס ליינט קריאת שמע איז גליך וויא ער ליינט דיא גאנצע תורה · עס איז אמשל צו איין מלך דם ער האט גגעבן זנו זיין זון פול פעלדר אונ דער זון האט זייער פול מוה גהאט צו בארבוטון אלע פעלדר וויא דער מלך האט גזעהן דאס זיין זון במוהוט זוך זייער אונ זייא· הט ער אום צו רעכט גמאכט איין גארטן אונ האט גבראכט אלי מעדני עולם אונ האט גפלאנצט אונ דעם גארטן כדי דער זון זאל נאר אונ דעם איינם גארטן דארפן ארבטין אזו אוך הקב"ה האט גגעבן צו ישראל (תורה נביאים וכתובים) אונ הט גזאגט צו זייא ווער עס וועט זוך במוהן אונ זייא אזו אוז קיין עך נוט צו זיין שכר אונ ווער עס קען זוך נוט במוהון אונ זייא איז גוגוג פר אים דאס ער זאל ליינון קריאת שמע פרוא אונ אוף דער נאכט : (ובשישראל קורין אותה) אונ ווען דו ישראל ליינון קריאת שמע אזו נודרון דיא מלאכי השרת פון דעם הומול צו הערן זו פון זייא · אונ גאט זאגט ווער איז אזו ווי דם פאלק ישראל איין איינציג פאלק אוף דער ערד דרום זאל דער מענש זיין גוהוט צו ליינון קריאת שמע מוט פארכט אונ כוונה דען אזו שטייט אונ מדרש רבי ברכיה זאגט איין מלך בשר ודם ווען ער שוקט זיין ברוף אונ זיין מדינה וואס טין דו לייט פון דער מדינה זייא שטייאון אוף אוף זייערו פום אונ

דעקן

דעקן אוף זייערו קעפ אונ ליינן די ברוך מוט פארכט אונ מורא אונ מוט שרעקונוש אונ צוטערנוש אבר הקב"ה זאגט צו ישראל מיין ברוך ווס איך האב איך גהייסן ליינן דאס אוז קריאת שמע האב אוך איך גיט מטריח גוועהן צו ליינן זוא שטייענדוג אוף אייערו פוס אונ אוך נוט מוט איין אוף גדעקטן קאפ נייערט וויא דוא ווילסט אפילו ווען דו גייסט אונ וועג מעגסטו אוך קריאת שמע ליינן :

פרק נח (כל אדם ישתדל להיות זהיר בתפלתו) אוטליכר מענש זאל זיין גוהוט אונ זיין תפלה ער זאל זוא זאגן מוט מורא אונ מוט צוטרנוש אזו וויא איינר שטייט צו בעטן אוף זיין לעבון פון פר גאט וואס ער אוז דר האר פון דער גאנצר וועלט (מצאתי במדרש) איך האב גפונן אין איין מדרש דאס אמענש אוז מחויב צו שאקלון זוך אונ זיין תפלה וייל עס שטייט אין פסוק אלע מיינע ביינר טון ריידן אונ אזו אוז אוך דער מנהג פון די חסידים אזו וויא מיר לערנן אונ פרק אין עומדין רב המנונא זאגט פיל גרוסי דינים קענון מיר אפ לערנן פון דער תפלה פון חנה דען בייא חנה שטייט אונ חנה האט גרעט מוט איר הארץ פון דאנן לערנן מיר אפ דם דער וואס טוט תפלה מוז מוט דעם גאנצן הארצן תפלה טון אוך שטייט נייערט אירו ליפן האבן זוך געשאקילט פון דאנן לערנן מור אפ דאס מען מוז דוא ווערטער ארויס ריידון מוט דוא לעפצון איר קול אוז נוט ווארן גהערט פון דאנון לערנון מור אפ דם דער מענש זאל נוט לאזון הערון זיין קול אונ שמונה עשרה · אונ עלי האט זוא גרעכנט פר אשוכור אונ אוז ברוגז גוועהן אוף איר וואס זוא הט מתפלל גוועהן · פון דאנן לערנן מור אפ דאס אשוכור טאר נוט דאווינן קיין שמונה עשרה אונ עלי האט זוא גשטראפט אונ הט איהר גזאגט וויא לאנג וועסטו זיין שיכור פון דאנן לערנן מור אפ ווען איינר זעהט אונ זיין חבר איין מיאוסה זאך אוז ער מחויב אים צו שטראפן אונ חנה האט געענפרט איך בון נוט שוכור נייערט אוך בון איין אשה וואס האט אשווער גמוט האב אוך עס אזו ערינסט תפלה גטאן פר גאט פון דאנן לערנן מיר אפ דם ווען מען איז איינם חושד אונ אזאך אונ די זאך אוז נוט אונ אום דם ער מוז מודיע זיין צו די וואס זענן אום חושד דם מען אוז אום אום זונסט חושד אונ עלי האט איר געענפרט גייא לשלום פון דאנן לערנן מור אפ דאס ווען איינר האט דעם אנדרן חושד גוועהן אומזוסט דם ער מוז אום איבר בעטן ער זאל אום מוחל זיין אונ ווען דר מענש דאווינט אום שמונה עשרה מוז ער גיין דרייא טרוט הונטר זוך אונ זאל זוך בוקון

אונ

אונ זאל זאגן (עושה שלום) פון וועגן כבוד השכינה וואס זו האט געריט אין דעם אורט וויא ער האט תפלה גטאן איבר דעם דארף מען דאווינן מוט גרוס כוונה · ווארן אז מען בעט אפילו אקיסר אטובה וואס ער איז אבשר ודם שטייט מען מוט דרך ארץ אונ מען האט אונ זין וואס מען רעט מכל שכן פר השם יתברך וואס מען בעט פון אים אלדינג דארף מען אווראי זאגן מיט כוונה :

פרק נט (סדר תפלת השבת) דער סדר פון תפלות שבת שטייאן שוין בשיידלך אונ איטליכר בר ישראל מוז זאגן ויכלו פרייטאג באנאכט ווארון מוט דעם זאגט מען עדות אז גאט הט די וועלט באשאפן דרום מוז ער זאגן (ויכולו) שטייאנדיג ווארום ווען מען זאגט עדות מוז מען שטיין · אונ די תפלות פון שבת אונ יום טוב זאגט מען נוט די מיטלסטי ברכות פון שמונה עשרה אזו וויא מען דאווינט אונ דער וואכין · ווארן אונ דיא ברכות בעט מען אויף פרנסה · אונ מען זאל נוט האבין קיין צער אונ שבת טאר מען דאס נוט אונ זין האבן · אונ אין מוצאי שבת מאכט מען הבדלה איבר איין כוס וויין דען עס ווערט אן גזעהן דאס ער באלייט דעם מלך אונ ווערט אפ גשייד פון אום מיט שמחה מוט איין כוס של ברכה · אונ דרום הבן אונזרע חכמים גזאגט אויף דעם וואס איז געהיט דרינן צו מאכון הבדלה איבר איין כוס וויין דאס ער איז פון דיא לייט וואס ירשנן עוה״ב אזו וויא מיר לערנען אונ ערבי פסחים רבי יוחנן זאגט דרייא זענין פון דיא לייט וואס ירשנן עולם הבא דהיינו דער וואס וואנט אונ ארץ ישראל · אונ דער וואס איז מגדל זיינע קינדר צו תלמיד תורה · אונ דער וואס מאכט אין מוצאי שבת הבדלה איבר וויין · אונ אין מוצאי שבת נאך הבדלה זאגט מען זמירות וואס אליהו הנביא איז גדאכט אונ זיי וויל ער וועט קומן זאגן צו ישראל דאס די גאולה קומט אן דען מיר לערנן אונ עירובין עס איז פר זיכרט צו ישראל דאס אליהו הנביא וועט נוט קומן איין בשורה צו זאגן אויף דער גאולה נוט אונ ערב שבת אונ נוט אין ערב יום טוב דען וויל ישראל האבן דענסטמאל צו טון מיט שבת אונ יום טוב וועלין זייא אוועק לאזון שבת אודר יום טוב מאבן אונ וועלן גיין אליהו הנביא מקבל פנים זיין דרום ווען דער שבת גייט אוועק דען קען אליהו ווידר קומן גרעגקן מיר אום אונ זמירות אונ מיר בעטן פון אונזער גאט ער זאל אום שיקן צו זאגן אונז איין בשורה טובה דאס מיר וועלן דער לייזט ווערון · אונ דער מנהג איז דאס דר חזן מאכט פרייטאג צו נאכט קידוש אונ שול אונ הבדלה אונ מוצאי שבת כדי ער זאל מוציא זיין דיא ארימע לייט וואס האבן נוט

קיין וויין אויף קידוש אונ הבדלה אזו וויא מור לערנן אונ פרק תעניות. אלו רבי האט גוזר תענית געוועזן ווייל עס הט נוט גרעגנט הט אילפא זיך גשמעלט דאווינן פר דעם עמוד אונ וויא ער האט גזאגט (משיב הרוח) האט איין ווינט אן גהובין צו וויאן אונ וויא ער הט גזאגט (ומוריד הגשם) הט אן גהובן צו רעגנן האט רבי אים גפרעגט וואס זיינע מעשים זענן וואס זיין תפלה איז אזו באלד דר הערט גוואָרן הט ער גזאגט איך וואן אינ איין דארף וויא ארימע לייט זענן אזו במיה איך מוך אינ ברענג וויין אויף קידוש אונ הבדלה אונ בון זיי אלע מוציא דר מוט דעם זכות האב איך:

פרק ם (בִּרְכַּת הַלְּבָנָה) דו בְּרָכָה וואס מור מאכין ווען מור זענן מחדש די לבנה דאס איז צו מאכין אמת צו אונז דאס אלץ קומט פון גאט אונ ער הט אלץ בשאפן אונ דורך זיין זאג איז אלץ וואָרן גטאן אונ קיין שום מענש זאל נוט טראכטן דאס עס איז אונ דער מאכט פון איין שום בשעפניש צו טון איין זאך אונ דער וועלט גוטס אודר בייז אן דעם ווילון פון גאט זיין בשעפר אונ דרום האבן אונזערע חכמים גזאגט דר וואס מאכט איין ברכה אויף דעם בנייאונג פון דער לבנה איז גלייך וויא ער איז (מְקַבֵּל פְּנֵי הַשְּׁכִינָה) אונ זיי האבון גבראכט איין ראיה דער צו פון דעם פסוק אזו וויא מור לערנן אונ סנהדרין די ישיבה לייט פון רבי ישמעאל האבון גלערנט ווען ישראל וואלטן נאר זוכה גוועזן צו דר איינע מצוה פון קידוש החודש וואס דס איז גלייך וויא זייא זענון (מקבל פני השכינה) אזו וואלטן זיי אויך פיל שבר דרויף גהאט דס זיי וואלטן גענוג גהאט דריינן. זאגט אביי דרום מוז ער זאגן די ברכה פון קידוש החודש שטייענדיג פון כבוד השכינה וועגון. מרימר אונ מר זוטרא הט איטליכר פון זייא גטאן זיין האנט אויף זיין חברס אקסל בשעת קידוש הלבנה פר גרוס שמחה וואס זיי האבון גהאט פון דר מצוה. רב אחא הט גזאגט צו רב אשי אונ ארץ ישראל מאכט מען אזו איין ברכה בשעת קידוש הלבנה (בָּרוּךְ מְחַדֵּשׁ חֳדָשִׁים) הט רב אשי גזאגט צו רב אדא אזו איין ברכה וויא דו זאגסט קענן אונזערי ווייבר אויך מאכון נייארט מען מוז זאגן די ברכה אזו וויא רב יהודה הט גזאגט (בָּרוּךְ אַתָּה ה׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר בְּמַאֲמָרוֹ בָּרָא שְׁחָקִים וגו׳) דס ער לובט גאט דאס ער הט מוט זיין זאגון בשאפן די הימל אונ דיא לבנה אונ אלע חיילות פון דעם הומול אונ ער לאזט אוים (בָּרוּךְ מְחַדֵּשׁ חֳדָשִׁים) גלובט איז גאט וואס ער בנייאט די ליכט פון דער לבנה אלע חודש. אונ כל זמן די לבנה ווערט גרעסר אונ שיינט מער מעג מען זיא מחדש זיין אונ איין ברכה. מאכון איבר איר אזו וויא מור זאגן אונ דער

# קיצור מנורת המאור פרק ם

גמרא רב אחא בר חנינא זאגט פון וועגן רב אבי פון וועגן רבי יוחנן מען מעג די לבנה מחדש זיין ביז איר פגימה ווערט דער פילט זאגט רבי יעקב פון וועגן רב יהודה דם איז ביז זיבן טאג אינ חודש אונ די חכמים פון נהרדעא זאגין מען מעג זי מחדש זיין ביז זעכצען טעג אינ חודש אונ זיי קריגן אונ דעם מיינונג פון רבי יוחנן דער וואס זאגט ביז זיבן טעג האט מען זוא גאר צייט מחדש צו זיין לערנט ער ביז איר פגימה ווערט דער פילט ביז האלב אזו וויא דאס געשטאלט פון איין בויגן ווען איין שניר איז דריבר איבר געצויגן ביז דער צייט מעג מען זי מחדש זיין אונ ניט לענגר אין דר אנדערר זאגט מען מעג זי מחדש זיין ביז זי ווערט אונ גאנצן דר פילט אונ קיילבדיג אזו וויא איין זיפ דאס איז ביז זיא ווערט זעכצן טאג אלט · (וגרסינן) אונ מיר לערנען אונ (מסכת סופרים) מען זאל די לבנה מחדש זיין אום מוצאי שבת וויל דענסט מאל איז דער מענש פריילך אונ גייט אן גטאן שיינע קליידר דען עס איז מער שבח פר האנדן ווען ער טוט דיא מצוה בשמחה אונ גייט אונ שיינע קליידר אונ ער זאל קוקן מיט זיינע אויגין אקעגן דער לבנה אונ זאל זיינע פיס ביי אנאנדר שטעלן ווען ער איז זיא מחדש אונ זאל זאגן דרייא מאל איין גוטר סימן זאל זיין צו אונז אונ צו כל ישראל אונ זאל זאגן (ברוך יוצרך) אונ זאל דרייא מאל אונ דר הויך שפרינגן אונ זאל זאגן איטליכם מאל (כשם שאני רוקד כנגדך וכו׳) אזו וואל וויא איך שפרינג אקעגן דער לבנה אונ קען ניט אן רירען אונ דור אזו אויך ווען אנדרע לייט וועלן שפרינגן אקעגן מיר צו מזיק זיין מיך זאלן זייא ניט קאנן אן רירען אין מיר אונ ער זאגט (תפול עליהם אימתה ופחד וגו׳) די גאט זאלסט מאכן פאלן אויף מיינע פיינט איין פארכט אונ איין אנגסט אונ זאגט ווידר די ווערטר צורוק אונ אזו זאגט ער דרייא מאל אונ זאגט (אמן הללויה) אונ זאגט דר נאך צו זיין חבר (שלום עליך) דריי מאל אין דר נאך זאל ער אהיים גיין מיט איין פריילך הארץ דאס ער האט זוכה געווען די מצוה צו טון אונ מקבל פני שכינה צו זיין אונ איין טייל זאגן אז (ברוך יוצרך ברוך עושך ברוך קונך ברוך בוראך) מאכן די ערשטע אותיות יעקב דען די לבנה ווייזט אויף יעקב דם ער ציילט נאך דר לבנה נאך אונ האט אויך איין חלק בעולם הזה ובעולם הבא אזו וויא די לבנה שיינט טאג אונ נאכט אזו וויא מיר האבן אונ פריערין פרק געשריבן · (וגם מצינו) אויך געפינן מיר איין בנייאונג צו די אבות בעולם הבא ווען ראש חודש איז דם די לבנה בנייאט זיך אזו וויא מיר לערנן אונ (השוכר את הפועלים) אליהו הנביא איז געוויינטליך געוועזן צו קומן אונ דער ישיבה פון רבי אטאג איז געוועזן

דאש

ראש חודש האט ער זיך גזוימט אונ איז ניט גקומן וויא ער איז דער נאך גקומען דט אום רבי גפרעגט ווארום ער הט זיך אזו גזוימט הט ער גזאגט עס הט גדויערט איי איך האב אויף גהויבן אברהם אבינו פון זיין גלעגער אונ האב אום גגעבן וואסר דו הענט צו וואשין אונ ער הט תפלה גטאן אונ איך האב אום ווידר שלאפן גלייגט אונ אזו אויך האב איך גטאן צו יצחק אונ אזו אויך צו יעקב דרום האב איך נוט גקענט קומן הט רבי גזאגט צו אליהו ווארום הייבסטו זיי נוט אויף אלע אונ איין מאל דאס זיי זאלין אלע בייא גלייך תפלה טון דען וואלסטו גשווינד פארטיג גווארן הט אליהו גזאגט איך האב קיין רשות נוט זיי גלייך צו לאזין תפלה טון ווארום זיי וועלן זיך שטארקן תפלה צו טון אונ וועלין ברענגן משיח פר זיין צייט דרום מוז איך זיי איינציג וויים אויף שטעלן תפלה צו טון האט רבי גזאגט צו אליהו איז דא זייער גלייכן אויף דר וועלט דאס גאט זאל זייער תפלה אן נעמין ווען אזעלכי דריי לייט זאלן מיט אנאנדר תפלה טון האט אליהו גזאגט עס איז דא רבי חייא מיט זיינע קינדר ווען זיי זאלין גלייך תפלה טון אזו וועט זייער תפלה דער הערט ווערין: אמאל הט די וועלט זייער נייטיג רעגין גדארפט האט רבי גוזר תענית גווען אונ הט רבי חייא מיט זיינע קינדר גשטעלט פר דעם עמוד תפלה צו טון אזו וויא באלד ער הט גזאגט (משיב הרוח) הט גוויאט אווינט אונ וויא ער הט גזאגט (מוריד הגשם) איז גגאנגן רעגין אונ וויא ער הט גוואלט זאגין (מחיה המתים) הט די וועלט גשטוירמט אונ די מתים האבין גוואלט לעבדיג ווערין הט מען גזאגט אונ הימל ווער הט דעם סוד מגלה גווען דס די תפלה פון רבי חייא מיט זיינע קינדר וועט דער הערט ווערין הט מען גזאגט אליהו הנביא הט מגלה גווען אזו הט אליהו הנביא זיי צו שייד אונ מקבל גווען די תפלה · פון דאנן לערנן מיר אף דם אונז ראש חודש ווען די לבנה בנייאט זיך איז אויך איין בנייאונג אונ דעם עולם וויא די נשמות זענין:

פרק סא (הקב"ה) גאט ב"ה טוט נסים אונ וואונדר מיט ישראל אלע צייט ווען זיי דארפן עס נייטיג האבין כדי צו ווייזן איין גרוסקייט אויף דר וועלט אונ כדי מען זאל נוט מיינין דאס די וועלט ווערט אלץ גפירט נאך דעם נאטור נאך דרום טוט גאט צו צייטן ניסים וואס אקעגן דעם נאטיאר איז צו ווייזין דאס גאט יתברך הט בנייאט אונ בשאפן די וועלט פון נישט אונ אין זיין מאכט איז צו פר ענדרן די וועלט פון גישט אונ אין זיין מאכט איז צו פר ענדרן דיא וועלט פון איר נאטואר אונ צו טון אונ איר וואס עס וואל גפעלט אונ זיינע אוגין · אונ פון די גרוסע ניסים וואס

גאט

# קיצור מנורת המאור פס״א

וואס האט געטאן מיט ישראל און צווישן זיי גווען דר נס וואס ער האט געטאן מיט זייא און בית שני אז די עובדי כוכבים ומזלות האבן זיך געשטארקט איבר די חשמונאים וואס זיי זענן גווען מלכים און כהנים׳ און די עובדי כוכבים ומזלות האבן מטמא גווען אלע בוימלן וואס אין בית המקדש איז גווען און דער נאך אז די חשמונאים האבן זיך געשטארקט מיט גאטס הילף און האבן מנצח גווען די עובדי כוכבים ומזלות האבן זיי מיין נוט געפינן נאר איין קריגל מיט ריינעם בוימל וואס און אום איז נאר גווען צו ברענן אטאג אין דר מנורה פון דעם בית המקדש איז איין נס געשעהן דריגען דאס מען האט אכט טאג גברענט פון דעם קריג ביז מען האט ווידר ריינם בוימל בקומן אזו וויא מיר לערנן און מסכת שבת די רבנים האבן גלערנט פינף און צוואנציג טאג און כסליו הייבן זיך אן אכט טאג חנוכה דארף מען און זיי קיין הספד נוט מאכן אויף איין מת און נוט גוזר תענית זיין דען אז דיא עובדי כוכבים ומזלות זענן אריין גגאנגן און היכל און בית שני און די טעג פון די חשמונאים איז האבן זייא מטמא גווען אלע בוימלן וואס און בית המקדש איז גווען און וויא דם מלכות פון די חשמונאים האבן זיך געשטארקט און האבן מנצח גווען די עובדי כוכבים ומזלות אזו האבן זייא געזוכט און האבן מיין נוט געפינן נאר אקריגל מיט בוימול וואס איז גווען פר חתמת מיט דעם חותם פון דעם כהן גדול און זיי האבן דר קענט דאס די עובדי כוכבים ומזלות האבן נוט אן גרירט דריגן און עס איז און אים נאר גווען בומל צו ברענן איין טאג און דר מנורה איז איין נס געשעהן דריגן און מען האט דר פון געברענט אכט טאג און דעם אנדרן יאר האבן זיי די אכט טאג גמאכט פר יום טוב ביז אייביג מען זאל הלל זאגן און גאט לובן און זיי (ומצינו) און מיר געפינן דאס דעם גרוסן נס פון חנוכה וואס מיר האלטן היינט אין דעם לאנגן גלות האט די תורה אן געוויזן אונז און פרשת בהעלותך און האט אנגפלעקט דם אזו איין חנוכה וועט קומן דורך די קינדר פון אהרן הכהן אזו וויא עס איז מרומז און מדרש אגדה וואס רש״י ברענגט און פרשת בהעלותך און אזו שרייבט רש״י פון דעם מדרש אגדה וועגן וואורום שטייט די פרשה פון דער מנורה לעבן דער פרשה פון חנוכת המשכן ווס איטליכר נשיא האט מקריב קרבנות גווען און דעם חנוכת המשכן דען וויא אהרן הכהן האט געזעהן דאס אלע נשיאים האבן מקריב קרבנות גווען און חנוכת המשכן און ער און זיין שבט זענן נוט גווען צווישן זיי דען זיי זענן ניט גבאטן גווארן דריגן האט ער זיך מצער גווען דריבר האט גאט גזאגט צו אהרן ביי דיין לעבן געשווארן דאס דיין זאך וועט גרעסר זיין פון זייער זאך׃

זאך דען דוא זאלסט אלע פריא מארגן אום ריינעגן די רעדלך פון דער מנורה אונ גרייט מאכן זיי צו אן ציגדן זיי אונ אלע פר נאכט זאלסטו זיי אן צינדן אונ דם אוז איין גרעסרע זאך וויא זיי האבן גטאן. (וכתב הרמב״ן) אונ עס שרייבט דרוף דער רבי משה בר נחמן דם קען נוט גמיינט זיין די מנורה פון דעם משכן דען אוז קשה ווארום הט גאט נוט גטרייסט צו אהרן מיט די קטורת וואס אהרן הט מקטיר גוועז אלע פריא אונ פר נאכט אונ דם אוז איין גרוסע זאך גוועז אזו וויא דר פסוק לובט די קטורת אונ זאגט (ישימו קטורה באפך) די כהנים מאכן אויף גיין דאס דעמפונג פון קטורת אונ דיין נאז אויך הט אום גאט גקענט טרייסטן מוט דר עבודה וואס אהרן הט גטאן אונ יום כפור וואס דורך דעם הט גאט פר גיבן די זינד פון ישראל אונ אויך נאך אנדרע קרבנות הט אהרן מקריב גוועז אונ ווידר אוז קשה אהרן הט דאך אויך מקריב קרבנות גוועז אונ חנוכת המשכן אלע ערשטע זיבן טאג וואס מען הט דאס משכן מחנך גוועז ממילא אוז דאך זיין קרבן גרעסר גוועז פון די קרבנות פון די נשיאים נוא ווארום הט זוך דר אהרן מצער גוועז נייארט די אגדה אוז מרומז אוף די נרות פון חנוכה וואס אהרן אוז דער מוט גטרייסט גווארן דאס דער נס פון חנוכה וועט גשעהן דורך דוא חשמונאים די כהנים די קינדר פון אהרן אונ אזו וויא דאס אייגענע לשון שטייט אוך אונ איין ספר מגלת סתרים דען ער ברענגט דעם מדרש אגדה אונ שרייבט אוך האב גזעהן אונ מדרש שטיין וויא די צוועלף שבטים האבן מקריב קרבנות גוועז בשעת אז מען הט דעם משכן מחנך גוועז אונ שבט לוי הט נוט מקריב גוועז מוט זיי אזו האט זוך אהרן הכהן מצער גוועז הט הקב״ה גזאגט צו משה זאג צו אהרן ער זאל זוך נוט מצער זיין דען עס איז איין אנדר חנוכה פר האנדן וואס מען וועט ליכט דריגן צינדן אונ איך וועל אונ דר דאזיגר צייט ניסים טון דורך זיינע קינדר אונ אגרוסע הילף צו ישראל אונ דער נס וועט ווערן גערופן אוף זיינע קינדערם נאמן דוא חשמונאים הכהנים דהיינו חנוכת בית חשמונאי דרום שטייט אונ דר תורה די פרשה פון דר מנורה ביי דר פרשה פון חנוכת המשכן בוז אהער שרייבט דער רמב״ן (וכתב בתנחומא) אוך שטייט אונ מדרש תנחומא דם הקב״ה הט גזאגט צו משה גייא אונ זאג צו דיין ברודר אהרן ער זאל קיין מורא נוט האבן אונ זאל זוך נוט מצער זיין וויל ער הט קיין חלק נוט גהאט אונ חנוכת המזבח דען איין גרעסרע זאך אוז אן גברייט צו אום דען די קרבנות וענן גאר נוהג כל זמן דאס בית המקדש שטייט אבר די ליכט פון דר מנורה וועלן אייביג לייכטן אונ אוך די ברכות וואס אוך האב אום גגעבן צו בענשן

# קיצור מנורת המאור פס״א סב סג:

דיא ישראל די וועלין איביג נוט בטל ווערין אזו שטייט אונ מדרש שרייבט דרויף דער רמב״ן עס איז צו פרעגן וויא הט גאט גזאגט די מנורה וועט איביג לייכטן אונ וועט נוט בטל ווערין מיר זעהן דאך דאס נאך דעם דס דר בית המקדש איז חרוב גווארן אונ מיר קענן קיין קרבנות נוט מקריב זיין איז דאך די מנורה פון דעם בית המקדש אויך בטל גווארן נייארט עס איז אזו גמיינט די מנורה פון חנוכה די וועט אן געצינדן ווערין אונ גלות נאך דעם חורבן אויך אונ אויך די ברכה וואס די כהנים בענשן די ישראל ווען זיא דיכנן דאס וועט אויך נוט בטל ווערין דרום שטיאן די זאכן ביא אנאנדר גשריבן אונ דר תורה פריער שטייט ברכת כהנים אונ דר נאך חנוכת המזבח דיא פרשה פון דר מנורה דס איז גשטעלט גווארן פון וועגן דעם כבוד פון אהרן ווייל זיין שבט הט קיין חלק נוט גהאט אונ חנוכת המזבח שטייט דרום פר חנוכת המזבח ברכת כהנים וואס אהרן הט איביג אונ נאך חנוכת המזבח שטייט די פרשה פון דער מנורה וואס דס וויזט אויף די נרות פון חנוכה וואס דס גווערט אויף איביג :

פרק סב (לפרסם בישראל הנס הגדול הזה) צו מפרסם זיין צווישן ישראל דעם דאזיגען גרוסין נס פון חנוכה האבן אונזערע חכמים מתקן גוועזן מען זאל אלע יאר מאכן איין גדעכניש צו דעם נס מען זאל בענטשן חנוכה לעכט אונ די מצוה איז זיער גליבט דאס ווען דר מענש הט נוט אים שבת חנוכה מער קיין געלד נאר אודר איף חנוכה ליכט צו קופן אידר וויין אויף קידוש אזו זאל ער בעסר חנוכה לעכט קופן · אונ וויל די מצוה פון חנוכה לעכט צו צינדן איז אתקנה פון די חכמים דרום דער וואס איז גהיט אונ דר מצוה צו טון זו וויא רעכט איז וועלן פון אים ארויס קימן קינדר תלמידי חכמים אזו וויא מיר לערנען אונ דער גמרא רב הונא זאגט ווער עס איז גוויינט צו צינדן חנוכה לעכט וויא רעכט איז דער וועט זוכה זיין צו האבן קינדר תלמידי חכמים אונ ווער עס איז גוויינט צו האלטן די מצוה פון מזוזה וויא רעכט איז דער איז זוכה צו האבן אשיינע דירה אונ ווער עס איז גווינט צו האלטן מצות ציצית וויא רעכט איז זוכה צו איין שיינעם טלית · אונ ווער עס איז גוואנט צו מאכן קידוש איבר וויין דער וועט זוכה זיין דס ער וועט דר פילן פעסר מוט וויין אזו וויא מיר האבן אובן גשריבן דס הש״י בצאלט ביי אלימן מדה כנגד מדה :

פרק סג (דבר ברור וידוע) דס ווייסט מען דם הש״י שוקט נוט קיין צרה אויף יודין סייחן זיי האבן עבירות · אונ די שולד וום די ישראל האבן גהאט אויף זוך אונ דוא צייטן פון המן איז גוועזן אזו וויא אונזערע

חכמים

חכמים האבון גלערנט אין מסכת מגילה די תלמידים האבן געפרעגט רבי שמעון בן יוחאי פר וואס האבון די ישראל אזוי פר שולדיגט אונ די צייטן פון המן דם אזו איין שווערע גזירה איז אום געגאנגן איף זיי דאס מען זאל אלע אום ברענגן הט רבי שמעון גזאגט צו זיי זאגט איר האבון זיי גזאגט מיר מיינון זיי האבון פר שולדיגט וויל זיי האבון הנאה גהאט פון דר סעודה פון אחשורוש הט רבי שמעון גזאגט עס קען דר טעם נוט זיין דען ווען דאס זאל דר טעם זיין וואלט די גזירה נאר געהערט צו זיין איף די יהודים וואס האבון גוואנט אין שושן די האבון איין הנאה גהאט פון דער סעודה וואס האבון דען פר זינדיגט די יהודים וואס אין דר גאנצר וועלט דען המן האט דאך גוואלט אלע יהודים אום ברענגן האבן די תלמידים גזאגט צו רבי שמעון זאג די אונז דעם טעם הט רבי שמעון גזאגט זיי האבון פר זינדיגט וויל זיי האבן זיך גבוקט צו דעם צלם וואס נבוכדנצר האט איף געשטעלט האבן זיי ווידר גזאגט נוא ווארום הט זיי גאט דען עס פר גובן אונ הט זיי איין נס גוטון זיי זענן דאך אונ אמת חייב מיתה גוועזן איבר אזו איין גרוסן חטא הט רבי שמעון גזאגט די ישראל האבן זיך גבוקט נאר לפנים וויל זיי האבן מורא גהאט פר נבוכדנצר אבר זיי האבון עס נוט אן גנומן פר איין גאט הט הקב״ה די גזירה איף זיי אוך נאר לפנים גמאכט צו מאכון זיי איין מורא כדי זיי זאלון תשובה טון אונ דס זאגט דר פסוק דען גאט הט נוט גפיינגט דיא ישראל מוט דר גזירה פון המן פון זיין גאנצן הארצן נייערט ער הט זיי נאר טרויעריג גמאכט כדי זיי זאלון תשובה טון׃ (והקב״ה) אונ הקב״ה הט גפערדרט צו ישראל איין רפואה פר דער צרה דם ער האט גהייסן געבן מחצית השקל אזו וויא מור לערנן אין דר מסכת מגילה רבי שמעון זאגט עס איז אנטפלעקט אונ געוויסט גוועזן פר הש״י דאס המן וועט לסוף וועגן שקלים צו קופין מוט זיי די ישראל פון אחשורוש דרום האט ער גהייסן מען זאל פר דער צייט פון י״ד אדר גיבן איין מחצית השקל) אזו וויא מור האבון גלערנט אום ראש חודש אדר האט מען אוים גרופן די לייט זאלן ברענגן איין מחצית השקל אין בית המקדש׃ אונ הש״י האט גפירט דאס אסתר המלכה זאל ביי אחשורוש חן האבון דאס זי איז גוועזן איין גרויסע צדקת אונ הט געוויסט צו טון דיא זאך בחכמה דאס דער מלך זאל איר געבון איר גבעט אונ באגער אונ זי הט המן אן גבריים אונ גבעטן איף דר סעודה פון פיל טעמים וועגן אזו וויא אין דר גמרא שטייט די רבנים האבון גלערנט ווארום הט אסתר גבעטן המן איף דער סעודה רבי אליעזר זאגט זוא הט אום דר מוט איין נעץ אן גבריים צו חאפן אום אין דר נעץ

אזו

# קיצור מנורת המאור פס״ג

אזו וויא אונ פסוק שטייט זייער טוש זאל זיין צו זיי צו איין נגע רבי יהושע זאגט פון אור פאטרם הויז געזינד האט זו זיך דם אפ גלערנט רען זו הט זייא גהערט לערנן דעם פסוק ווען דיין פיינט אוז הונגעריג מאך אום עסון ברוט דען עס אוז גלייך ביי אור וויא דו שארפסט אום דער מוט הייסע קולון אויף זיין קאפ אונ גאט וועט אום איבר ענפרן אונ דיין האנד רבי מאיר זאגט זו הט אום דרום גבעטן אויף דר סעודה כדי ער זאל זיך דער ווייל קיין עצה ניט האלטן צו מורד זיין אונ דעם מלך דען זו הט גזעהן דאס וויא המן קערט זיך אוז ער מצליח רבי יהודה זאגט זו הט עס דרום גוטון כדי מען זאל נוט דער קענן אז זו אוז איין בת ישראל רבי נחמיה זאגט זיא הט עס דרום גטאן כדי דו ישראל זאלן נוט זאגן מור דארפן קיין מורא ניט האבון פר דער גזירה פון המן דען אונזער שוועסטר אסתר אוז איין מלכה וועט זו דו גזירה מבטל זיין אונ וועלן קיין תשובה נוט טון דרום הט זו גבעטן צו המן אויף דר סעודה כדי דו ישראל זאלון זאגן אסתר אוז אויך מסכים מוט המן וועלן זיי מורא האבון אונ וועלן תשובה טון כדי צו מבטל זיין די גזירה רבי יוסי זאגט זו הט עס דרום גטאן כדי ער זאל זיין גוויינטליך בייא אור טאמע וועט זו אום קענון מוט איין זאך שטרויכלן פר דעם מלך רבי שמעון בן מנסיא זאגט זו הט עס דרום גטאן כדי גאט זאל פר זיך נעמן די צרה פון ישראל דם אסתר המלכה מוז מזלזל זיין אונ איר כבוד צו חנפנן דעם רשע צו בעטן אום אויף דר סעודה אונ דורך דעם וועט גאט איין נס טון צו דו ישראל · רבן גמליאל זאגט מור מוזון אויך זאגון וואס רבי אליעזר המודעי הט גזאגט דען ער האט אנגלייבן טעם גזאגט ווארום הט אסתר גבעטן המן אויף דער סעודה דען זו הט דר מוט גמכט דם דר מלך זאל זיך מקנא זיין אונ המן ווארום ער אוז אזו חשוב ביי אסתר דאס מוז עפוס במייטן · אונ דו הארון זאלן זיך אויך מקנא זיין אונ אום ווארום ער אליין אוז ווארון גבעטן צו אסתר אויף דר סעודה אונ דורך דעם וועלון זיי זוכן אום ממית צו זיין · רבה זאגט זו הט עס דרום גוטון רען עס שטייט אונ פסוק איי גאט שטראפט דעם רשע אונ צו ברעכט אום לאזט ער אים פריר חשוב ווערון דרום הט זו אום פול כבוד אן גוטון כדי ער זאל דר נאך איין מפלה האבון אביי אונ רבא האבון ביידע גזאגט עס שטייט אונ פסוק בייא בלשצר (בחומם אשית את משתיהם וגו׳) זעהן מור דם בלשצר האט איין מפלה בקומון אויף דר סעודה דרום הט אסתר זיך גטראכט המן וועט איין מפלה בקומן אויף דר סעודה:

## תם ונשלם חלק ראשון